STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07406

URUGVORTSLEN

I. Vainshenker

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עסטי שיין ווײַנשטיין חתן-מקריב
כ״ז.5.1950
[illegible]

איציק ווײַנשענקער

אורוגוואַרצלען

אוציק ווײַנשענקער

אורוגעוָרצלען

פאַרלאַג „זריעה"

מאָנטעווידעאָ — אורוגוויי

1 9 6 9

IMPRESO EN EL URUGUAY

PRINTED IN URUGUAY

I. VAINSHENKER

URUGVORTSLEN

(GRUPOS ETNICOS EN EL URUGUAY)

Derechos reservados

Hecho el depósito que marca la ley Nº 9739

Copyright by I. Vainsencher

Av. 18 de Julio 2135/102

Montevideo, Uruguay

אָן דער פריערדיקער הסכמה פון אויטאָר איז געזעצלעך פאַרבאָטן
איבערצודרוקן אַפילו נאָר טײלן פון דעם דאָזיקן בוך

Montevideo

1969

דאָס ארויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך איז
סובסידירט געוואָרן מצד דעם קולטור-
פאָנד אויפן נאָמען פון

שפרה סטאַראָשעווסקי ע״ה

(19.2.38 — 5.7.66)

אינהאַלט:

•

זייט:

הקדמה פון באַלעסלאַוו לעווין	10
א פּאָר ווערטער פריער	11
להוי ידוע	16
ארמעניער	17
איטאַליענער	27
גאַלעגן	36
וואסקן	52
יידן	87
כינעזער	130
לבנונער	149
נעגערס	170
קאטאַלאַנען	180
„אורוגואַי"	198
ביבליאָגראַפיע	205
ביז - איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „זריעה"	206

הקדמה

איציק וויינשענקערס אַ בוך — אַ באַנד אײַנגאַנצן זײַנער — איז אַ פריידיקע דערשײַנונג אין דער ליטעראַטור אויף יידיש. איך האָב שטענדיק געהאַלטן, און עס אויך געזאָגט, אַז עס איז אומדערקלערלעך לכאורה דער דאָזיקער געבילדעטער און עמפינדלעכער ליטעראַט פאַרעפנטלעכט (אָדער שרייבט?) אַזוי ווייניק. אוודאי סטימולירט די סביבה אין מאָנטעווידעאָ גאַנץ ווייניק צו פאַרעפנטלעכן אַ בוך אויף יידיש. אָבער פאַרוואָס זאָל וויינשענקער נישט שיקן זײַנע שאַפונגען ערגעץ אַנדערש, אָדער בכלל זיך באַזעצן ערגעץ אַנדערש? דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער מיר איז אוודאי אוממעגלעך צו ענטפערן. אָבער אָט האַלט אין דערשײַנען זײַנס אַן אָריגינעל בוך, וואָס וואָלט געהאַט דערפאָלג אויך ווען עס דערשײַנט אויף שפּאַניש. ס'איז אמת, אַז דאָס בוך איז ניט דאָס ערשטע אויף דער דאָזיקער טעמע, אויף אַנדערע לשונות. עס איז גענוג צו דערמאָנען לואיס אדאמיטש און בצלאל שערמאַן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אָבער דאָס זענען ניט מער ווי קודמים. דאָס פרעזענטירן דאָס לעבן פון פאַרשידענע אימיגראַנטן-גרופּעס אין זייער אַדאַפּטיוו לאַנד איז דאָ מצד וויינשענקערן געמאַכט געוואָרן אָן פרעמדע השפעות, אויף אַ פערזענלעך־אייגנאַרטיקן אופן און אין אַ עכט-הומאַניסטישן גײַסט.

דעריבער דערלויב איך מיר, אויף וויפל דאָס איז מיר מעגלעך, דאָס דאָזיקע בוך וואַרעם צו רעקאָמענדירן צום לייענען און באַלדיקן איבערזעצן און אַרויסגעבן עס אויף שפּאַניש.

בוענאָס איירעס, 2-טער אפּריל 1969

באָלעסלאַוו לעווין

א. ב. ר. ג. ו. ן. א. ר. צ. ל. ע. ן

אַ פּאָר ווערטער פריער

א. ווען איך האָב געזאַמלט דעם מאַטעריאַל און געשריבן די בלעטלעך פון דעם דאָזיקן בוך, האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט, אַז עס וועט דערשיינען אויף שפּאַניש און געהאַט פאַרן אויג דעם לייענער אויף דער דאָזיקער שפּראַך. דעם אַלגעמיינעם און דעם יידישן. איך האָב געוואָלט דערציילן ניט - יידן און דעם יינגערן דור יידן עפּעס וועגן אונדז און וועגן אַנדערע אין ענלעכע סיטואַציעס.

האָב איך געשריבן אויף אַ יידיש, וואָס זאָל זיין וואָס לייכ-טער איבערזעצט צו ווערן... איך האַלט דעריבער פאַר נייטיק זיך דאָ צו פאַרענטפערן: אויב איך ברענג דאָ ווי ווייט מעגלעך אַרום דעם „וואָס" צו וועלכן איך האָב זיך מתכוון געווען, קומט דאָ אָבער בשום אופן ניט צום אויסדרוק אַזאַ שפּראַכלעכער „ווי", וואָס איך האָב ליב.

ב. אָבער איך דאַנק דאָך דעם קאָמיטעט וואָס האָט צו זאָגן איבערן קולטור־פאָנד אויפן נאָמען פון שפרה סטאַראָשעווסקי ע"ה, פאַרן דערלויבן אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן בוך מיטן חותם פון פאָנד. מיין גוטן פריינד, אין לידן און אין פריידן, שלום סטאַראָשעווסקי, שפּרהלעס פאָטער — אַ דאַנק פאַרן איינשפּאַרן זיך און פאַרן כמעט צווינגען מיך, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען אויף אונדזער מאַמע-לשון. כ'בין זיך מודה ומתוודה, אַז הגם איך אַרבעט אַלס יידישער לערער און אויך מיט דער פען, פיל איך אַסך מאָל, אַז אָט-אָט „לאָז איך אַראָפּ די הענט". דעריבער אַדאַנק שלום סטאַראָשעווסקין פאַרן אָפּטן אויסמוסרן מיך.

ג. אָפּהענגיק פון אייגענעם געזונט און פון דעם ווי דאָס בוך וועט אויפגענומען ווערן, וועט אפשר דערשיינען אויך אַ 2־טע טייל, פּשוט דערפאַר ווייל אין אורוגוויי זענען נאָך פאַראַן אַנדערע עטנישע גרופּעס, וואָס זענען דאָ ניט „אַריינגעקומען".

ד. וואָס פאַר אַ כּוונות איך האָב געהאַט מיט דעם בוך — האַלט איך ניט פאַר נייטיק צו זאָגן אין אַ פּירוואָרט. דער לייענער וועט זיי טרעפן אויף אַלע זייטלעך — פון ערשטן ביזן לעצטן. זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט. זאָל יעדער לייענער זיי מצרף זיין צו אַ גאַנצן איינס.

ה. און לסוף:

ווער איז געווען שפּרהלע סטאַראָשעווסקי ע״ה?

י״ח תמוז ד. י. געפאַלט איר דריטער יאָרצייט. ווען זי האָט אונדז פאַרלאָזט, איז זי אַלט געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר. אַזוינס טוט מען ניט. מע טוט אַזוינס ניט אָפּ, ניט קיין עלטערן און ניט קיין לערער. און שפּרהלע איז אַמאָל געווען מיינע אַ תּלמידה. אָבער זי איז ניט שולדיק. זי, דאָס טייערע קינד, איז צוגענומען געוואָרן פון אַ שלאָפקייט וואָס איז ניט מוחל, האָבן די עלטערן, רחל ע״ה, שלום און דער ברודער, אריה, איינגעשטעלט אויף איר נאָמען אַ קולטור - פאָנד וואָס זאָל אויסטיילן יערלעכע פּרעמיעס פאַר אַרבעטן אויף יידיש, אָדער פאַר זינגען אויף יידיש.

אוודאי וואָלט געווען גוט, אַז דאָס צוטיילן אַ פּרעמיע פאַר אַ חיבור אויף יידיש אָדער פאַר זינגען יידישע לידער, זאָל זיך אוועקציען אַזוי לאַנג, במשך דורות אפילו, ביז עס זאָל קומען אַ צייט, ווען איין מאָל אין יאָר, ערב דעם אויסטיילן די פּרעמיע, זאָל עמיצער פרעגן „ווער איז געווען שפּרהלע סטאַראָשעווסקי?”. און דעמאָלט זאָל ניט זיין קיינער וואָס האָט זי געקענט פערזענלעך און מע זאָל דאַרפן פרעגן ביי אַלטע מענטשן צי זיי האָבן ניט געהערט פון זייערע עלטערן, אָדער מע זאָל מוזן זוכן אין אַלטע צייטונגס-אויסשניטן.

אָבער היינט — ווען מיר, אין וועמענס הערצער זי איז איינגעבאַקן און זי לעבט נאָך אין אונדז ווי אַ פרישע ווונד; ווען מיר זענען נאָך דאָ — לאָמיר דערציילן וועגן איר.

פאַראַן זאַכן וואָס אַן אורוגווייער יידיש קינד דאַרף זיי לערנען במשך עטלעכע יאָר אין אַ יוגנט - אָרגאַניזאַציע אָדער אין אַ מיטלשול. שפּרהלע האָט דאָס ניט געדאַרפט לערנען אויף אַזאַ אופן, ווייל זי איז אויסגעוואַקסן אין אַזאַ יידישער שטוב, ווו די לופט איז געווען אַ געזעל-

שאַפּטלעך - יידישע און אַ ציוניסטישע. זי האָט אַזאַ לופט אין זיך אריינגעאָטעמט. זי האָט געאָטעמט מיט די באַגריפן: קהלה, יידישע לשו-נות, ציוניסטישע פּאַרטייען, ארץ ישראל, אידעאָלאָגיעס, קאָנפליקטן, חלוציזם און הגשמה. זי האָט עס מסתמא געהערט אין איר עלטערנס הויז באַלד נאָך די וויג-לידער. זי האָט עס געקאָנט הערן פון איר טאַטן, אין וועמענס געזעלשאַפטלעכער ארבעט זי איז געווען אַ פאַרליבטע און פאַרגלייבטע; זי האָט עס געקאָנט פון איר מאַמע, וואָס איז געווען ווי אירע אַ חברטע; פון איר עלטערן ברודער, וועמען זי האָט מסתמא גע-קוקט אין מויל אריין מיט דרך ארץ; פון זייערע חברים און פריינד וואָס פלעגן אריינקומען אין דעם הויז וואָס איז געווען אַ בית ועד. פון זיי אַלע האָט זי איינגעזאַפּט אידעען און באַגריפן; מיינונגען און מיי-נונגס - פאַרשידנקייטן; אַזוי ווי מע זאַפּט איין מאַמעס מילך.

זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַזאַ הויז, וואָס איז געווען אַמענ-לעכסטן צו דער אַטמאָספער אין דעם מזרח-אייראָפּעישן יידישן שטעטל צווישן די צוויי וועלט-מלחמות. אַ סביבה, אין וועלכער עס איז זעלבסט-פאַרשטענדלעך, אַז לעבן אַליין, סתם פאַר זיך, האָט ניט קיין זין. זי איז אויסגעוואַקסן מיטן געפיל, נאָך איידער עס איז געקומען דער באַ-וווסטזיין, אַז יעדער מענטש איז פאַראַנטוואָרטלעך, טראָגט די אחריות פאַרן לעבן און גורל פון אַנדערע מענטשן. און פאַרשטייט זיך, אַז אַ ייד איז מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן און גורל פון אַנדערע יידן; פון זיין פאָלק. אַ לעבן אָן אַזאַ אחריות איז פאַר שפּרהלען געווען אָן אַ שום זין, אָן שום אינטערעס געלעבט צו ווערן.

און אויב פאַראַנטוואָרטלעך — דאַרף מען זיין קאָנסעקווענט און צאָלן. צאָלן מיט לערנען-זיך; מיט אַנטוויקלען זיך; מיט בילדן זיך; און שפּעטער צאָלן מיט הכשרה און עליה. אַז אין מדינת ישראל איז זי קראַנק געוואָרן און געמוזט אַהיימקומען — דאָס איז שוין ניט געווען אָפּהענגיק פון איר.

אויך ווען זי איז געווען מיין תלמידה, איז דאָס שוין געקומען צום אויסדרוק. דאָס לערנען זיך פלעג ביי איר זיין אַ מין שליחות; אַ מין גרייטן זיך צו עפּעס. אַ גרייטן זיך צום לעבן, אין וועלכן אַ יידישע טאָכטער איז נאָר אַ רינג אין דער קייט און מע דאַרף זיך זאָרגן צו זיין בסדר; אַזוי אַז דער ארום זאָל אַמאָל פון דיר באַקומען דעם מאַקסימום. זיין אַ יידיש קינד איז פאַר איר געווען גלייך צו זיין אַ בעל-חוב און אַ בעל-חוב דאַרף זיין גרייט און קענען צאָלן.

אָרגאַניש און נאַטירלעך האָט זי אײַנגעזאַפּט אַזאַ שטעלונג צום לעבן אין איר עלטערנס הויז און אָרגאַניש און נאַטירלעך האָט זי זיך געהאַלטן אין אַרײַנוועבן אין לעבן ווי אַ בטוח; ווי אַ מענטש אויף וועמען מע קען זיך פאַרלאָזן. אַ מענטש וואָס וועט ניט אַנטווישן, ווײַל נאַציאָנאַלע און טיף־מענטשלעכע אחריות איז אַ טייל פון זײַן מהות, פון זײַן פּערזענלעכקייט. אַזוי איז שפּרהלע געווען, ווײַל אָרגאַניש האָט זי אַנדערש ניט געקאָנט זײַן.

דאָס לעבן בכלל, דאָס יידישע לעבן בפרט, האָט אין איר פאַרלוירן אַ טייערן שותף. אַ שותף וואָס האָט געוואָלט אַסך מער געבן ווי נעמען; אַ שותף וואָס האָט דעם אמתן טעם פון לעבן געפילט אין געבן. אַזוי ווי זי איז געווען אַלס תלמידה, אַזוי איז זי אויך געווען במשך דעם קור־צן פּעריאָד, וואָס זי האָט געאַרבעט אַלס לערערקע; און אַזוי — אַלס אַ הברטע פון „הנוער הציוני" און אַלס עולה.

***

ליגט דעריבער אַזויפיל זין אין דעם וואָס אירע עלטערן און ברודער האָבן געשאַפן אַ קולטור־פאָנד אויף איר נאָמען. זי, מיט איר ליבשאַפט צו אונדזערע ביידע לשונות; זי מיט איר ערנסטער באַציונג פאַרן המשך פון יידישן לעבן, האָט זיך כשר פאַרדינט, אַז איר נאָמען זאָל זײַן אַ סטימול פאַר ווייטער שאַפן אויף יידיש, פאַר ווייטער זינגען אויף יידיש, פאַר ווייטער פילן און טראַכטן יידיש.

***

יעדעס יאָר, ווען מיר, און אַנדערע נאָך אונדז, וועלן הערן פאַר־לייענען אַ שאַפונג אויף יידיש, אָדער זינגען אַ יידיש ליד — זאָל דערי־נען אָפּקלינגען אויך אַ טאָן פון שפּרהלעס אויסגעלאָשן קול אויף דער ערד. זאָלן מיר וויסן און זאָלן וויסן אויך אַנדערע, אַז דערין איז פאַר־וועבט אויך דאָס פרי־אָפּגעהאַקטע לעבן פון אָט דעם טייערן יידישן קינד, וואָס האָט געפילט און געטראַכט ווי אַ דערוואַקסענע; מיט דער אחריות און חוב־באַוווסטזיין פון אַן עלטערן ווי זי איז געווען.

אורנגוואַרצלען

די פאַרוואַלטונג פון קולטור־פאָנד אויפן נאָמען פון שפרה סטאַ־ראָשעווסקי ע"ה שטרעבט און וועט זיך באַמיען, אַז, עס זאָל ניט אויס־געלאָשן ווערן יידישע שעפערישקייט אויף יידיש — אויף דעם לשון וואָס שפרהלע האָט אַזוי גוט געריעדט, געשריבן קאָמפּאָזיציעס, געשפּאַסט און געלאַכט; אַז עס זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן דאָס ליד אויף יידיש, וואָס האָט איינגעזאַפּט דעם טרויער פון יידישע דורות, זייער האָפענונג און זייערע דערוואַרטונגען אויף אַ ליכטיקן טאָג. דאָס אַלץ זאָל איבער־געגעבן ווערן ווייטער, ווי אַ פאָן, וואָס האָט אונדז דערהאַלטן ביים לעבן אין פינצטערע שעהן.

מיר ווילן זיך באַמיען, איינצוועבן דעם גלויבן אין יידישער אייי־ביקייט און די נשמה פון יידישע יוגנטלעכע און דערביי געדענקען, אַז דאָס אַלץ טוען מיר אַלס מיר, ווי יעדער איינער פון אונדז דאַרף עס טון לבשעצמו; אָבער מיר טוען עס אויך אַ ביסעלע אין נאָמען פון איינער וואָס איז געפאַלן אויפן וועג; אין נאָמען פון שפרהלע סטאַראָשעווסקי ז"ל — פאַר יידישע קינדער, צו לאַנגע יאָר זיי און פאַרן יידישן לעבן לעולמי עד.

דער מחבר.

מאָנטעווידעאָ, תשכ"ט.

להוי ידוע:

א) א טייל פון די ארבעטן וואס קומען אריין אין דעם בוך זענען צום ערשטן מאל, אינגאנצן אדער טיילווייז, שוין דערשינען, לויט ווי עס ווערט דא ווייטער אויסגערעכנט:
ארמעניער — „פאלקסבלאט", 16.2.54.
איטאליענער — „היינט", 18.12.66.
כינעזער — „גאסעטא איסראעליטא", 16.9.55.
נעגערס — „היינט", 8.11.64.
„אורוגואי" — „פאלקסבלאט" 26.8.49.

ב) די חשובע לייענער ווערן געבעטן צו נעמען אין אכט א פאר תיקון - טעותן:

1) זייט 96, 10־טע שורה פון אונטן ארויף, דארף זיך מיטן װארט „העברעיש" אנהייבן א נייע שורה.

2) אויף זייט 141, שורה 7 פון אונטן ארויף, אנשטאט דעם װארט „פאנטאזיע" דארף זיין „פאנטעאיזם".

ג) אחרון, אחרון:
כ'האלט פאר מיין חוב דא אויסצודריקן אן עפנטלעכן דאנק דעם פריינד בערל רעזניקאוויטש, דעם אייגנטימער פון דער יידיש - שפאנישער פארלאג־דרוקעריי, וואס איז פערזענלעך גע־ווען דער לינאטיפיסט פון דעם דאזיקן בוך.
איך בין זיך מודה, אז פון איין קארעקטור צו דער אנדערער האב איך אמאל געענדערט אויסדרוקן און אמאל אפילו גאנ־צע שורות. פריינד רעזניקאוויטש האט זיך דערצו באצויגן מיט אויסערגעוויינלעכן געדולד און פארשטענדעניש. איך האב פאר דעם ניט מער ווי קיין ארעמע דאנק - ווערטער, וועלכע איך בעט אים זיי אנצונעמען!

פון מוסאַ דאַג ביז מאָנטעווידעאָ

שוין יאָרן, אַז עס ציט מיך, זיך צו באַקענען מיט אַרמעניער.

ווי עס וועט קענען אַרויסזען דער לייענער פון דעם ביכעלע — ציען מיך צו אַלע עטנישע קאָלאָניעס אין אורוגוויי. ספּעציעל די, וואָס האָבן ניט הינטער זיך קיין גרויסע מלוכות אויף וועלכע זיי זאָלן אָנשפּאַרן זייער אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. דאָס הייסט ניט, אַז איך האָב ניט קיין טיפן דרך־ארץ פאַר די מיטגלידער פון אַזעלכע קאָלעקטיווי־טעטן וואָס האָבן הינטער זיך יאָ גרויסע מלוכהשע אַפּאַראַטן. אָבער ווי אַ זון פון אַ יאָרהונדערטן - לאַנג פאַרפאָלגטן פאָלק — פיל איך אַ ספּע־ציעלע קרובישאַפט צו די זין פון די קליינע און שוואַכע פעלקער. אויב אין דעם דאָזיקן ביכעלע זענען איינגעשלאָסן געוואָרן בינעזער, איז עס ווייל איך האָב זיך פאַרמירט אַלס יונגטלעכער אין אַ וועלט, אין וועלכער דאָס גרויסע בינעזישע פאָלק איז שטענדיק געווען דאָס „וואָס האָט גע־כאַפּט די פעטש" . . .

אין די אַרמעניער האָב איך באַוואונדערט, נאָכן האָבן איבערגעלייי־ענט אַ פּאָר ביכער וועגן זיי און נאָכן אָנזאַמלען פאַרשידענע צייטונגס־אויסשניטן, ניט נאָר זייער אייגנאַרטיקייט, נאָר זייער האַלטן זיך פעסט איינגעקלאַמערט אין זייער אייגנאַרטיקייט. זייער האַלטן זיך גענייניקט, הגם זיי זענען צעשפּרייט ניט ווייניקער ווי יידן; און לסוף — זייער האָבן איבערגעשטאַנען אַן ענלעכע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע ווי די וואָס עס זענען אויסגעשטאַנען יידן.

עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז ווען היטלער ימח שמו, האָט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה גערעדט, אין אַ קרייז פון אייגענע, וועגן פאַר־טיליקן יידן און פאָליאַקן כדי צו געווינען מער לעבנסרוים פאַר דויי־

מישיגן פּאָלק, זאָל ער האָבן צוגעגעבן: „נאָך אַלעמען, ווער געדענקט נאָך הײַנט די אויסראָטונג פֿון די אַרמעניער?!"

די פֿעלקער־מערדער שפּילן אויפֿן שוואַכן זכרון פֿון דער מענטשהייט. פֿאַרשטייט זיך — אַז פֿאַר אַלעמען ווערט דער גענאָסיד באַגינסטיקט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אומסאָלידאַריטעט; און אין אַט דער אומסאָלידאַריטעט וואָרצלט אויך דאָס טויטלעכע פֿאַרגעסן; וואָלטן קריסטן זיך געווען באמת סאָלידאַריזירט מיט זייערע אַרמענישע ברידער, וואָלטן די טערקן ניט געווען געקאָנט אומברענגען אָנדערהאַלבן מיליאָן אַרמעניער אויף די שווידערלעכסטע אופֿנים. און ווען די דאָזיקע אויסראָטונג וואָלט געווען אַרײַנגעדרונגען אין געוויסן פֿון דער מענטשהייט ווי אַ לעקציע און וואָרענונג אויף ווײַטער מער אַזוינס ניט צו דערלאָזן, וואָלט ניט געווען געשען מיט ייִדן דאָס וואָס איז געשען אין 1945-1939.

ווי עס זאָל ניט זײַן — ווען אַ ייִד לייענט וועגן אַרמעניער, פֿילט ער זייער טראַגעדיע ווי עפּעס אייגנס, ווען אַן אַרמעניער הערט ריידן וועגן ייִדן־אויסראָטונג, איז ער „איִיפּערזיכטיק": „און וועגן אונדז ווייסט די וועלט?"...

די צענטראַלע גאַס פֿון דער אורוגווייער הויפּטשטאָט, „דיעז אי אָטשאָ דע כוליאָ", האָט שוין ביז הײַנט געזען שטילע מאַסן־מאַניפֿעסטאַציעס פֿון טרויער, פֿון ייִדן און פֿון אַרמעניער.. אַפּריל 1965 איז געוואָרן אַ האַלבער יאָר הונדערט זינט די טערקן האָבן אָנגעהויבן זייער גענאָסידאַקציע וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן פּאַרטיליקן אָנדערהאַלבן מיליאָן אַרמעניער, מענער, פֿרויען און קינדער; קראַנקע און געזונטע; און נאָר פֿאַר דעם אײנציקן „חטא" פֿון זײַן אַרמעניער; און נאָר כּדי „צו לייזן דאָס אַרמענישע פּראָבלעם" — דאָס הייסט אויסצוראָטן דאָס פֿאָלק כּדי צו קענען ירשענען זײַן ערד. און אין אַפּריל 1968 איז געוואָרן אַ פֿערטל יאָרהונדערט זינט דעם אויפֿשטאַנד פֿון די ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ. דאָס איז דער טאָג וואָס ייִדן האָבן באַשטימט, אַלוועלטלעך צו דערמאָנען די זעקס מיליאָן ברידער און שוועסטער זייערע, וואָס עס האָבן אומגעבראַכט די דײַטשן.

ווען איך לייען, אַז די אורוגווייער רעגירונג האָט דערקלערט דעם 24־טן אַפּריל 1965 אַלס „דער טאָג פֿון דערמאָנען די אַרמענישע מאַרטירער", דערמאָן איך זיך, אַז ענלעכע באַוועגונגען קומען פֿאַר אין ניו־יאָרק פֿאַר די ייִדישע מאַרטירערס, וואָס עס האָבן אומגעבראַכט די דײַטשן.

א ו ר ו ג ו ו אָ ר צ ל ע ן

ווען איך האָב געלייענט אַ רוף פון יונגע אַרמעניער, געבוירענע אין אורוגוויי, צו דער עפנטלעכער מיינונג פון לאַנד, וואָס זיי רופן אָן — „נועסטראַ פּאַיס״, באַלד נאָכן באַצייכענען זיך אַליין אַלס אַרמעניער, האָב איך פאַר זיך געזען די אידענטישע לאַגע פון יונגע יידן.

פּונקט ווי ווען איך הער אַן אַרמעניש מיידל שרייט אויף איר 12־יעריקן ברודערל: „לייען אַרמעניש, ווייל אויב ניט וועסטו פאַרגעסן וואָס דו האָסט געלערנט ביז איצט! ס׳וועט קומען אַ טאָג ווען דו וועסט דאַרפן זיין אין דער פאַרוואַלטונג (קאָמיסיאָן דירעקטיוואַ) און וועסט ניט קאָנען רעדן!״ — זע איך די שטענדיק־נאָגנדיקע זאָרג ביי יידן וועגן המשך און מאָרגן . . .

ווען איך הער ווי מיין שכן, דער אַרמענישער באַקאַליינ׳ק רעדט מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט וועגן לבנון, ווייל אַהין האָט ער זיך געראַטעוועט נאָך דער שחיטה אין מוזאַ דאַג אַלס קליין קינד און דאָרט אָפּגעלעבט די יוגנט־יאָרן ביז דער עמיגראַציע אַהער, דערמאָנט עס מיך . . . אין זיך אַליין, ווי עס בענקט זיך אַמאָל קיין בוקאַרעשט, קיין בראַשאָוו, קיין טשערנאָוויץ, די שטעט פון דער יוגנט, צו וועלכע עס איז געבליבן איינגענעסטעט בענקשאַפט, ווי נאָך אַ שטיק פון זיך אַליין.

און ווען איך הער, אַז עס ווערט געפּלאַנט צו דרייען אַן אַרמענישן פילם, פאַר וועלכן עס וועלן מיטאַרבעטן דער אַמעריקאַנער סאַראָיאַן און דער סאָוועטישער כאַטשאַטוריאַן — פיל איך די יידישע טראַגעדיע פון צעריסנקייט און די יידישע „רפואה״ פון גאַיינקייט אין דער צעשפּרייטקייט.

* * *

דאָס אַלץ האָט געווירקט, אַז יעדעס מאָל ווען איך האָב אָנגעטראָפן אַן אַרמעניער, אַ מאַן אָדער אַ פרוי, אַ דערוואַקסענעם אָדער אַ קינד. זאָל איך אים אומבאַמערקט באַטראַכטן וויפל נאָר עס איז מעגלעך. איך האָב זיך עפּעס געשפּילט מיטן געדאַנק, אַז אָט ווייסט ניט דער דאָזיקער וועמען איך באַטראַכט, אַז מיר זענען אַזוי נאָענט, אַז מיר קערן זיך אָן. אָט האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט גערעדט; אָבער איך וויים וועגן אים אָדער איר, אַזויפיל; אַז עס איז גענוג מיר זאָלן זיך נאָר פאָרמעל באַקענען, וועט זיך פאַרציען אַ שמועס ווי צווישן אַלטע באַקאַנטע.

ווען איך האָב זיך מיט דער צייט באַקענט מיט מערער אַרמענישע יחידים, האָב איך באַמערקט, אַז די מערסטע פון זיי האָבן ניט קיין טי-

פּישע אַרמעניש שטריכן. קיינער האָט מיר נישט דערקלערט, אַז אַזוינע טיפּישע שטריכן זענען באמת פֿאַראַן, אָבער מיר ווייזט זיך אויס, אַז עס זענען פֿאַראַן לכל הפחות טיפּיש־אַרמענישע אויגן. און יעדעס מאָל, ווען איך האָב אָנגעטראָפֿן אויף אַזאַ פּאָר אויגן, איז מיר ניט געווען וויכטיק צי זיי געהערן צו אַ קרעמער אָדער באַקאַליטשיק, צו אַ געביל־דעטן מענטש אָדער צו אַ מענטש מיט באַגרענעצטער קולטור. כ׳האָב אין יעדן פֿאַל אין אָט די אויגן געזען — דעם אַרמעניער; דעם אַרמעניער וואָס טראָגט אין זיין האַרץ די טראַגעדיע פֿון 1915.

איך ווייס, אַז עס זענען פֿאַראַן שוואַרצע אויגן אויך ביי יידן, ביי שפּאַניער און ביי אַן אַ שיעור פֿעלקער. אָבער אַרמענישע אויגן זענען פּאַר מיר אַנדערש. אַרמענישע אויגן זענען מאַנדל־אויגן, אַרומגעזוימטע מיט לאַנגע וויעס; זייער בליק איז אַ טיפֿער און אָפֿענער; עס ווייזט זיך דיר אויס, אַז זיי זעען אַלץ אָבער ווייזן גאָרניט אַרויס. זיי זענען שלייערן איבער אַן אינטימען סוד.

און עס לאָקט מיך אויך שטענדיק זייער לשון. ווי אַ ייד פֿון מזרח־אייראָפּע, אויסגעוואַקסן צווישן רומענער, רוסן און אוקראַינער, וועמענס לשונות איך האָב געהערט גלייכצייטיק מיט דער מאַמעס יידיש און מיטן לערערס העברעיש פֿון דער עלטער פֿון פֿינף יאָר אָן, זענען מיר די אַלע שפּראַכן אייגן. אין יעדער איינער טרעף איך עפּעס ענלעכעס. אַלע לאַ־טייניש שפּראַכן קערן זיך אָן מיט רומעניש. אַלע שפּראַכן מיט אַ גער־מאַנישן שורש קערן זיך אָן מיט יידיש. אַלע סלאַווישע שפּראַכן קערן זיך אָן מיט רוסיש. און דאָ פּלוצים, אַ שפּראַך אין וועלכן איך קריג ניט קיין איין קלאַנג אין וועלכן זיך אָנצוכאַפּן! ממש אַן אַרויסרוף!

דעריבער, ווען איך בין געקומען צום פּרעזידענט פֿון דער צענטראַ־לער און רעפּרעזענטאַטיווער קערפּערשאַפֿט פֿון אַלע אַרמעניער אין אור־רוגוויי ה׳ באַדאַניאַן, האָב איך אַליין ניט געוווסט וואָס פֿריער צו פֿרעגן כדי צו זעטיקן מיין נייגער.

אין די מינוטן וואָס איך האָב געדאַרפֿט וואַרטן אין זיין קלייטל, ביז ער האָט זיך באַפֿרייט, האָב איך דערווייל געקאָנט זיך גוט איינקוקן אין אים און אין זיין טאָכטער און זוכן דאָס מאַגישע אַרמענישע וואָס האָט מיך שוין אַזוי לאַנג געלאָקט. זיך צוהערן צו זייער רעדן צווישן זיך אויף אַרמעניש און שלינגען די פֿרעמדע קלאַנגען, וואָס זענען אַזוי

אוראַלט, שטאַמען פון אַזוי ווייט אין צייט און אין אָרט און וואָס זאָגן עדות, אויף עקשנות און געטריישאַפט צום אייגענעם עבר.

* * *

אין אורוגוויי זענען היינט דאָ איבער צען טויזנט ארמעניער.

וואָס שייך אָרגאַניזירטקייט, האָב איך זיך דערוווסט, אַז פאַר אַלע־מען, זיינען אויך אַרמעניער אָרגאַניזירט לויט אָפּשטאַם־לענדער, שטעט אָדער געגנטן.

זיי האָבן אָנגעהויבן קומען אהער בערך אין 1923 פון פאַרשידענע ערטער אין דער וועלט. עס איז אינטערעסאַנט, אַז די וואָס שטאַמען פון טערקיי — רעדן צווישן זיך טערקיש. פונקט ווי יידן פון דייטשלאַנד האָבן געהאַט אַלס זייער שפּראַך דייטש, אָבער דערמיט ניט אויפגעהערט זיין קיין יידן פאַר די דייטשישע יידן־מערדער.

— פאַראַן אַרמענישע דיאַלעקטן?

— יאָ. אָבער די שפּראַך איז איינע.

— זענען פאַראַן אַרמענישע צייטונגען?

— זיכער. אחוץ דער אַרמענישער פּרעסע אין אַרמעניע גופא, איז פאַראַן אַ גרויסע אַרמענישע צייטונג „האַידעניק" („פאָטערלאַנד") אין ניו יאָרק; אין פּאַריז דערשיינט „אַראַטש" (פאָרויס) און נאָך אַנדערע.

— איר שרייבט מיט לאַטיינישע אותיות? מיט סלאַווישע?

— מיטביידע ניט. מיר האָבן אַן אייגענעם אַלף־בית.

איך בעט אַ צייטונג און, אָט ליגט זי פאַר מיר. איך באַקום דערביי אַן אויפקלערונג אַז דאָס איז איינס פון די עלטסטע כתבן אויף דער וועלט. אויב איך האָב ניט קיין טעות זענען די געשריבענע אותיות די זעלבע ווי די געדרוקטע. עס לייענט זיך פון לינקס צו רעכטס. די אַר־מענישע ליטעראַטור איז אַלט אַן ערך דריי טויזנט יאָר. אויך זיי האָבן געהאַט אַ גאָלדענע עפּאָכע פון באַזונדערן אויפבלי און דאָס איז געווען אַרום 450 און פון דעמאָלט שטאַמט אויך זייער אַלף־בית. עס האָבן אים געשאַפן צוויי גלחים. וועלכע זענען דאָך געווען די גערבילדעטסטע מענטשן אין יענע צייטן. זייער אַלף־בית פאַרמאָגט ניט ווייניקער ווי אכט און דרייסיק אותיות. דאָס איז דערפאַר ווייל זיי האָבן אַזעלכע קלאַנגען וואָס זענען ניט פאַראַן אין קיין אַנדערער שפּראַך, די צרה איז אָבער וואָס די הי־געבוירענע קינדער קומט אָן גאַנץ שווערלעך נאָכצוזאָגן אַלע קאָנ־סאָנאַנטן. (איך דערמאָן זיך ווי שווער מיינע תלמידים זאָגן די „ז"...).

— צי האָבן די אַרמעניער אין אורוגווײַ קאָנטאַקט מיט אַרמעניער אין אַנדערע לענדער?
— זעלבסטפאַרשטענדלעך.
— ווו געפינט זיך די גרעסטע צאָל אַרמעניער?
— פאַרשטייט זיך, אַז אין דער סאָוועטישער אַרמענישער רע־פובליק.

היינט ווייס איך שוין אַז אין דער אַרמענישער רעפובליק לעבן אַן ערך צוויי מיליאָן אַרמענישע נפשות; אין אַנדערע טײלן פון ראַטנפאַר־באַנד — נאָך אַ מיליאָן. און נאָך אַ פערטער מיליאָן איז צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט; בעיקר אין אַראַבישע לענדער, אין טערקיי, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פראַנקרייך און אין לאַטיין־אַמעריקע.

עס איז קלאָר, אַז בײַ אַזאַ צעשפּרייטקייט, איז אויך פאַר די אַר־מעניער שטענדיק אַקטועל דאָס קעגנשטעלן זיך דעם אַסימילירט ווערן, דעם ווערן אויס אַרמעניער.

ווען דער פאָטער און די טאָכטער האָבן מיך שפּעטער אַרײַנגעפירט אין זייער פּריוואַטער היים, אַקעגן דעם קלײטל, האָבן מיר שוין גע־רעדט היימישער און ווי עפּעס דערנענטערטע. דאָס מיידל איז אַלעמאָל פאַרשוווּנדן אין אַ זײַטיק צימער און אַלעמאָל אַרויסגעקומען פון דאָרט מיט אַן אַנדער בוך. די ביכער — אָדער אויף אַרמעניש, אָדער אויף שפּאַניש וועגן אַרמעניער; איבערזעצונגען פון אַרמעניש.

און איך האָב אָנגעהויבן הערן נעמען פון אַרמענישע אויטאָרן און זייערע ווערק. יעדער איינער גרויס און וויכטיק אויף אַן אַנדערן אופן. און ווען איך בין שוין געווען זיכער, אַז עכט אַרמעניש איז נאָר דער פאַמיליען־נאָמען וואָס ענדיקט זיך אויף „יאַן", האָט זיך גאָר אַרויסגע־וויזן, אַז איינער פון די גאָר וויכטיקסטע אַרמענישע שרײַבער האָט גע־הייסן ראַפּי. „יאַן" איז דאָס זעלבע וואָס אויף העברעיש „בן". דאָס הייסט — זייער „פּאַטראָנימיקאַ".

דערבײַ האָב איך זיך דערוווּסט עפּעס זייער אייגנאַרטיקס: אַ פאַמי־ליען־נאָמען איז ניט אייביק אין אַ משפּחה־קייט. לאָמיר זאָגן, אַז אַ משפּחה טראָגט שוין צוויי הונדערט יאָר דעם פאַמיליען - נאָמען פּעט־ראָסיאַן, אָבער פּלוצים באַווייזט זיך און אין אָט דער משפּחה אַ מענטש מיטן נאָמען אַברהם און ער איז אַ גאָניאַלער פידלער צי מאָלער — באַשליסט דאַן די גאַנצע משפּחה זיך צו רופן פון איצט אָן מיטן פאַמי־ליען־נאָמען אַבראַמיאַן.

אַט איז אַ בוך — „די שיף אויפן באַרג". אויף יידיש וואָלט עס מסתמא געהייסן פשוט „די תבה אויפן באַרג". דער באַרג אַררט פון חומש אויף וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשטעלט נחס תבה, איז אין אַרמע־ניע. און אויב עס קען זיין אַ פראַגע צי די דאָזיקע תבה איז נאָך יאָ אָדער ניט דאָ אויפן שפּיץ פון אַררט, איז אָבער זיכער, אַז זי איז דאָ אין האַרץ און אין דער פאַנטאַזיע פון אַסך מענטשן און בעיקר פון אַרמעניער. אַ סימן — אַ בוך מיט אַזאַ נאָמען!

און נאָך ביכער.

אויך ביכער פון אַרמענישע שרייבער, וועלכע קענען נאָר רעדן אַרמעניש, אָבער שרייבן, שרייבן זיי ענגליש, ווי צ"ב סעראיאַן.

און אַט איז אַ קליין ביכעלע אין שפּאַניש מיט באַריכטן און רע־דעס אין ענגלישן פּאַרלאַמענט וועגן די אכזריותן וואָס די טערקן זענען באַגאַנגען קעגן די אַרמעניער. דאָס ביכעלע האָט אַ הקדמה פון גרעסטן היסטאָריקער אין אונדזער צייט, טוינבי. דאָס ביכעלע פאַרענדיקט זיך מיט אַ וואָרענונג: די וועלט זאָל אַכטונג געבן, אַז דייטשלאַנד זאָל ניט ווערן קיין נייער טערק...

און אַט איז אַ בוך „ים-לידער"; אַן אַרמעניש־פראַנצויזישער ווערטער בוך; אַ ביבל, וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אין יאָר 401! פאַראַן אין אַרמעניש זייער אַסך איבערזעצונגען. קודם כל פון פראַנצויזיש. מער ווי אַלץ איז אָבער די אַרמענישע ליטעראַטור פאַרפלייצט מיט רוסיש. איז דאָך אַרמעניע איינע פון די 15 סאָוועטישע רעפּובליקן. אָבער עס ווערט איבערזעצט אויך אַסך פון ענגליש און לעצטנס — ספּעציעל פון גריכיש.

— ווו זענען פאַראַן אַרמענישע קולטור־צענטערן, דרוקערייען?

— דער רעליגיעזער שעף פון אַרמענישן פאָלק איז דער פּאַטריאַרך, וועלכער געפינט זיך אין דער הויפּט־שטאָט פון אַרמעניע, עריוואַן. זייער אַ גרויסער קולטור־צענטער איז פאַראַן אין ירושלים, פאַראַן דאָרט אַן אַלטער מאָנאַסטיר, אַ שול, אַ גרויסע דרוקעריי און סעמינאַר. (איך דערמאָן זיך, אַז אין ירושלים איז דאָך דאָ אַ באַזונדער אַרמעניש שטאָט־פערטל). אין לבנון איז פאַראַן אַן אַרמענישע ביסקופּשאַפט. וויכטיקע דרוקערייען זענען דאָ אין ווין און אין ווענעציע. אין דער דאָזיקער שטאָט איז פאַראַן אַן אינדזעלע, סאַן לאַזאַראָ, איז דאָרט דאָ אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט עטלעכע טויזנט כתב־ידן. בכלל פאַרמאָגט דאָס אַרמע־נישע פאָלק אַסך כתב ידן, ווי גאָר ווייניק פעלקער אויף דער וועלט.

— און דאָ הי זעענען פאַראַן אַרמעניש שולן? איז מעגלעך איבער־צוגעבן די אַרמענישע קינדער וועגן דער דאָזיקער אייגנטימלעכער קולטור?

— יאָ, עס זענען דאָ פיר שולן. איינגאַנצן — הונדערט מיט פופציק תּלמידים. די שולן זענען צעשפּרייט איבער דער שטאָט, לויט געגנטן: סעראַ, צענטער, אוניאַן און „קאָמערסיאַל". די שולן זענען ביי די קלובן. ביי די דאָזיקע קלובן זענען אויך פאַראַן ביבליאָטעקן.

— און די יוגנט פאַרשטייט אַרמעניש? קען לייענען אַרמעניש?

— יאָ, אָבער ניט אַלע יוגנטלעכע. אַ טייל קינדער רעדן גוט. אַנ־דערע פאַרשטייען נאָר אַלץ און ענטפערן אויף שפּאַניש.

די טאָכטער גיט צו: אַסך יוגנטלעכע ווילן וויסן וועגן אַרמעניע, אָבער זיי קענען ניט לייענען. אין בוענאָס איירעס גיבן אַרויס אַרמענישע אינטעלעקטואַלן אַ פערטליאַר־שריפט אויף שפּאַניש פאַר דער אַרמעני־שער יוגנט. זי הייסט „גאַמג", דאָס באַטייט: ווילן.

— זענען פאַראַן ביי אייך געמישטע חתונות?

— יאָ. מיר קענען עס ווייניקער אויסמיידן ווי איר. ביי אייך איז די רעליגיע אַ געוויסער אָפּהאַלט, ביי אונדז איז דאָס נישטאָ.

איך פרעג אים צי עס איז אים באַקאַנט דאָס בוך „מוסא דאַג" פון פראַנץ ווערפעל. דאָס בוך אין וועלכן אַ דייטשישער ייד האָט באַשריבן דעם אומקום און לעצטן קאַמף פון אַ מאַסע אַרמעניער, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף אַ באַרג מיט דעם דערמאָנטן נאָמען („מוסא דאַג" — משה׳ס באַרג).

ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ" און וואַרפט אויף מיר אַ בליק, ווי ער וואָלט געזאָגט „דאָס האָט דאָך צו טאָן מיט דיר".

און ער גיט צו: — ניט נאָר פראַנץ ווערפעל. עס איז געווען נאָך אַ ייד. ווען „דאָס" איז פאָרגעקומען, איז דער נאָרד־אַמעריקאַנער אַמבאַ־סאַדאָר אין טערקיי געווען איינער אַ מאָרגענטוי. ער האָט אויפגערודערט די וועלט. עס איז דאָך געווען מלחמה־צייט. ווען ניט מאָרגענטוי — ווער ווייסט ווען מע וואָלט זיך בכלל געווען דערוווּסט דערפון אין אויס־לאַנד.

מיין אינטערוויואירטער האָט זייער ניט ליב צו רעדן וועגן די אומ־גליקן וואָס דאָס אַרמענישע פאָלק איז אויסגעשטאַנען. ער איז קאַרג אויף אַ וואָרט. דאָך דערוויס איך זיך, אַז ווען די טערקן האָבן אַרום „מוסא

דאַג" פּאַרטיליקט די הונדערטער טויזנטער אַרמעניער, אַ קאַרגן מיליאָן, איז ער דאָרט אויך געווען. זיינע עלטערן זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן און ער האָט זיך אַלס צוועלף יאָריק קינד געראַטעוועט קיין איראַק.

ווען איך האָב אים געפרעגט צי עס זענען דאָ הי פּאַראַן טערקן און צי די אַרמעניער האָבן מיט זיי אַ וועלכן ס'ניט איז קאָנטאַקט, איז געקומען אַלס ענטפער אַ גרימאַסע און אַ מאַך מיט דער האַנט. אָבער ער האָט צוגעגעבן: „לאָז עס צו רו! גענוג קאָנטאַקט האָבן מיר שוין געהאַט מיט זיי!"...

שפּעטער, ווען איך בין געגאַנגען אַהיים, האָב איך געטראַכט: פאַרוואָס אָרט עס אייניקע יידן און פּובליציסטן צווישן זיי — למאַי פראַנץ ווערפעל האָט געשריבן וועגן דער טראַגעדיע פון די אַרמעניער, אַנשטאָט דער טראַגעדיע פון זיין אייגן פאָלק? ניט נאָר ס'אָרט מיך ניט, נאָר כ'בין צופרידן וואָס אַ ייד האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ באַציונג פאַרן אומגליק פון אַן אַנדער פאָלק. און עס איז אויך ניט אמת, אַז עס האָבן זיך מיט אונדז ניט אידענטיפיצירט קיין ניט־יידן, עס מוזן דאָך ניט זיין גראָד באַרימטע שרייבערס. און סתם מענטשן קענען דען ניט האָבן קיין גרויסע נשמות?! און איך דערמאָן זיך: דער זון פון פּוילישן גראַף פּאָטאָצקי, וואָס האָט זיך מגייר געווען און שפּעטער פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט דערפאַר; דער קעניג פון דענעמאַרק, וועלכער האָט זיך אַרויפגעטאָן אַ געלע לאַטע, אין טאָג ווען די נאַציס האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן פון לאַנד זאָלן דאָס טון; דער רוס וולאַדימיר מעדעם און דער דייטש רודאָלף ראָקער, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט יידיש און געוואָרן באַרימטע, יידיש־שרייבנדיקע פּובליציסטן און דענקער; די רוסישע עליזאַוועטאַ איוואַנאָווּנאַ זשירקאָוו, וואָס איז געוואָרן אַ העברעישע פּאָעטעסע און אַוועק טריקענען זומפּן קיין ארץ ישראל; די ליטווישע דיכטערין שימאַיטע, וועלכע האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן כדי צו באַשיצן יידן אונטער די נאַציס. און דער אורוגווייער פּראָפּ' ראָדריגעז פאַברעגאַט, וואָס איז אַ קאַפּיטל פון אונדזער געשיכטע; און אַן אַ שיעור איטאַליענער און פּאָליאַקן און אוקראַינער און מענטשן פון אַנדערע אייראָפּעישע פעלקער, וואָס האָבן ריזיקירט מיט זייערע לעבנס כדי צו באַשיצן יידן אונטער די נאַציס.

איך בין געגאַנגען אויף דער ליכטיקער 18 דע כוליאַ און אין קאָפּ האָט זיך מיר געבאָמבלט „אָררט"... טערקן... נחס תבה... טויג-

בי... דער סעררא און זיינע „אויסלענדישע קאָלאָניעס"... פיר שולן מיט 150 תלמידים...

אָבער נאָך העכער ווי דער ארדט האָבן זיך פאַר מיר ארויסגעהויבן צוויי פאַקטן: א) ארמעניער ווילן אפילו ניט הערן וועגן קאָנטאַקט מיט קיין טערקן; ב) דער פּרעזידענט פון די ארמעניער פאַרמאָגט אַן ארמע־נישע ביבליאָטעק און ניט נאָר ער, נאָר אויך זיין הויכגעבוירענע טאָכטער נעמט אין האַנט אַריין אַן ארמעניש בוך, ווי מע נעמט אַ הייליקייט.

טראָפּנס פרייד

ווען איטאַליענער אין אורוגווי האָב איך געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך ניט צו שרייבן אין אַט דעם ביכעלע, וואָס איז ניט פאַרטראַכט ווי קיין סאָציאָלאָגישע אַרבעט, נאָר ווי אַ ריין פּערזענלעך אויסגעשטרעקטע האַנט צו עטלעכע עטנישע גרופּעס אין לאַנד.

— צו וועלכע?

— צו אַזעלכע וועמען, פּונקט ווי יידן, קומט אויך זיי אָן שווער צו בלייבן זיי, ניט נאָר ווען זיי זענען אויף ערד וווּ זיי זענען ניט געבוירן געוואָרן, נאָר אַמאָל אַפילו אין דער אור-אַלטער היים פון זייערע אבות.

און איטאַליענער געהערן ניט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע.

זיי האָבן הינטער זיך די מעכטיקע אַפּאַראַטן פון אַ מלוכה, וואָס סטימולירט ביי זיי דעם קאָנטאַקט מיט זייער יאָרהונדערטן - אַלטער קולטור. נאָך מער: די דאָזיקע מעכטיקע אַפּאַראַטן פאַרשפּרייטן די דאָזיקע קולטור ניט נאָר צווישן איטאַליענער נאָר אַפילו צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לאַנד. און איטאַליעניש איז דאָך איינע פון די שפּראַכן וואָס מע דאַרף הי לערנען אָבליגאַטאָריש לויט אַ טייל פּראָגראַמען אין מיטל-שול בילדונג.

ווען דו רעכנסט אַראָפּ די נומעריש קלענערע עטנישע גרופּעס אין לאַנד, זענען איטאַליענער מסתמא אַ העלפט פון די פון וועמען עס שטאַמט דאָס אורוגווייער פאָלק.

האָט עס אַ זין דאָ פאָרצושטעלן איטאַליענער?
פאַר וועמען זאָל איך „אַנטדעקן אַמעריקע” וועגן גאַריבאַלדין?

פֿאַרצושטעלן פֿאַר עמיצן איטאַליע — נאָך אין אַ לאַטײַן־אַמעריקאַנער לאַנד, איז — ביים בעסטן ווילן ניט אַרײַנצופּאַלן אין פּראָזעאַלאָגיע — ווי פֿאַרצושטעלן די ערד, די לופט צי די זון.

* * *

וועל איך זיך דאָ האַלטן נאָר ביי שטרענג-פּערזענלעכן, אויף וועלכן עס איז מיר אומעגלעך מותּר צו זײַן. און אויב דאָס „שטרענג־פּערזענלעכע" איז ביי מיר ענג צונויפֿגעוועבט מיטן נאַציאָנאַלן, און עס איז אפשר געווען געערעכט אַן אורוגווייער אינטעלעקטואַל וואָס האָט מיר באַמערקט, נאָכן לייענען אַ טייל פֿון די אַרבעטן, אַז איך דריק בכלל ניט אויס קיין פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט, נאָר „דעם שטאַנדפּונקט פֿון יין קאָלאָניע" — בין איך גאָרניט שולדיק.

* * *

איטאַליע און איטאַליענער זענען ביי מיר ניט אָפּצוטיילן פֿון רוים און רוימער.

„מײַן" ערשטע באַגעגעניש מיטן אַלטן רוים איז פֿאָרגעקומען נאָך פֿאַר יענעם מאָמענט, ווען די לעצטע חשמנאָים האָבן צווישן זיך געפֿירט אַ ברידער־קריג איבער מאַכט און טראָן, און אַ רוימישע אַרמיי, געשיקט פֿון פּאָמפּייוסן (פֿון גאַרניזאָן אין סיריע) איז אַרײַנגעקומען קיין ירושלים „שלום צו מאַכן" און שוין דאָרט פֿאַרבליבן. אפֿילו אין מאָנטעווידעאָ האָט ביז ניט לאַנג געלעבט אַ יידישע פֿאַמיליע וואָס ווייסט, אַז אירע אור־אור־עלטערן זענען געווען רוימישע בירגער נאָך פֿאַרן יאָר 70, ווען טיטוסעס אַרמייען האָבן חרוב געמאַכט דעם צווייטן בית המקדש און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער גלות וואָס ציט זיך נאָך היינט פֿאַר אַכציק פּראָצענט פֿון מײַן פֿאָלק.

און די קאָנטאַקטן האָבן זיך געצויגן מיט רוימער - איטאַליענער ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די נאַצים האָבן פֿאַרנומען אויך איטאַליע און אַסך איטאַליענער האָבן אײַנגעשטעלט זייער לעבן כדי צו ראַטעווען פֿון טויט יידן. און מער ווי איין איטאַליענער האָט אין די דאָזיקע פֿאַר יאָר, אונטער דעם דייטשישן שטיוול, באַצאָלט מיט זײַן לעבן פֿאַר אָט דער באַציונג צו די יידישע שכנים. אין מדינת ישראל איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלער אינסטיטוט, „יד ושם", וואָס פֿאַרצייכנט אַזעלכע פֿאַקטן. די נעמען פֿון די דאָזיקע איטאַליענער זענען דאָרט רע־

גיסטרירט און פון צייט צו צייט ווערן פאַרבעטן זייערע קרובים (אַלמ־נות אָדער יתומים) און עס ווערן אויף די נעמען פון די העלדן פאַר־פאַרפּלאַנצט ביימער אין די בערג פון ירושלים כדי דאָרט צו פאַראייביקן זייער אָנדענק.

און ניט נאָר זיי וועט דאָס יידישע פאָלק קיינמאָל ניט פאַרגעסן. עס וועט אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם פויפסט כואַן דעם 23־טן אַ זין פון אַן איטאַליענישער פויערים־משפחה, וואָס איז געבליבן אַ הייליקער (אויב הייליק איז דער פאַר וועמען עס איז הייליק מענטשלעך לעבן) ניט נאָר פאַר קאַטאָליקן.

* * *

אין 1939, ווען איך בין אויפן וועג קיין דרום-אַמעריקע דורכגע־פאָרן גענוא, האָב איך זיך צופעליק באַקענט מיטן דירעקטאָר פון דער דאָרטיקע מוניציפּאַלער ביבליאָטעק, מעסטרע. איינער פון די יידן, וועמענס עלטער־זיידעס האָבן געלעבט אין איטאַליע, ווען דאָרט זענען נאָך ניט געווען קיין איטאַליענער, נאָר רוימער. מיר האָבן זיך איינ־פאַרשטאַנען אויף העברעיש, אָבער ער האָט געהאַט געלייענט דעם לעצ־טן נומער „ליטעראַרישע בלעטער", אויף יידיש, פון וואַרשע, און גע־ווסט וועגן יעדן יידישן פּאָעט פון מיין באַסאַראַביע.

און ביז היינט האָב איך נאָך אויפגעהיט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ 17-יעריק בחורל, סאַרדאַנעלי, אַ באַשיידענער אָנגעשטעלטער פון דער שיף - געזעלשאַפט „איטאַליאַ" אין גענוא, וואָס פלעג אונדז, אַ גרופּע „שטומע" עמיגראַנטן, פירן איבער די גאַסן פון שטאָט און מאַכן אָנגענעמער די עטלעכע טעג פון אומבאַהאָלפענע אויסוואַנדערער אין אַ ווילד פרעמדער סביבה.

און אַז איך וויל פילן עפּעס שטאַרק, ביז רעליגיעזער איבערלע־בונג, לייג איך אויף מיין גראַוויר־אַפּאַראַט אַרויף ניט נאָר אַ טאַשמע פון ליטורגישער מוזיק, נאָר צמאָל אויך „ראָסאַ נעגראַ" געזונגען פון דזשיגליאָלאַ טשינקועטי, און איך מוז דאַן זיין אַליין, ווייל איך ווער גערירט ביז טרערן. יענע רבנים וואָס האָבן אַמאָל געלייענט „אַ גלגול פון אַ ניגון" פון אונדזער קלאַסיקער י. ל. פּרץ, וועלן מיר דאָס מוחל זיין...

און, לסוף, אַט דער וויטערדיקער עפּיזאָד פון מינוטן פרייד וואָס

איך האָב איבערגעלעבט אין סאַמע צענטער פון מאָנטעווידעאָ, אַדאַנק נאָך אַ טאָכטער פון איטאַליע:

עס איז געווען אין צענטער פון שטאָט. דעם ערשטן טאָג נאָכן האָבן זיך אויפגעהויבן פון אַ גריפּע וואָס האָט זיך געצויגן איבער אַ וואָך. עס איז מיר געווען גוט אויף דער נשמה: אי נאָך אַ קרענק, אי אַ זוניקער טאָג!

מיט אַמאָל — אַן אויסגעשטרעקטע האַנט און דאָס באַקאַנטע קול: „סעניאָר! פּאַראַ לאָס ניניאָס פּאָברעס!” (מײַן הער, פאַר די אָרימע קינדער). איך האָב גענומען דאָס קבלה־צעטעלע, דערלאַנגט די פינף פּעזעס און געבליבן שטיין: שוין אַ פּאָר יאָר, אַז איך גיב פּעזעס די דאָזיקע מיידלעך צי פרויען וואָס שטעלן מיך אָפּ אויף דער גאַס; יעדעס מאָל לייען איך איבער דאָס צעטעלע וואָס באַשטעטיקט, אַז דאָס האָב איך בײַטראָגן פאַר דער „שול פאַר אָרעמע קינדער”, וואָס האָט אפילו אַזאַ קלאָרן אַדרעס: 18 דע כוליאָ 871, און כ׳בין נאָך קיין איין מאָל ניט געגאַנגען אַ קוק טאָן און זען ווי די דאָזיקע שול זעט אויס! הײַנט איז דער טאָג! האָסט זיך טאַקע געלאָזט גיין אויף „טוויזנט” אַנדערע ערטער, ווי אַ הונט וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון שטריק, אָבער זאָל דײַן ערשטער גאַנג זײַן צו אָט דער שול.

און כ׳בין אַהין אַוועק.

צוגעקומען אויף 18 דע כוליאָ 871, האָב איך דערזען אַ שילד, וואָס דערציילט, אַז דאָ איז אַן איטאַליענישער קלוב. כ׳האָב אָנגעהויבן צווייפלען, צי זאָל עס טאַקע זײַן דאָ, אָבער די ברייטע טרעפּ האָבן פאַרבעטן אַרויף און כ׳בין געגאַנגען ווייטער.

אַז איך בין נאָר אַריבער די שוועל, הינטער אַ האַלב־גלעזערנער טיר, האָב איך דערזען אַ 17־יעריק מיידל מיט אַ פּיצעלע קינד פון אַ צוויי יאָר אויף די הענט. און נאָך איינס האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט בײַ די פּאָלעס. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן גלויבן, אַז ס׳איז טאַקע אַ שול, אָדער אַ דערציִונגס־אַנשטאַלט אויף יעדן פאַל. אַ טריט ווײַטער און כ׳האָב דערזען די סטעליע פון בנין. עס האָבן אַרויסגעקוקט נאַקעטע ציגל, ניט נאָר ניט קיין געפּאַרבטע, נאָר אפילו ניט קיין געקאַלכטע. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן גלויבן, אַז דער אַנשטאַלט איז אויך אַן אָרעמער. אָבער עס איז מיר געווען אַזוי מאָדנע: אין סאַמע „האַרץ” פון מאָנטעווידעאָ! אויף „18 און אַנדעס”, זאָל זײַן אַזויפיל נויט, און איטאַליענער, וואָס

אורוגוואַרצלען

זענען נאָך די „גאַליעגאָס", די פּילצאָליקסטע אימיגראַנטן אין לאַנד, זאָלן זיין אַזוי אָרעם, אַז זיי זאָלן דאַרפן אָנקומען נאָך אַ פּעזע, אויסגעבעטן אויף גאַסן - ווינקלען. — מען מוז זען ווייטער וואָס דאָ טוט זיך!

כ'האָב געזאָגט דעם יונגינקן מיידל (פּונקט ווי אונדזערע קינדערגאָרטן־געהילפנס אין דער „שלום־עליכם שול"...), אַז איך וואָלט געוואָלט וויסן עטלעכע פּרטים וועגן דער שול און זי האָט מיר געזאָגט, אַז באַלד וועט זי רופן די „סעניאָרא";

נאָך אַ דריי—פיר מינוט האָט זיך באַוויזן אַ זייער יונגע פרוי מיט אַ פּיצל פון אַ יאָר בערך אויף די הענט. זי איז אָנגעקומען, אַוועקלייגנדיק אַ האַנטוך און זיך פאַרענטפערט: זי קומט פון קיך, ס'איז 11 פאַרמיטאָג און מען דאַרף צוגרייטן דעם מיטאָג די קינדער. כ'האָב זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן, וואָס איך שטער איר און איר פאַרגעשלאָגן צו קומען אַ צווייט מאָל. זי האָט געזאָגט, אַז עס מאַכט ניט אויס, זי האָט דאָרט געלאָזט אַ פאַרטרעטערין און מיך פאַרבעטן זיצן.

איך האָב זיך באַמיט עס צו מאַכן בקיצור. מיין "הקדמה" איז געווען זייער אַ „העפלעכע": קוק, פריילין, שוין יאָרן, אַז פון צייט צו צייט גיב איך אַ פּעזע (איינע!) — איצט בין איך געקומען זען אויף וואָס גייט מיין פּעזע, אויב פאַרשטייט זיך, דאָס גיט מיר אַ רעכט צו פרעגן...".

— אַוודאי גיט עס דיר אַ רעכט, און זי שמייכלט דערביי אַזוי גוט און פריינטלעך. גלייך ווי איך וואָלט געווען דאָס פּיצל וועמען זי גלעט, און וואָס טוליעט זיך צו איר ווי צו אַ מאַמען.

איך האָב ווייטער אויסגענוצט אויפן פראַזאַישן אופן מיין ראָל פון אַ „גרויסן נדבן", נישט געזאָגט מיין נאָמען, נאָר גלייך געפרעגט זאַכלעך:

— פאַר אַלעמען זאָג מיר, צי דו ביסט די דירעקטאָרשע און ווי דו הייסט?

— איך בין די דירעקטאָרשע; איך הייס כאָסעפינאַ אַמאַדוצי; געבוירן געוואָרן אין איטאַליע. דאָרט געענדיקט אויף קינדער־דערציערין, לויט דעם מעטאָד מאָנטעסאָרע. געקומען קיין אורוגוויי אין 1952.

און פון די ווייטערדיקע ענטפערס אויף מיינע געציילטע פראַגעס, האָט זיך באַקומען אַזאַ בילד:

דער אנשטאַלט עקזיסטירט ערשט עטלעכע יאָר. נעגרינדעט האָט אים טאַקע פרייל' אַמאַדוטי. דער „קלוב איטאַליאַנאַ" האָט געגעבן דעם לאָקאַל פאַר א באַשטימטן שכר־דירה. עס זענען דאָ פאַראַן ניט מער ווי דריי און פערציק אינטערנירטע קינדער. דער חודשלעכער ביודזשעט אויסצוהאַלטן דאָס אַלץ באַטרעפט אַכצן טויזנט פעזעס. עס אַרבעטן בסך הכל דאָ זיבן פּערזאָן אינגעוויניק. דאָס אַלץ חוץ די מיידלעך וואָס מאָנען אויף אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט די בייטראָגן ביי גוטוויליקע פאַר־בייגייערס. די דאָזיקע אינקאַסענטקעס אַרבעטן פאַר א געוויסן פּראָצענ־טאַזש. אַגב איז עס פאַר זיי אויך א לייזונג, ווייל זיי קאָנען שווער קריגן אַן אַנדער אַרבעט. האָבן נישט קיין פאַכן.

די קינדער זענען פון פאַרשידענער עלטער, אָנהויבנדיק פון עטלעכע חדשים ביז פינף יאָר זיי זענען איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילן: בייבים־אָפּטיילונג, קינדער־גאָרטן און „צוגרייטונג" (פּרעפּאַראַטאָריאָ). שוין גע־ווען פאַלן ווען מען האָט דאָ אַריינגעגעבן אפילו קינדער פון בלויז דריי חדשים און אַמאָל אפילו א פּיצל פון צוועלף טעג. דער פּרינציפּ איז — קיינעם ניט אָפּצוזאָגן און אויפצונעמען וויפל עס דערלויבט נאָר דאָס באַגרענעצטע פּלאַץ. דער דאָזיקער „ליבעראַלער" צוגאַנג ווערט אַזוי קאָנסעקווענט אָנגעווענדעט, אַז פרייל' אַמאַדוטי האָט שוין אפילו אַמאָל אויפגענומען אַן עפּילעפּטיש קינד און א צווייט מאָל — א „מאָנגאָלישם" (באַצייכענונג פון אַזא מצב פון צוריקגעשטאַנענקייט). פאַרשטייט זיך, אַז די מערסטע מאַמעס, וואָס לאָזן דאָ זייערע קינדער זענען אָרעמע, זייער אָרעמע. זיי אַרבעטן במשך דעם טאָג, האָבן נישט קיין מאַן, חבר אָדער אַנדערע משפּחה־מיטגלידער, וועמען צו לאָזן דאָס קינד און ווערן גע־האָלפן דורכן דאָזיקן אַנשטאַלט. אָבער פאַראַן דאָ א פּאָר קינדער פון פאַרמעגלעכע משפּחות אויך. פאַרוואָס פאַרמעגלעכע מאַמעס לאָזן דאָ זייערע קינדער איז א פראַגע, וואָס פרייל' אַמאַדוטי מוז ניט קאָנען ענט־פערן אויף איר. אָבער ווען זי זעט אפילו אַזא פאַל — נעמט זי אויך אויף דאָס קינד. פאַר איר זענען אַלע קינדער גלייך. אַלע האָבן דאָס רעכט אויף א גוטער, אויפמערקזאַמער פּלעגונג און ווען א קינד נייטיקט זיך אין אַזא גוטער באַהאַנדלונג, איז עס ניט „שולדיק" וואָס עס האָט רייכע עלטערן...

דערווייל באַווייזט זיך אַן אַנדער מיידל און פירט עטלעכע קינדער פון איין צימער אין אַן אַנדערן, דורך דעם „פּאַטיאָ", אין וועלכן מיר

זיצן און איך קאָן באַטראַכטן די פּיצלעך. אַלע אויסגעצייכנט־אויסזוע־ענדיקע. דיקינקע, גוט־אָנגעגעסענע, ריינע. דאָס פּיצעלע וואָס פריילין אַמאַדוצי האַלט די גאַנצע צייט אויף די הענט טוליעט זיך צו איר ווי צו אַ מאַמע און בעת זי רעדט צו מיר, שעפּטשעט זי, אינמיטן דערינען, פּיעשטשענדיקע ווערטער צום קינד און האַלט עס אין איין גלעטן.

איך פרעג פריילין אַמאַדוצי, צו וואָס מען דאַרף איר אַנשטאַלט, בעת די רעגירונג האָט דאָך מוסדות פאַר אַזעלכע קינדער.

זי שמייכלט טרויעריק, רעדט נישט קיין וואָרט קעגן יענע אַנ־שטאַלטן און זאָגט מיר נאָר, אַז „אין יענע אַנשטאַלטן זענען דאָ נאָר באַשטימטע טעג ווען די מאַמעס מעגן קומען זען זייערע קינדער, בעת דאָ קאָן אַ מאַמע קומען אין יעדער שעה פון יעדן טאָג אין דער וואָך; אַזוי אַז אַסך קומען טאַקע יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט און זיצן דאָ אָפּ שעהן־לאַנג מיט זייערע קינדער".

איך האָב איר געזאָגט, אַז עס וווּנדערט מיך זייער וואָס די רעגי־רינגס־אַנשטאַלטן זענען ניט גענוג, איך האָב אייגענע דערפאַרונגען. מיט צוואַנציק יאָר צוריק בערך האָט מען אין אַזאַ מוסד געראַטעוועט דאָס לעבן מיין צו פרי־געבוירענעם זון. דאָ האָט זי ווידער געשמייכלט טרויעריק וועגן „יענע צייטן", אָבער אין אירע שטילע רייד איז געווען אַזוינס פון וועלכן איך האָב נאָר געדאַרפט אַרויספאַרשטיין (זי האָט עס ניט געזאָגט!): „און אַז מען האָט שוין אַפילו געראַטעוועט דיין קינד, איז דאָס שוין אַ סימן, אַז עס איז דאָרט אַלע קינדער גוט? און מער גייט דיר ניט אָן ווי דיין אייגענער איינציקער פאַל?!".

ביי דעם אַנשטאַלט איז אויך פאַראַן אַ שול פאַר „בייבי־סיטערס" — ד.ה.: אַז ווען אַ יונג פּאָר פּאָלק דאַרף אַמאָל אַרויסגיין ביינאַכט און זיי האָבן ניט אויף וועמען צו לאָזן זייער פּיצל קינד, איז גענוג אָנ־צורופן אַהער טעלעפאָניש און פון דאַנען וועט מען צושיקן אַ מיידל, אַ ספּעציעל געשולטע, וואָס וועט בלייבן אויף עטלעכע שעה מיט יענעם פּיצעלע. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דעם מיידלס צוגרייטונג איז אויך פריילין אַמאַדוצי.

— איז דאָס פריילין אַמאַדוצים איינציקע באַשעפטיקונג?

— חלילה! פון דעם וואָלט זיך ניט געקאָנט לעבן! זי איז אויך אַ פּראָפעסאָר פון איטאַליענישער שפּראַך און ליטעראַטור אין איטאַליע־נישן קולטור־אינסטיטוט.

אָבער ביי איר גאַנצער הויכער בילדונג און קולטור, זעט אויס, וואָלט זי ניט אויפגעגעבן פאַר קיין שום פּרייז איר אַרבעט צווישן אַט די דריי און פערציק פּיצעלעך, וואָס פילן אין איר אַפּט אַ מאַמע, און טוליען זיך צו איר מיט צוטרוי און זיכערקייט.

דאָס האָט פּריילין אַמאַדוצי געלערנט צו זיין; דאָס האָט זי מסתמא אַמאָל געוואָלט זיין און דאָס איז זי.

אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג. אַן אונטערנעמונג וואָס קומט אָן צו ביישטייערונגען פון צופעליקע פאַרבייגייערס אויף דער שטאָטס פאַרשידענע גאַסן.

אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג ווו עס אַרבעטן זיבן־אַכט פרויען און פון וועלכע איינע איז דער ביישפּיל, די לערערין פון אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט, געטריישאַפט און איבערגעבנקייט צו די קינדער, אומאָפּהענגיק וועמענס זיי זענען און פון וואַנען זיי קומען. מיין סאָציאַליסטישער בליק אויפן לעבן (זאָל זיין אפילו בלויז אַ מפּאַי׳ניק; זאָל זיין אַפילו אַלס חסיד פון אורוגווייער „רעגירונגס־סאָציאַליזם") האָט דאָ געכאַפּט אַזאַ „שנאָל אין דער נאָז" פון אָט דער שמייכלענדיקער „פּריוואַט־אונטערנעמערין", פּריילין אַמאַדוצי!

***

ווען איך הויב שוין אָן צונויפנעמען מיינע באַשריבענע פּאַפּירעלעך, פרעגט מיך פּריילין אַמאַדוצי, מיט אַ טאָן פון „צי מעג איך זיך דערוועגן":

— אמת, אַז דו ביסט אַ זשורנאַליסט?

— יאָ. איך בין זיך מודה.

— כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אַז דו קומסט ניט נאָר ווייל דו האָסט אַמאָל געגעבן אַ פּעזע. נו, פון וואָס פאַר אַ ציטונג?

— אַ יידישע ציטונג, אויף יידיש לשון. זי הייסט „היינט".

— אַ שאָד, וואָס איך וועל ניט קענען לייענען וואָס דו וועסט שרייבן. אָבער... אפשר אינטערעסירט דיך: מיר האָבן אַ פּאָר יידישע קינדער אויך. איינס דווקא פון אַ גאַנץ רייכער משפחה. די פאַמיליע צאָלט ניט שלעכט. יאָ, שיעור פאַרגעסן; פאַראַן פאַלן ווען מאַמעס צאָלן עפּעס. זאָל זיין ווי ווייניק. מיר זאָגן יעדן — ווער עס וויל און קאָן, זאָל עפּעס ביישטייערן, אָבער דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין תנאי. אָבער די מערסטע יידישע מאַמעס צאָלן. קאָן זיין, אַז מיר

אורוגוואָרצלען

האָבן דאָ מער יידישע קינדער ווי די פּאָר פאַלן וואָס איך זאָג דיר דאָ, ווייל מיר פרעגן קיינעם ניט צו וואָס פאַר אַ רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליטעט מען געהערט. וועגן די פּאָר פאַלן וואָס איך זאָג דיר, ווייס איך נאָר, לויט די פאַמיליען־נעמען. אמת, אַז דאָס זענען יידישע? אָבער ביי אונדז איז דאָס ניט וויכטיק. מיר נעמען נאָר אין אכט אַז דאָס זענען קינדער וואָס דאַרפן אונדז האָבן.

***

אויב איר ווילט, — גייט אַמאָל אַרויף אויף 18 דע כוליאָ 871 און קוקט עס זיך אָן. אָבער עס וועט זיין אַ יושר, איר זאָלט אַהין ניט מיטנעמען בלויז אַ פּאָר פּעזעס, נאָר אַביסל וואַרעמקייט אין האַרץ; כאָטש מיט אַ ביסעלע קאָנען אַנטקעגנקומען די שפּע מאַמעשע, זוניק־מילדע וואַרעמקייט, מיט וועלכער כאָסעפינאַ אַמאַדוצי און איר געהילפינס באַשענקען די עטלעכע צענדליק קינדער, וואָס נויטיקן זיך אַזוי אין איר און קאָנען זי, זעט אויס, נאָר דאָ־אָ געפינען.

און ס׳האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ בלום

ניט אַלע שפּאַניער זענען „גאַזשעגאָס"

ווען דער דורכשניטלעכער אורוגווייער וויל זאָגן אויף עמיצן, אַז ער איז פון שפּאַניע, טוט ער אַ זאָג, ניט זעלטן מיט אַ ספּעציעלן טאָן, „עס און גאַזשעגאָ" (ער איז אַ גאַלעג). ניט איטלעכער ווייסט, זעט אויס, אַז יעדער גאַלעגאָ איז אַ שפּאַניער, אָבער ניט פאַרקערט.

צוליב אָריענטאַציע וואָלט געווען זייער באַקוועם צו זאָגן, אַז „אין צפון פון פּאָרטוגאַל" געפינען זיך די פיר גאַלעגישע פּראָווינצן: לאַ קאָרוניאַ, פּאָנטעוועדראַ, לוגאָ און אָרענסע. אָבער אַ גאַלעגאָ באַ-ליידיקט זיך פון דעם. פאַר אים איז עס פאַרקערט: אין דרום פון גאַ-ליסיאַ געפינט זיך די דאָזיקע טייל פון זיין לאַנד, וואָס איז אין 12-טן יאָרהונדערט געוואָרן פּאָרטוגאַל. ווייל גאַליסיאַ איז שוין פון זייער אַסך פריער געווען אַ מלוכה.

און ניט נאָר טעריטאָריעל איז פאַר אַ „גאַלעגאָ" פּאָרטוגאַל אַ טייל פון זיין פאָטערלאַנד. נאָר בעיקר אויך קולטורעל. נאָך מער: פאַר אַ גאַלעגאָ מיט טיפן נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין איז די גאַלעגישע שפּראַך „די מוטער פון שפּאַניש און פון פּאָרטוגעזיש". ערשטנס האָט זיך גאַלעגיש אָנגעהויבן אויסשיילן אַלט זעלבשטענדיקע שפּראַך שוין אין 7-טן י"ה. צווייטנס: דער מלך פון קאַסטיליע און לעאָן, אַלפאָנסאָ דער געלערנטער (על סאַביאָ), פון 13-טן י"ה, וואָס איז געווען אַ באַ-דייטנדיקער פּאָעט, האָט זיינע שיינע געזאַנגען (קאַנטיגאַס), גע-שריבן אויף גאַלעגיש, ווייל אין יענער צייט איז דאָס געווען דאָס איינ-ציקע פון די לשונות אויפן איבערישן האַלבאינדזל, וואָס האָט געפּאַסט פאַר לירישע שאַפונגען.

אַ טראָפּן געשיכטע

ראַסיש שטאַמען די גאַלעגאָס פון די אַלטע איבערן; אָבער אויך פון שוואַבן — אַ דייטשישער שבט, וואָס האָט אין 5-טן י"ה געהערשט

אין גאַליסיע — און פון קעלטן. דורך אַט דעם לעצטן שורש זענען זיי קרובים ניט נאָר מיט די פּראָנצויזישע ברעטאָנען, נאָר ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסזען — מיט די אירלענדער, שאָטלענדער און וועלשן (גאַלעסעם דע גאַלעם); פאַראַן דערויף מער ווי איין באַווייז: דער נאַציאָנאַלער מוזיק־אינסטרומענט ביי די גאַלעגאָס און ביי דע שאָטלענדער איז די דודע (גאַיטאַ). פאַראַן אַזעלכע אַלטע מצבות — מאָנומענטן, „קרוסייראָס”, (אַ שטיין־סלופּ פון צוויי מעטער און אויף אים — חוץ אַ צלם אויך סקולפּטורן פון כל מיני הייליקע); געפינט מען די דאָזיקע אַלטע קרוסייראָס אין גאַליסיאַ, אין דער פראַנצויזישער ברעטאַניאַ און אין אירלאַנד. אין אירלענדישע לעגענדעס ווערט דערציילט וועגן פּיאָנערן פון צפון־שפּאַניע (גאַליסיע) וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אירלאַנד. און דאָס זעלבע ווערט אויך באַשטעטיקט אין אַלט־גאַלעגישע לעגענדעס. זייער ענלעכע פאָרמען פון פיילן און פון גילדן צירונג האָט מען געפונען אין פּאָרטוגאַל, אין גאַליסיע און אין אירלאַנד. שפּעטער איז גאַליסיע באַזונדערס שטאַרק ראָמאַניזירט געוואָרן (אויך פאָנעטיש איז גאַלעגיש אַמענלעכסטן צו לאַטיין), ווייל... דאָס לאַנד פאַרמאָגט אַסך גאָלד, זילבער און צין. מער ווי יעדער אַנדער געגנט דאָרט.

סוף 4־טן יאָרהונדערט זענען שוין די גאַלעגאָס געווען קריסטן און אין די קומענדיקע פּאָר יאָר הונדערטן, ווי אויך שפּעטער, און ביי אַסך אַנדערע פעלקער אין יענע צייטן, קומט דאָס קולטורעלע ביי זיי צום אויסדרוק בעיקר דורכן רעליגיעזן. איינער פון זייערע גרעסטע מלכים, מעאַדאָמיראָ, פון 6־טן י״ה, האָט אַוועקגעלייגט די אַדמיניסטראַטיווע און קירכלעכע יסודות פון לאַנד.

די גאַליעגישע אַרכיטעקטור האָט געהאַט אַ השפּעה אויף דער אַלגעמיין - שפּאַנישער, אויף דער פּאָרטוגעזישער און אַפילו אויף דער פראַנצויזישער.

אין מיטלאַלטער האָט געבליט די גאַלעגישע ליריק. צו קיין אויפבלי פון גאַלעגישער פּראָזע איז ניט געקומען, ווייל ווען קאַסטיליש, פּאָרטוגעזיש און קאַטאַלאַן האָבן אין 13־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן קריסטאַליזירן אייגענע ליטעראַטורן, בעיקר פּראָזע, האָט זיך שוין אָנגעהויבן די דעקאַדענץ פון גאַלעגיש.

אין 1928 איז איבערגעריסן געוואָרן די גאַלאיש־פּאָרטוגעזישע קאָאַליציע און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער קולטור־אויפשטייג פון פּאָרטו־

געזיש און סטאַגנאַציע פֿון גאַליעגיש. דער אָנשלוס פֿון גאַליסיע אין קאַסטילישן קעניגרײַך, אין 1230, איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ מאַר דער גאַלעגישער קולטור. בײַם פֿאַרײניקן די פֿאַרלאַמענטן (קאָרטעס) פֿון גאַליסיע, לעאָן און קאַסטיליע, פֿלעגן די סעסיעס פֿאָרקומען אין קאַסטיליש. זינט דאַן האָט גאַלעגיש אויפֿגעהערט זײַן אַן אַקאַדעמיש - ליטעראַרישע שפּראַך (בעיקר אין פּראָזע). זי איז געבליבן די שפּראַך פֿון אַ פּויערישער מאַסע און פֿון ... לירעקער, פּאָעטן. אַ בולטער בײַשפּיל, ווי קולטור אויף אַ באַשטימטער שפּראַך מוז האָבן מלוכהשן אָנשפּאַר. דאָס איז דער כּלל. (נאָר ייִדיש האָט באַוויזן צו זײַן אַ יוצא מן הכּלל און במשך פֿון יאָרהונדערטער — אַנטשטאַנען, זיך אַנטוויקלט און זיך צעבליט ביזן העכסטן ניוואָ, לויט אינטערנאַציאָנאַלע מאָסן, אָן אַזאַ אָנשפּאַר).

במשך יאָרהונדערטער האָבן גאַליסיע און „איר טאָכטער" — פּאָרטוגאַל — געמאַכט פּרוּוון זיך צו פֿאַרײניקן. געמײנזאַמער אָפּשטאַם, שפּראַך און טראַדיציעס, האָבן זיך קעגנזײַטיק געצויגן מיט בענקשאַפֿט. אָבער גאַליסיע איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צו זײַן אַ טייל פֿון דעם שפּאַניע, און וועלכן די טאָן־געבערין איז קאַסטיליע.

***

ירושלים, רוים און ... סאַנטיאַגאָ דע קאָמפּאָסטעלאַ

די דריט־הייליקע שטאָט אויף דער וועלט איז פֿאַר קאַטאָליקן די אויבן־דערמאָנטע סאַנטיאַגאָ דע קאָמפּאָסטעלאַ. אין 812 האָט אַ מאָנאַך אַנטדעקט אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער געגנט פֿון גאַליסיע דעם קבר פֿון אײנעם פֿון יעזוסעס 12 תּלמידים; פֿון אַפּאָסטאָל יעקב בן זבדי, וועמען הורדוס האָט געהאַט געהרגעט אין ירושלים, פֿון וואַנען זײַנע תּלמידים טעאָדאָראָ און אַטאַנאַסיאָ האָבן געהאַט געבראַכט זײַנע עצמות קיין גאַליסיע. האָט מען אויפֿן קבר פֿון אָט די דרײַ אויסגעבויט, צו ערשט אַ קלויסטער) און דערנאָך אַ שטאָט, וואָס איז במשך פֿון יאָרהונדערטן געווען אַ צוציונגס־פּונקט פֿאַר קאַטאָליקן פֿון אַסך לענדער פֿון אייראָפּע. דאָס עולה־רגל זײַן אַהין פֿון צענדליקער טויזנטער גלויביקע האָט די שטאָט אויך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אויסלענדער, מיט אויסלענדישע ווינטן; אַרײַנגעבראַכט אַביסל פֿרישע ידיעות וועגן „וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט". די „פּערעגרינאַסיאָנעס־כּאַקאָבעאָס" (יעקבישע עליות לרגל) זענען דער שטאָלץ פֿון גאַליסיע.

אורוגוואַרצלען

באַציונג צו יידן

דערפאַר איז אָבער דער גרויסער גאַלעגישער היסטאָריקער מאַנועל מורגיאַ ווייט ניט שטאַלץ דערמיט וואָס אין 1562 האָט מען אין סאַנטיאַגאָ דע קאָמפּאָסטעלאַ אויך אוועקגעשטעלט אַ טריבונאַל פון דער אינקוויזי־ציע. ר׳האַלט דאָס פאַר אַ חרפּה פון שפּאַניע, וואָס איז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויך אויף זיין לאַנד. ער פאַרורטיילט זי און געפינט פאַר איר ניט קיין שום זכות. הן פאַר איר אומגערעכטיקייט, וואָס איז אַ דעגראַדאַציע הן פאַרן האָבן רואינירט דאָס לאַנד מיטן אַרויסטרייבן מענטשן וואָס האָבן דאָס געהאַט באַרייכערט. ער זאָגט ריין, אַז די אינקוויזיציע איז געווען אַ קוואַל פון הכנסות פאַרן קעניג און פאַר אַלע זיינע יוצר־משר־תים ביזן קלענצטן אויספּירער פון אַכזריותן און קאָנפיסקאַציעס: „די אינקוויזיציע, אַ טאָכטער פון קאַטוילישן קעניגס געלט - גייציקייט, וואָס האָט אָפּגעקויפט אפילו דעם געווויסן פון הויכע גייסטלעכע״.

און דאָס דאָזיקע געפיל פון בושה און חרטה איבער דער אינק־וויזיציע איז ניט נאָר ביים היסטאָריקער מורגיאַ אַליין. אַ גאַליעגישער שרייבער, קאָררעאַ קאַלדעראָן האָט אפילו אין איינעם פון זיינע ביכער, „אינדיסע דע אויטאָפּיאָס גאַליעגאָס״, אַ קאַפּיטל „לאָס כודיאָס גאַליעגאָס״. ער דערציילט ווי אין טולוז האָט ער זיך געטראָפן מיט ספרדישע סטו־דענטן פון יוגאָסלאַוויע, איינער האָט געהייסן טאַלעדאַנאָ; אַ צווייטער — ביוואָס. ער האָט געפילט אַ נייטיקייט זיך פאַר זיי צו פאַרענטפערן. איז דאָך אין יענע פינצטערע צייטן ניט נאָר שפּאַניע געווען פאַנאַטיש־רעליגיעז. ער האָט זיי דערמאָנט וועגן דער ענגלישער מלכה איזאַבעל וואָס האָט געהרגעט מאַריאַ סטיוּאַרד; די באַרטאָלאָמע - נאַכט; קאַלווינס אַכזריותדיקער פאַנאַטיזם און נאָך און נאָך. לסוף איז אים געלונגען זיך צו באַפריינדן מיט די יידישע בחורים און איינער האָט אים דערציילט, אַז זיין זיידע ווייסט, אַז זיי שטאַמען פון „מאָנטע פאָר־טע״. דאָס גיט קאָררעאַ קאַלדעראָנען אַ געלעגנהייט אביסל צו דערציילן וועגן עבר פון יידן אין גאַליסיע. ער דערמאָנט אַז אין סאַנטיאַגאָ דע קאָמ-פּאָסטעלאַ זענען פאַראַן גאַסן וואָס טראָגן אַזעלכע נעמען ווי „קאַליע דע לאַ סינאַגאָגאַ״. ״קאַליע דע כערוסאַלעם״ און „רואַ באַוטיסאַדאָס״. (גאַס פון משומדים). עס זענען געווען יידן־פערטלען אין סאַנטיאַגאָ, אַרענסע, וויגאָ, פּאָטעוועדראַ, לאַ קאָרוניאַ, לוגאָ, מאָנפאָרט, און אַנד. ער פאַרופט זיך אויף סעלסאָ גאַרסיאַ דע לאַ ריאַסאַ, אַז קאָלאָמבוס זאָל

האָבן געשטאַמט פון גאַליעגישע ייִדן. און פאַר אים זענען בכלל, „ריין־ייִדיש" די פאַמיליען־נעמען: ענריקעז, פערעירא, אריאַס, מענדעז, פּאַטיניאָ, מאַראַלעס, קאַררּאַסקאַ, עסטעװעז, סאָטאָ, מעילאַן, באַררּיאָ און עספּינאָסאַ. ער רעכנט אויך אויס אַסך ייִדן פון גאַליסיע, װאָס פּאָרטוגעזן װילן זיי צושרייבן זיך. דער פילאָזאָף פראַנסיסקאָ סאַנטשעז „דער סקעפּטיקער", זאָל לויט אים האָבן געװען אַ ייִד. און נאָך און נאָך פאַמיליעס, „אין װעמענס אָדערן עס פליסט ייִדיש בלוט". ער ציטירט אויך כאַן איסידאָראָ (אַ בישאָף פון סעװיליאַ, געשטאָרבן אין 636) אַז צװישן אַנדערע שפּראַכן װאָס מען האָט אין זיין צייט גערעדט אין שפּאַניע, איז געװען אויך העברעיש, באַזונדערס אין די געגנטן פון אַנדאַלוסיאַ און מורסיאַ.

***

עמיגראַנטן

גאַליעגאָס זענען אַ פאָלק פון עמיגראַנטן. אויב זיי עמיגרירן היינט שוין ניט קיין לאַטיין - אַמעריקע, פאָרן זיי אין אייראָפּעישע לענדער. דװקא זיי און װאַסקן, װעלכע זענען, זעט אויס, שטיפקינדער ביי זיך אין דער היים, עמיגרירן אַן אַ שום פאַרגלייך מער װי, למשל, די געבירטיקע פון קאַסטיליע. אין דעריבער פאַראַן אַ גרויסע גאַליעגישע דיאַספּאָרע. פאַראַן גרויסע גאַליעגישע צענטערן אין אַרגענטינע (אַן ערך פיר הונדערט טויזנט אימיגרירטע נפשות, חוץ זייערע קינדער); אין װענעסועלאַ און אויך ביי אונדז אין אורוגװיי.

איז ניט קיין װוּנדער װאָס שוין אין 1919 איז איינגעפאַלן אַן אורוגװייער גרויסן מעדיקער, װאָס איז געהאַט געקומען אַהער ערשט מיט פינף יאָר צוריק פון גאַליסיע, צו פאַרופן אין מאָנטעװידעאָ אַ קאָנגרעס פון גאַליעגן אין אַמעריקע און מיט פאָרשטייער אויך פון די גאַליעגישע שטעט. דער קאָנגרעס האָט געזאָלט פאָרקומען אין 1920 און איז ניט פאָרגעקומען. אָבער עס איז פון פּראָיעקט געבליבן אַ גאַנץ פיין ביכעלע אין װעלכן עס זענען אויסגעדריקט די צילן פון קאָנגרעס, די אָנשלוסן אין אים און אַלץ אין איינעם װאַרפט אַ שיין אויף דער מענטאַליטעט פון גאַליעגאָ; װי ער פילט זיך און װוּ דער „שוך דריקט אים".

פאַר אַלעמען איז אין דעם ביכעלע אָפּגעדרוקט דער טעקסט פון צירקולאַר װאָס דער איניציאַטאָר, דר. קאָנסטאַנטינאָ סאַנטשעס מאָס־

קערא, קליניק־שעף אין שפּאַנישן שפּיטאַל־סאַנאַטאָריע, האָט צעשיקט צו אַן אַ שיעור גאַלעגישע פּערזענלעכקייטן און אינסטיטוציעס אין גאַליסיע און אַמעריקע. און מיר נעמען פון דעם ביכעלע אַרויס אַזעלכע ציטאַטן: „גאַליסיע, דו האָסט געליטן און לײַדסט נאָך פון אַזוי פיל לשון הרע, מצד אייגענע און פרעמדע — דו, וואָס ביסט דאָס שלומפּערל צווישן אַלע שפּאַנישע געגנטן — דו, וועמען מען האַלט פאַר אַ צוריקגעשטאַנען פאָלק, וואָס טוסטו?, וואָס טראַכסטו? — וואַך אויף פון דײַן לעטאַרגישן שלאָף!" אין דעם גאַנצן ביכעלע איז פאַראַן אַן אַ שיעור בענקשאַפט נאָך היים.

עס ווערט באַטאָנט, אַז אויך די קינדער פון די גאַלעגן, שוין געבוירענע אין אַמעריקאַנער לענדער, זאָלן זיך באַטייליקן אין קאָנגרעס און איבערנעמען דאָס פעקל פון גאַלעגיזם...

די השגות גייען אַזוי ווייט ווי: „גאַלעגאָס אין אויסלאַנד זאָלן קענען האָבן אַ רעפּרעזענטאַנץ אין די פּראָווינץ־פאָרשטייערשאַפטן פון גאַליסיע"...

דאַכט זיך, אַז עס איז נאָך מער ווי אַ ציוניסטישער קאָנגרעס!...

ווי געזאָגט איז דער קאָנגרעס ניט פאָרגעקומען, אָבער עס איז געבליבן אַ דאָקומענטאַלע גבית עדות וועגן גאַלעגישער פּראָבלעמאַטיק. און עס איז רירנדיק אַ סטראָפע פון אַ ליד וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן, ווי אַ מאָטאָ, אויפן שער־בלאַט פון ביכעלע וועגן געפּלאַנטן קאָנגרעס און וואָס ברענגט מער ווי אַלץ צום אויסדרוק דעם כאַראַקטער פון גאַלעגישן פאָלק, ווי אַ פאָלק וואָס באַשטייט פון טויזנטער משפחות וואָס ווערן צעריסן פון בענקשאַפט, מחמת די צעשיידונגען וואָס די מיגראַציע צווינגט אַרויף. די סטראָפע איז פון דיכטער מאַנועל קורראָס ענריקעז, פון 19־טן י"ה: און ווען דו לייענסט זי אויף גאַלעגיש (וואָס איז עפּעס צווישן שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש) קלינגט זי באמת זייער צאַרט און לירישׂ. אָט איז זי אויף אַ פרײַעם יידיש:

טײַבעלע — שטאָפּעטעלע, ווײַספעדערדיקס.
רעד צו די עמיגראַנטן וועגן זייער פאָטערלאַנד.
זאָג זיי, טײַערע, אַז פון זיי אַ ווײַטע,
ווײַנט גאַליסיע.

און ווי אויף צו צעצינדן נאָך מער די בענקשאַפט־געפילן פון גאַלעגן צו זייער לאַנד, איז דאָרט אויך אָפּגעדרוקט אַ פערז פון דער

גרעסטער גאַלעגישער דיכטערין, ראָסאַליאַ דע קאַסטראָ:

„אַדיע, אַדיע, ווײַל כיפאָר אַוועק,
גרעזעלעך פון בית עולם,
וווּ מײַן פאָטער איז באַדעקט;
גרעזעלעך וואָס כיהאָב אַזויפיל געקושט
לאַנד, וואָס דו האָסט מיך אויפגעצויגן".

עס זענען דאָכט זיך נישטאָ קיין שטאַרקערע שורות וואָס זאָלן אַזוי אויסדריקן דאָס געפיל פון אַן אויסוואַנדערער. און דאָס איז אפשר דאָס טיפּיש־גאַלעגישע: אַ פאָלק וואָס האָט יאָ אַן אייגן לאַנד; וואָס האָט הינטער זיך אַן אַלטע, (אין אייראָפּעישע דימענסיעס) געשיכטע; און דאָך מוזן הונדערטער טויזנטער זין און טעכטער אויסוואַנדערן און זיך געזעגענען אויף אייביק, אויף אייביק מיט „ערביניאָס דאַ קאָמפּאָסאַנטאָ" מיט דער „טערדיניאַ קע נאָס קריאָו".

***

פ ו ן „ש י ר ה ש י ר י ם"

אויב ביי אונדז יידן שרייבט מען אַזויפיל וועגן דער ראָל פון דער מאַמען אין דער דערציונג פון קינד; אויב לויט די פאָרשריפטן פון תלמוד ווערט די נאַציאָנאַליטעט פון קינד, אין פאַל פון אַ געמישטער חתונה, באַשטימט לויט דעם וואָס עס איז די מאַמע און ניט דער פאָטער, קומט דאָס צו אַ פולער באַשטעטיקונג אין „פאַל" פון „גאַליעגאָ" קאַרלאָס סוביליאַגאַ באַרערא.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1941 אין מאָנטעווידעאָ. זיין מוטערס טאַטע איז געווען אַן אימיגראַנט פון גאַליסיע.

קאַרלאָסעס מאַמע איז געפאָרן אין דער עלטער פון אַכט יאָר מיט איר פאָטער אויף אַ וויזיט קיין גאַליסיע און דאָרט געווען צוויי יאָר. דאָס איז געווען גענוג, אַז זי זאָל אויף אַזויפיל איינזאַפּן אין זיך ניט נאָר די שפּראַך פון איר פאָטערס געבוירן־לאַנד, נאָר אויך די גאַנצע ליריק און צאַרטקייט וואָס אין דער דאָזיקער שפּראַך, אויף אַזויפיל, אַז קאַרלאָס איז אויסגעוואַקסן איינער פון די (איך האָב עס געהערט אויך פון אַנדערע אורוגווייער אינטעלעקטואַלן!) וואָס זאָגן אויף זיך: — איך בין אַן אורוגווייער און אַ גאַלעגאָ גלייכצייטיק און עס איז נישטאָ דערין קיין שום סתירה!

אורוגוואַרצלען

חוץ דעם וואָס קאַרלאָס סוביליאַגאַ איז בכלל אַ וווּנדערקינד און אַ ספּעציאַליסט אָנצושרייבן אַזעלכע אַרבעטן וואָס ווערן שטענדיק פּרע־מירט, איז ער אויך דער היסטאָריקער פון גאַלעגאָס אין אורוגוויי און אַ דיכטער... אויף גאַלעגיש!

אין דעם מאָמענט ליגן פאַר מיר דריי ביכער זיינע: „לאָס גאַלע־גאָס ען על אורוגואַי" 1966. די „באַנקאָ דע גאַליסיאַ" האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן, ווייל עס האָט געוווּנען אַ קאָנקורס, וואָס זי האָט פאַ־רופן אויף דער טעמע. ווען „קאַסאַ דע גאַליסיאַ" האָט פאַרופן אַ קאָנ־קורס אויף דער טעמע „קאַסטעלאַאָ אין דער גאַלעגישער קונסט" אויף גאַלעגיש („קאַסטעלאַאָ נאָ אַרטע גאַלעגאַ") האָט ווידער סוביליאַגאַ גע־וווּנען דעם קאָנקורס און דאָס ביכעלע איז אַרויס אויף גאַלעגיש און אויף שפּאַניש; און ווען דער יידישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אין 1964 באַשלאָסן צו רופן אַ ליטעראַרישן קאָנקורס א. ד. ט. „אַרטיגאַס און די מענטשלעכע רעכט" (אַרטיגאַס איז דער נאַציאָנאַלער העלד און פּאַטער פון אורוגווייער פאָלק), האָט ווידער ק. סוביליאַגאַ געוווּנען דעם דאָזיקן קאָנקורס און דאָס מאָל האָט די רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט פון יידן אין אורוגוויי אַרויסגעגעבן זיין 130־זייטיק ווערק.

דער יונגער סטודענט פון יורי האָט שוין אַפילו באַוויזן צו זיין אַ פּאָר יאָר פּרעזידענט פון אַן אָרגאַניזאַציע פון „אורוגווייער, זין פון גאַלעגאָס" און צו שטודירן גאַלעגישע שפּראַך און ליטעראַטור, ווען אַזאַ קאַטעדרע האָט עקזיסטירט אין מאָנטעווידעאָער אוניווערסיטעט, כל זמן עס האָט דאָ געלעבט פּראָפ. כ. גאַרסיאַ דוראַן, וועלכער לעבט איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז פּשוט רירנדיק ווי פּראָפ. דוראַן שרייבט וועגן זיי תלמיד, אַז ווען ער האָט אים, דעם אין אורוגוויי גע־בוירענעם, צום ערשטן מאָל געהערט רעדן גאַלעגיש, ביים באַקענען זיך מיט אים, „איז מיין עמאָציע אַרויס ניט דורכן מויל, נאָר דורך די אויגן"...

ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן, ביי אַ קאַפע־טישל, האָב איך געהאַט פאַרצייכנט אַסך פראַגן. אָבער איך האָב אָנגעהויבן פון איינער וואָס איז מיר אין יענעם מאָמענט איינגעפאַלן:

— איז אויף גאַלעגיש פאַראַן איבערזעצט די גאַנצע ביבל, איינ־געשלאָסן דער אַלטער טעסטאַמענט?

— איך גלייב, אַז דאָס איז צום ערשטן מאָל פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. פערזענלעך האָב איך עס נאָך ניט. הגם אויף

שפאניש איז שוין אזא איבערזעצונג לאנג פאראן, האט אבער די שפאַ־נישע רעגירונג נים דערלויבט איבערצוזעצן די ביבל אויף אנדערע שפראכן פון לאנד. איך האב ביי מיר אין שטוב די איבערזעצונג פון איוב, קוהלת און שיר השירים. עס איז אַ זעלטענע שיינקיים. מיר פּלאַ־נעווען אפילו, א גרופע, איינצואָרדענען אַן אָוונט, אויף וועלכן מע זאָל פאָרלייענען שיר השירים אויף גאַלעגיש. „עס מיעל פּורא!". (עס איז ריינער האָניק!"...)

און דערנאָך זענען שוין געקומען פראַגעס וועגן מער „זאכלעכע" ענינים:

— וויפל נפשות זענען פאראַן אין גאַליסיאַ, וואָס רעדן גאַלעגיש?

— אַן ערך צוויי מיליאָן.

— בעת דער רעפובליק האָבן אויך גאַלעגן געפאָדערט א באַ־שטימטע אויטאָנאָמיע ווי וואסקן און קאטאַלאַנען?

— יאָ. עס איז פאָרגעקומען אַן אָפּשטימונג. איבער ניין הונדערט טויזנט האָבן געשטימט פאר אויטאָנאָמיע און א פינף טויזנט קעגן! אָבער עס האָט גאָרניט באַוויזן צו ווערן דערפון, ווייל עס איז אויסגע־בראָכן דער בירגער־קריג. מע האָט געוואָלט אויטאָנאָמיע אויך אויף אד־מיניסטראַטיווע געביטן, אָבער בעיקר שפּראַכלעך, קולטורעל און אויפן דערציונגס־געביט. היינט לערנען גאַלעגישע קינדער נאָר אויף שפּאַניש. זיי קומען אין שול אריין, קענען זיי נאָר אָדער א שלעכטן גאַלעגיש, ווייל ער ווערט פארמישט מיט שפּאַניש אָדער גאָרניט קיין שפאַניש. באַ־מיט מען זיך זיי צו איבערצוציייגן, אז גאַלעגיש איז א שפּראַך פון ני־דעריקערן ראַנג. און דאָס לערנען בכלל נים אויף זייער מאמע־לשון שאַפט פאר זיי אויסערגעוויינלעכע פסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען.

— איז בכלל פארבאָטן צו לערנען גאַלעגיש אין גאַליסיע?

— קוק סארא פּאַראַדאָקסן, אָבער גאָרניט קיין צופעליקע. עס איז פאַראַן אַ „קעניגלעכע אקאַדעמיע פון דער גאַלעגישער שפּראַך". אין אוניווערסיטעט פון סאנטיאַגאָ דע קאָמפּאָסטעלאַ האָט מען ביז נים לאַנג נים געלערנט קיין איין וואָרט אויף גאַלעגיש (ווען אין מאָנטעווי־דעאָ האָט מען דאָס יאָ געטאָן!) לעצטנס לערנט מען שוין עפּעס יאָ אויף דעם לשון. עס זענען שוין אפילו דערלויבט אין לאַנד, לעצטנס, קורסן פון גאַלעגישער שפּראַך. אָבער אין די פאָלקס־שולן — אבסאָלוט גאָרניט. קאָן דערפון עפּעס ארויסקומען פארן פאָלק?

איך האָב ניט געפרעגט סוביזשאגאן ווען עס האָבן אָנגעהויבן קו־מען גאַלעגאָס קיין אורוגווײ, ווײל וועגן דעם אַלעמען קאָן מען זיך דערוויסן פון זײן ספּעציעל בוך וועגן דער געשיכטע פון דער גאַלעגי־שער אימיגראַציע אַהער ביז סוף פאַריקן י״ה. אין דעם דאָזיקן אויס־פירלעכן שטודיום פון 235 זײטן ווערן אויסגערעכנט אויך אַלע אורוג־ווייער פּערזענלעכקײטן פון גאַלעגישן אָפּשטאַם, צווישן וועלכע עס גע־פינען זיך באַררײראַ, דער גרינדער פון דער באַרימטער בוכהאַנדלונג און פאַרלאַג „באַררײראַ אי ראַמאָס", דער דיכטער „על וויעכאָ פּאַנטשאָ" און אַפילו כואַנאַ דע איבאַרבורוס פּאַטער איז געווען אַ גאַלעגאָ.

איך האָב נאָר געפרעגט וויפל גאַלעגאָס זענען היינט דאָ אין או־רוגווײ.

— אין 1966 האָט מען געשאַצט צווישן זעכציק און זיבעציק טויז־זנט אימיגראַנטן. ווען מען רעכנט צו זײערע פרויען און קינדער — זע־נען עס אַ פערטל מיליאָן נפשות. קען זײן אַז אין דעם מאָמענט איז פאַראַן עפּעס ווייניקער, ווײל עס האָט זיך געוויסלעך אָפּגעשטעלט די אימיגראַ־ציע פון גאַלעגאָס.

— וווהין עמיגרירן היינט די זין פון גאַליסיע?

— אין אייראָפּעישע לענדער. שווייץ, בעלגיע, פראַנקרײך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד לעבן זײ אין אַ געווויסן זין, ווי אין געטאָס. בעיקר שפּראַכלעך און געזעלשאַפטלעך זענען זײ ווי איזאָלירט. די דייטשן קוקן אויף זײ פון אויבן אַראָפּ.

— האָבן גאַלעגאָס ספּעציפישע באַשעפטיקונגען, ווי למשל, יידן?

— אין 18־טן יאָרהונדערט זענען אַכציק פּראָצענט פון אַלע גאַ־לעגאָס אין לאַנד געווען „קאַררעטעראָס"; היינט גיבן זײ זיך אָפּ בעיקר מיט קאָמערץ און בעיקר אויף דרײ געביטן: שפּייז־אינדוסטריע, יאַטקעס און באַרן. עס איז אויך אינטערעסאַנט, אַז די מערסטע גאַלעגישע קצ־בים שטאַמען פון איין געגנט אין פּאָנטעוועדראָ: על וואַליע מינאָר...

— וואָס פאַר אינסטיטוציעס האָבן דאָ די גאַלעגאָס?

— פון די קאַרגע צוואַנציק, דאַרף מען בעיקר דערמאָנען דרײ:

— „סענטראָ גאַלעגאָ", געגרינדעט 1879; „קאַסאַ דע גאַליסיאַ" — געגרינדעט אין 1917; קולטורעל איז די אַקטיווסטע אינסטיטוציע „פּאַט־ראָנאַטאָ דע לאַ קולטורא גאַלעגאַ"; די דאָזיקע אינסטיטוציע אָרדנט איין רעפעראַטן, צו וועלכע זי פאַרבעט לעקטאָרן פון גאַליסיע. אַזוי איז איין

מאָל ספּעציעל פאַרבעטן געוואָרן דער פּאָעט סעלסאָ עמיליאָ פערייראַ, ער איז דער הײַנט גרעסטער גאַלעגישער ליריקער און לעבט אין ווע־נעסועלאַ.

— איך האָב געלייענט, אַז דו אַליין ביסט פּרעזידענט פון אַ „פּאַר־באַנד פון אורוגווײַער, זין פון גאַלעגאָס"; עקזיסטירט דאָס נאָך?

— עס האָט עקזיסטירט פון 1963 ביז 1966. די מיטגלידער זענען שוין געווען פון דריטן דור. 20־יעריקע בערך. מיר פלעגן אײַנאָרדענען רונדע טישן וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ צווײ־שפּראַכיקן ביולעטין. מיר האָבן אויך אײַנגעאָרדנט אַן אויסשטע־לונג פון מאַרקעס פון פאַרשידענע לענדער געווידמעט דעם אַפּאָסטאָל סאַנטיאַגאָ (יעקב בן זבדי). אָבער עס איז זייער שווער, אַז אורוגווײַער יוגנטלעכע, וועמענס זיידעס זענען געקומען פון גאַליסיע, זאָלן קאָנען צוגעהאַלטן ווערן מאַסנווײַז אין אַ קערפּערשאַפט פון אויסשליסלעך־גאַלעגישן כאַראַקטער.

— און די אַנדערע גאַלעגישע אינסטיטוציעס האָבן יאָ יוגנטלעכע אין זייערע רייען?

— בכלל ניט. נאָר מיר האָבן עס אין אַ געוויסער מאָס באַוויזן. און מיר האָבן דערצו אויך ניט געהאַט די מיטהילף פון די עלטערע.

(פאַראַן ערגעץ אַ יוגנט אויף דער וועלט, וואָס האָט ניט וואָס פאַרצוװאַרפן די עלטערע?...).

— פאַראַן אין דעם מאָמענט קורסן פון גאַלעגיש אין מאָנטעווי־דעאָ?

— ניין. זינט פּראָפ. דוראַן איז אַוועק אין די פאַרייניקטע שטאַטן, איז מער גאָרנישטאָ אויף דעם געביט.

— פאַראַן הי אַ גאַלעגישע פּרעסע?

— פאַראַן אַן אויסגאַבע, אַ צווײ־שפּראַכיקע, וואָס דערשײַנט איין מאָל אין דרײַ חדשים. זי הייסט „גיאײַראַ" — דאָס הייסט, אַ וועגווײַזער. אין בוענאָס איירעס דערשײַנט יעדע 15 טעג דער צווײ - שפּראַכיקער „קאָררעאָ גאַלעגאָ".

— האָט איר אַ ראַדיאָ - שעה אויף גאַלעגיש?

— יאָ. יעדן זונטיק, 9.30, אויף ראַדיאָ קאַרווע, סע עקזיס 16. די אוידיציע טראָגט דעם נאָמען פון אַ בוך פון באַרימטן גאַלעגישן עסיי־איסט און קאַריקאַטוריסט קאַסטעלאַאָ: „סיעמפּרע ען גאַליסיאַ" ער איז

געווען עקס דעפּוטאַט פון גאַליסיאַ און מיניסטער אין דער גאַלעגישער גלות-רעגירונג. געשטאָרבן אין 1950 אין בוענאָס איירעס.

— זענען די גאַלעגאָס אויסשליסלעך קאַטאָליקן?

— אָדער קאַטאָליקן אָדער גלייכגילטיקע צו רעליגיע. הגם ניט גלייכגילטיק צו טראַדיציע וואָס איז פאַרבונדן מיט היימישן. קיין פּראָ־טעסטאַנטן זענען ניטאָ פאַראַן.

— פאַראַן הי ביבליאָטעקן פון גאַלעגיש?

— פאַראַן גרויסע ביבליאָטעקן הן ביים „סענטראָ גאַליעגאָ", הן ביי „קאַסאַ דע גאַליסיאַ"; ביכער פון גאַלעגישע אויטאָרן און גאַ־לעגישע טעמעס, אײנשליסלעך אויף דער גאַלעגישער שפּראַך. פאַראַן אויך באַדייטנדיקע גאַלעגישע ביבליאָטעקן ביי פּריוואַטע פּערזאָנען.

— ווער זענען די באַדייטנדיקסטע גאַלעגישע שרייבער אָדער פּאָעטן?

— אין 19־טן י"ה זענען די גרעסטע פּאָעטן געווען: ראָסאַליאַ דע קאַסטראָ (די פרוי פו היסטאָריקער מאַנועל מורגיאַ); עדואַרדאָ פּאָנדאַל און מאַנועל קורראָס ענריקעז.

אין 20־טן יאָרהונדערט: ראַמאָן קאַבאַנילאַס און סעלסאָ עמיליאָ פּערעירא, וועלכער לעבט היינט אין קאַראַקאַס.

פון עסייאיסטן קען מען דערמאָנען: ווינסענטע ריסקאָ און קאַסטע־לאַאָ — ביידע שוין טויט; עס לעבט נאָך, אין אָרענסע, ראַמאָן אָטעראָ פּעדראַיאָ, א בן שמונים, וועמען מען רופט „דער פּאַטריאַרך פון דער גאַלעגישער ליטעראַטור".

— זענען פאַראַן אין מאָנטעווידעאָ נאָך גאַלעגישע שרייבערס? („נאָך" — מיין איך —חוץ דעם אינטערוויואירטן).

— יאָ. ד"ר העלרעי סאַנטשעז, וועלכער שרייבט בעיקר ליטעראַ־טור־קריטיק, אָבער אויך וועגן גאַליסיע. פאַראַן נאָך פּאָעטן.

— רעזומירנדיק קאָן מען זאָגן, אַז גאַלעגאָס באַטראַכטן זיך ניט ווי מענטשן פון א באַשטימטער שפּאַנישער געגנט, נייערט ווי אַן עטני־שער איינס?

— גאַלעגאָס פּאַרמאָגן נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין און האַלטן זיך אַלס איינע פון די איבערישע נאַציעס, פאַרברידערטע מיט שפּאַניע און מיט פּאָרטוגאַל.

— כ'האָב געלייענט אַמאָל אין א צייטונג, אַז די היגע גאַלעגאָס

האָבן געבראַכט אַהער ערד פון גאַליסיאַ פאַרן גאַלעגישן פאַנטעאָן אויף אַ היגן בית עולם...

— יאָ, וואָלסט עס געמעגט זען. דאָס איז אויפן „סעמענטעריאָ דעל נאָרטע". מע האָט געבראַכט ערד פון די פיר גאַלעגישע פּראָווינצן און פון די הייזער פון יעדער איינער פון די גרויסע גאַלעגישע פערזענלעכ־קייטן — שרייבערס און פּאָעטן. איז קוק וואָס עס קען געשען: די ערד איז דאָך איינגעשלאָסן. איז זעט אויס, אַז אין דעם הויפּעלע ערד וואָס מע האָט געבראַכט פון הויז פון דער דיכטערין ראָסאַליאַ דע קאַסטראָ האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ קערנדל זריעה און איצט האָט זיך דערפון דאָ צעבליט אַ בלום. וואָלסט עס געמעגט זען.

ער זאָגט עס אַזוי פּשוט, אָבער דו זעסט דעם פּאָעט אַ פאַרליבטן אין זיין מאַמעס לשון און היימלאַנד — אַלץ קאָנצענטרירט אין זיין בליק וואָס דריקט אויס אַ ים מיט בענקשאַפט וואָס עס איז אומעגלעך איבערצוגעבן.

איך זאָג אים צו, אַז איך וועל דאָס אַמאָל פאַרן זען און טראַכט דאָס צו טאָן. אָבער איך זע עס שוין איצט. וויפל מאָל ער האָט אין אונדזער שמועס אַרויסגערעדט דעם נאָמען ראָסאַליאַ דע קאַסטראָ, האָבן אים סיווי געשיינט די אויגן מיט עפּעס אַ שיין פון אַן אַנדערער, הע־כערער, אומאויסלעשלעכער וועלט.

צו „קהלת"

איך האָב פריער דערמאָנט, ווי קאַרלאָס סוביליאַגאַ האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן „שיר השירים" אויף גאַלעגיש. ער האָט דאָס דערמאָנט אין שייכות דערמיט, וואָס נאָר דאָס דאָזיקע ווערק, צוזאַמען מיט „קהלת" און „איוב" האָט ער אויף גאַלעגיש פון „אַלטן טעסטאַמענט" בכלל.

אָבער אין דערפערזאָן פון יונגן היסטאָריקער און פּאָעט איז בכלל פאַראַן אַסך שיר השירימדיקס. ער איז אין דער עלטער וואָס צו זיין געמיט און געפילן־וועלט, רעדט בעיקר אָט דאָס ווערק.

דערפאַר איז מיר אין אַ פּאָר טעג אַרום אויסגעקומען זיך באַקענען מיט אַ גאַלעגישער פערזענלעכקייט, פון וועמען עס האָט אַרויסגערעדט, אויב ניט קיין קהלתדיקע שטימונג איז בכל אופן ישוב הדעת און גע־

זעצטקייט פון „משלי", דאָס ווערק וואָס דער מלך שלמה האָט געשריבן ניט אין פרילינג און ניט אין האַרבסט, נאָר אין זומער פון זיין לעבן.

ד"ר כאָסע מאַריאַ דעל רעי סאַנטשעז, אַ באַרימטער אורוגווייער מע־דיקער איז געקומען אַלס קליין קינד פון גאַליסיאַ. היינט איז ער וויצע־פּרעזידענט פון „סענטראָ גאַלעגאָ", אָבער אויף שטענדיק וועט ער פאַר־בלייבן דער אויטאָר פון —דערוויילן— צען ביכער. אינגיכן דאַרף דער־שיינען אַן עלעפטס.

פון 11 ביכער — ניט מער ווי איינס אויף אויסגעשפּראָכן גאַלע־גישער טעמאַטיק.

ווען דו רעדסט מיט ד"ר דעל רעי און באַטראַכסט זיין פּנים וואָס דריקט אויס מידקייט, האָסטו דעם איינדרוק, אַז ניט נאָר איז גאַלעגישקייט ניט מער ווי אַ טייל פון זיין פילזייטיקער שפּאַנישקייט, נאָר בכלל פון זיין זייער פילזייטיקער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט איינגעזאַפּט לעבנסדערפאַרונג און לעבנס־חכמה.

ער איז מסתמא איבער די פופציק, אָבער אין זיין בליק איז פאַראַן אינטראָספּעקציע, חשבון הנפש און קילע באַרואיקטקייט וואָס קומט מיט דער עלטער. אפשר נאָך ניט אינגאַנצן דער הבל הבלים פון קהלת, אָבער יאָ דער „לכל זמן ועת לכל חפץ תחת השמים" („אויף אַלץ איז דאָ אַ שעה, און אַ צייט פאַר איטלעכער זאַך אונטערן הימל") פון דעם דאָ־זיקן ווערק.

ווען איך האָב אויסגעהערט זיינע ענטפערס אויף אַ פּאָר פראַגעס, האָב איך געזען אָביעקטיוו און קיל ניט נאָר די מערכה פון גאַלעגיש, נייערט אויך פון יידיש.

און אַז אַ קאָלאָניע האָט אַזאַ וווּנדערקינד ווי קאַרלאָס סוביליאַגאַ (און מסתמא איז ערגעץ דאָ אויך אַזאַ יידיש צי אַרמעניש יינגל) איז עס דען מאָסגיביק פאַרן אַלגעמיינעם? איז עס דען ניט קיין אויסנאַם וואָס זאָגט עדות וועגן דעם טרויעריקן מצב פון כלל?

— מוזט פאַרשטיין —רעזומירט ער זיינע געדאַנקען— אַז גאַלעגיש קאָן זיך אויפהאַלטן אין דאָרף, אין קליינעם שטעטל, אין שויס פון דער היים און פון דער משפּחה. אָבער ווען דער יונגטלעכער קומט אין דער גרויסער שטאָט, ווער שמועסט נאָך אין דער פּרעסע, איז דער דרויסנדיקער דרוק אַ שטאַרקער; פיל צו שטאַרק אויף ניט צו פאַרגע־מען דאָס פּלאַץ פון מאַמע־לשון...

— ס׳איז אמת, אַז די גרעסטע צאָל אימיגראַנטן אין לאַנד זענען די גאַלעגאָס?

— ס׳איז אמת. זיי זענען אויך די גרעסטע צאָל מיטגלידער אין אָט דעם „קלוב עספּאַניאָל״ וווּ מיר טרעפן זיך איצט. פון אַנדערע געגנטן איז מען געקומען ווייניקער, ווײַל יענע געגנטן זענען מער אינ־דוסטריעלע און עס האָט ווייניקער געפעלט באַשעפטיקונג.

—און חוץ גאַלעגן, וואַסקן און קאַטאַלאַנען — זענען געקומען אויך אַנדערע שפּאַניער קיין אורוגוויי?

—יאָ. עס זענען געקומען אַ באַדייטנדיקע צאָל פון די קאַנאַרישע אינדזלען. אַסטוריאַנער. אָבער דאָס אַלץ — אַמאָל.

— ס׳איז אמת, אַז אין גאַליסיאַ זאָלן זיין אַ צוויי מיליאָן נפשות וואָס רעדן גאַלעגיש?

— גאַלעגאָס זענען דאָרט פאַראַן אַן ערך צוויי מיליאָן מיט אַכט הונדערט טויזנט, אָבער גאַלעגיש רעדן ווייט ניט אַלע. אין די שטעט פּרעדאָמינירט קאַסטיליש.

— איז פאַראַן אַ רייכע גאַלעגישע ליטעראַטור?

— די גאַלעגישע ליטעראַטור האָט ספּעציעל געבליט אין 19־טן י״ה. אָבער קוואַנטיטאַטיוו איז די דאָזיקע ליטעראַטור דאָך ניט קיין רייכע. ס׳זענען פאַראַן אויסגעצייכנטע גאַלעגישע פּאָעטן. גאַלעגישע פּאָעטן און שרייבערס האָבן גלייכצייטיק געשריבן אויך אויף קאַסטעליאַנאָ, ווי די גרעסטע גאַלעגישע דיכטערין ראָסאַליאַ דע קאַסטראָ, אָדער... נאָר אויף קאַסטעליאַנאָ, ווי עובעניאַ מאָנטעס, אָדער קאַמילאָ כאָסע סעלאַ. אין דעם באַשטייט אפשר דער חילוק אויפן קולטור־געביט צווישן גאַלעגאָס און קאַ־טאַלאַנען. די גרעסטע קאַטאַלאַנישע שרייבערס האָבן געשאַפן זייערע ווערק אויף קאַטאַלאַניש. ביי גאַלעגאָס איז עס ווי ביי די גרויסע וואַסקישע שריי־בערס אונאַמונאָ און פּיאָ באַראָכאָ... (אין יעדן געדאַנק זייערס קום צום אויסדרוק דאָס אַלגעמיין־שפּאַנישע...)

— צי זענען היינט פאַראַן גאַלעגישע שרייבערס, פּאָעטן און אַנדע־רע קולטור־מענטשן וואָס שטרעבן און אַרבעטן פאַר דעם, אַז גאַלעגיש זאָל דערגרייכן דעם העכסט־מעגלעכן ניוואָ?

— יאָ, זיכער זענען פאַראַן אַזעלכע. זייער אַקטיווע.

— איך האָב זיך דאָ ניט לאַנג באַקענט מיט אַ פרוי, וואָס איז ערשט געהאַט געקומען מיט אַ פּיר יאָר צוריק פון גאַליסיאַ. זי האָט מיר דערציילט, אַז ביז אין דער עלטער פון זעקס יאָר האָט זי גערעדט

נאָר גאַלעגיש און ניט געקאַנט קיין וואָרט קאַסטעליאַנאָ. אַנווייזנדיק אויף איר דריי־יאָריק יינגעלע האָט זי דערקלערט מיט פייער אין די אויגן: „וויפל איך וועל לעבן, וועל איך מיט מיין קינד רעדן נאָר גאַלעגיש!”. זי איז געווען פון א דאָרף. קאָן מען דאָס האַלטן פאַר אן אלגעמיינער דערשיינונג?

— ניין. דאָס קען געשען נאָר ביי מענטשן פון דאָרף. גאַלעגיש איז בעיקר די שפּראַך פון פּויערים. דער שטאָטישער גייט איבער צו קאַסטעליאַנאָ...

(איך דערמאָן זיך אין דער לאַגע אין ארץ ישראל, אין דער צייט ערב דעם מכבים־אויפשטאַנד: דאָס דאָרף האָט זיך ניט אַסימילירט קולטורעל, די שטאָט יאָ...; און היינט, ביי יידן — אַיין וועלט!)

... אַזוי איז דער דרך העולם — גיט ער צו — ס'איז א נאַטירלעכער פּראָצעס. מען קען ניט דרייען צוריק. אוודאי וועט מען זאָל עס יאָ קענען, וואָלט עס געווען זייער אינטערעסאַנט.

— ד״ר, איר אליין רעדט גאַלעגיש?

— ניט פּערפעקט. איך לייען נאָר. און שטוב רעד איך, אָבער האַלטן א רעדע וואָלט איך זיך ניט אונטערגענומען.

— די לעצטע פראַגע: באַדייט דאָס זיין א גאַלעגאָ — זיין פון א באַשטימטער שפּאַנישער געגנט, אָדער עס הייסט זיין פון א באַשטימטער נאַציאָנאַליטעט?

— עס איז רעלאַטיוו. יעדער קאָן עס זען אנדערש. אויב גאַלעגיש איז א נאַציע, איז שפּאַניע א נאַציע פון נאַציעס. אויף יעדן פאַל וואָלט איך געוואָלט, אַז זאָלסט שרייבן קלאָר, אַז מיר פילן זיך סאָלידאַר מיט אַלע פעלקער פון שפּאַניע. מיר ווילן אָנהאַלטן אונדזער שפּראַך, מנהגים, טראַדיציעס, אָבער ניט קיין סעפּאַראַטיזם; מיר האָבן א געמיינזאַמע געשיכטע און אויך דעם באַוווסטזיין פון א געמיינזאַמען גורל, מיט אַלע פעלקער פון שפּאַניע.

איך האָב עס אים צוגעזאָגט און בין עס מקיים.

„ניט איך זאָג ליגן, ניט איך גיב־נאָך"

(אַ וואַסקיש גלייכווערטל)

ווען דו ריידסט זיך צו צו וואַסקן — פילסטו דרך־ארץ ווי פאַר דער אייביקייט אַליין. האָסט אַ געפיל, אַז דו מוזט איצט אויסזוכן ווער־טער — פון די סאַמע ערנסטע. אָבער ווען דו טוסט זיך אַ דערמאָן אין יעדן וואַסק באַזונדער פון די געציילטע מיט וועלכע דו האָסט זיך באַ־קאַנט — קומט אין דיר אויף אַ שמייכל: דאָס עלטסטע פאָלק פון אייר־ראָפּע באַשטייט דאָך פון מענטשן וואָס האָבן אויפגעהיט, זייט ביי זייט מיט געלייטערטער חכמה פון אוראַלט — די פרייד און דעם הומאָר פון קינדער. דאָס עלטסטע פאָלק פון אייראָפּע האָט אפשר די עלטסטע פּרע־היסטאָריע אויף דער וועלט, אָבער עס איז פול מיט וויטאַליטעט און שפּילעוודיקייט פון אַ יונג פאָלק. אַ יונג פאָלק, וועמענס רענעסאַנס ליגט אונטער שניי און אייז פון אומפאַרשטענדעניש און אונטערדריקונג, אָבער וואָס הערט ניט אויף צו וואַרטן און צו האָפן, און אויך צו קעמפן, פאַר זיין היסטאָרישן פרילינג.

דאָ, אין מאָנטעווידעאָ, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען אין מער ווי איין און דעם זעלבן מענטשן אי דאָס אוראַלטע, אי דאָס לעבהאַפטיק־יונגע.

ניט נאָר אין ערנסטן בליק און אין שמייכל פון קרוס איגואַין דעם באַר־דירעזשאָר ביים היגן „עוסקאַל עררייאַ", נאָר אויך עס קלאָר אַרויס־געהערט פון די רייד פון מער ווי איין מיטגליד פון דעם דאָזיקן כאָר, אָדער פון מיטגלידער פון „עוסקאַל עריאַ" בכלל.

„— איך זאָג קיינמאָל ניט, אַז מיין טאַטע איז אַ שפּאַנישער וואַסק, אַז מיין מאַמע איז אַ פראַנצויזישע וואַסקין און אַז איך בין אַן אורוג־

ווייער וואסק; איך זאָג: מיין טאטע איז אַ וואסק פון שפּאַניע מיין מאַמע איז אַ וואסקין פון פראַנקרייך און איך בין אַ וואסק פון אורוגוויי; ווייל נאַציע איז באַזירט אויף פּאָליטישן אָפּמאַך; אויף עפּעס וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון מענטשן, און וואָס קאָן זיין פאַרגענגלעך; בעת אָפּשטאַם — איז דער מענטש אַליין; איז אייביק".

די דאָזיקע ווערטער געהערן צו אַ מענטשן, וואָס אַ האַלבע שעה נאָכן אויסדריקן זיין געדאַנק, האָב איך אים שוין געזען זינגען וואסקישע פאָלקס-לידער און שפּעטער מיר דערציילן וועגן די וואסקישע פאָלקס-ספּאָרטן: „פּעלאָטאַ", האַקן גראָבע בוים-שטאַמען, הייבן שווערע משאָ'ס און — גוט עסן און טרינקען.

עס האָט מיר אַמאָל דערציילט מיינער אַ חבר, וואָס איז ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה אָנגעקומען אַלס פּאָליטישער פּליט קיין פראַנקרייך. אין אַן אָוונט זענען זיי געזעסן אַ גאַנצע גרופּע, אין הויף פון אַ פּראָנצוויזישן פויער, ערגעץ אין אַ פּאַרוואָרפן דאָרף און געשמועסט וועגן פאַרשידענע אַקטועלע און פאַרשטייט זיך גאַרניט פריילעכע ענינים. ווען דער פויער האָט דערהערט ווי מיין חבר — דעמאָלט אַ דרייסיק יעריקער, האָט געטאָן אַ זאָג, אַז ער איז אַ ייד, האָט דער פויער אויסגערופן: „אַזוי יונג און שוין אַ ייד?" ביי דעם פראַנצוויזישן פויער איז דער באַגריף ייד, געווען סינאָנים מיט אַלטקייט. איך ווייס ניט צי ביי דעם זעלבן פראַנצוויזישן פויער איז אויך סינאָנים פון אַלטקייט דער באַגריף „וואסק" דאָס פאָלק וואָס לעבט אויף זיין צפונדיקער גרענעץ, אין די פּירענעען. קאָן זיין גאָר פאַרקערט. קאָן זיין, אַז ביים פראַנצויז איז דער באַגריף „וואסק" גאָר פאַרבונדן ניט מיט „שוין", נייערט מיט „נאָך": „רעדט נאָך עפּעס אַ שפּראַך וואָס קיינער פאַרשטייט ניט; רעדט נאָך פראַנצוויזיש פאַרבייטנדיק דעם מין פון די סובסטאַנטיוון; האַלט זיך נאָך ביי מנהגים פון פאַרוואָרפענע דערפער, אַנשטאָט צו זיין גלייך ווי „אַלע"...

שוין אָפּגערעדט פון דעם וואָס וועגן וואסקן האָט דער פראַנצויז ניט געהערט אין קירך, — אַז זיי האָבן שוין עקזיסטירט, אַזוי לאַנג ווי אין יעזוסעס צייטן, אָדער נאָך פריער און וואסקן טראָגן ניט קיין בערד און פּאות און אַמאָל גאָר נאָך לאַנגע קאַפּאָטעס דערצו...

דו מוזט ערשט אַ לייען-טון עטלעכע ביכער, כדי זיך צו דערוויסן, אַז באַשטימטע ווערטער אין דער וואסקישער שפּראַך זענען עדות, אַז

די דאָזיקע שפּראַך שטאַמט נאָך פון דער שטיין־עפּאָכע, ווען דער מענטש האָט נאָך בכלל ניט געוווּסט פון קיין מעטאַלן; אַז דאָס הייסט, אַז וואַסקן געפינען זיך דאָרט ווו זיי האָבן זיך שוין געפונען מיט צען טויזנט יאָר צוריק און האָבן שוין גערעדט אַ לשון, וואָס איז ניט געווען קיין סך אַנדערש ווי דאָס וואָס זיי רעדן היינט. און דו דערוויסט זיך, אַז אין דער צייט, האָבן אין שפּאַניע דעפּילירט אַן אַ שיעור פעלקער און לשו־נות און מיט פייער און שווערד געפּרוווט בלייבן די איינציקע באַהער־שערס און עס איז זיי אין אַ געוויסער מאָס געלונגען. אָבער דאָך איז זיי ניט געלונגען: ניט אַרויסצוטרייבן פון דאָרט די וואַסקן און ניט זיי צו אַסימילירן. וואַסקן זענען דאָרט געשטאַנען און שטייען ווי אַ מעכטיקער פעלדז, איבער וועלכן עס פליסן־אַריבער מיליאָנען טאָנען וואַסער אין מעכטיקע כוואַליעס, אָבער רינען אָפּ, זעצן זיך; און דער פעלדז בלייבט ווייטער פעלדז. דאָרט ווו ער איז געווען אין אָנהייב. ניין — ניט אין אָנהייב: אין אָנהייב פון אַלע אָנהייבן. ווייל עס איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל קענען באַהויפּטן, אַז ער ווייסט דאָס מינדעסטע וואָס עס איז געווען דאָרט, איידער עס זענען געווען די וואַסקן.

און דאָ דערמאָן איך זיך צוויי אַנעקדאָטן, איינער וועגן אַ ייִדן, דעם צווייטן וועגן אַ וואַסק — יעדער איינער זייער כאַראַקטעריסטיש, אָבער ווו דער וואַסק שטייגט־איבער אין אור־אַלטקייט:

אויף אַן אויפנאַמע פאַר מיטגלידער פון דער העכסטער געזעל־שאַפט אין וואַשינגטאָן, האָט אַ דאַמע פון גרעסטן יחוס געוואָלט אַ ביסעלע אַ שטאָך־טון דעם ראַביי סטיפען ווייז (דעמאָלסטדיקער פּאַר־זיצער פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס) און אים אַ זאָג געטאָן, גאַנץ „צופע־ליק": „ווייסט? מיינער אַן עלטער־זיידע איז געווען אָנוועזנדיק ביים פאַרלייענען די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע פון די פאַראייניקטע שטאַ־טן". אויף וואָס דאָקטאָר סטיפען ווייז האָט אויפן אָרט געענטפערט: „און מיינער אַן עלטער־זיידע איז געשטאַנען דערביי, ווען משה רבנו האָט פאַרגעלייענט די עשרת הדברות".

און דאָ קומט דער וואַסקישער ענטפער אויף אַזאַ אָנצוהערעניש. אַ פראַנצויזישער אַדעליקער האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן צו אַ וואַסק: „דו ווייסט? מיר דאַטירן זינט טויזנט יאָר צוריק!" און דער וואַסק ענט־פערט גלייך: „מעגלעך. אָבער מיר דאַטירן שוין בכלל ניט!"...

עס איז ביי וואַסקן בכלל ניטאָ קיין „פון ווען אָן"...

ביים גריבלען זיך וועגן וואַסקן, ווייס איך ניט, צי עמיצער האָט

זיך אמאָל אָנגעשטויסן אויך אין ארמעניִשן פאָלק. מעגלעך אַז ניין. אָבער עס זענען פאַראַן אַ פּאָר מאָמענטן וואָס זענען געמיינזאַם פאַר די צוויי פעלקער:

אויב ארמעניע ליגט אין די קאַווקאַזישע בערג, ערגעץ ביי די מזרח־טויערן פון אייראָפּע, ליגט וואַסקאָניע אין די בערג, — ביי די מערב־ברעגן פון דעם זעלבן קאָנטינענט; ביידע לענדער זענען צעטיילט צווישן צוויי פעלקער: ארמעניע — צווישן טערקיי און רוסלאַנד און וואַסקאָניע צווישן פראַנקרייך און שפּאַניע. אמת, וואַסקן האָבן ניט געהאַט אין זייער געשיכטע אַזעלכע טראַגעדיעס ווי די ארמעניער. אָבער זיי זענען קולטורעל אונטערדריקט און אויב ארמעניער האָבן געהאַט אויס־צושטיין פיזישן גענאָסיד, זענען וואַסקן באַדראָאַט פון גייסטיק־קולטורעלן גענאָסיד און וואַסקישע אינטעלעקטואַלן זענען וועגן דעם זייער און זייער באַזאָרגט; דער מאָרגן שרעקט.

***

דאָס וואָרט „זאַזפּיבאַט" הייסט אויף וואַסקיש: „זיבן וואָס זענען איינס"; דערמיט דריקט אויס דער וואַסק די באַהויפּטונג, אַז די זיבן וואַסקישע פּראָווינצן זענען איין און איינציק לאַנד; ניט קוקנדיק דער־רויף וואָס פיר פון די דאָזיקע זיבן פּראָווינצן זענען אונטער שפּאַנישער הערשאַפט און דריי — אונטער פראַנצויזישער. ווען מע פרעגט אַ וואַסק: „וואָס ביסטו — אַ שפּאַניער צי אַ פראַנצויז?" ענטפערט ער: „איך בין אַ וואַסק!"...

די נעמען פון די זיבן פּראָווינצן האָב איך שוין געטראָפן געשריבן אויף פאַרשידענע אופנים, אַזוי אַז אויך פאָנעטיש זאָלן זיי קלינגען פאַרשידן. אָבער אויף וואַסקיש הייסן די פיר פּראָווינצן אין שפּאַניע: אַלאַבאַ, ביסקאַיאַ, גיפּוסקאָאַ און נאַבאַררא און די דריי פראַנצויזישע: זובעראָאַ, לאַבורדי און בענאַבאַררע.

אויף שפּאַניש הייסט דאָס לאַנד פון די וואַסקן „וואַסקאָניאַ" פון שורש „וואַסקאָ" אָדער „באַסקאָ". פאַראַן צוויי אינטערפּרעטאַציעס וועגן וואָרצל פון וואָרט וואָס זענען זיך סותר. וואַסקישע נאַציאָנאַליסטן האַלטן, אַז דאָס וואָרט „באַסקאָ" הייסט אויף וואַסקיש „פון וואַלד" ווייל „באַסאָ" איז וואַלד און „קאָ" איז "פון" עלעהיי אויף העברעיש „יער" — וואַלד, יערי —וואַלדישער. אָבער די צווייטע אינטערפּרעטאַ־ציע איז, אַז „וואַסקאָ" (אָדער גואַסקאָ) איז די לאַטיינישע טראַנספּאָר-

מירונג פֿון דער וואַסקישער באַצײַכענונג פֿון וואָרט וואָס באַטײַט וואַסק: „עוסקא". פּשוט.

זייער לאַנד וואָס געפֿינט זיך אין די פּירענעען, איבערגעשניטן פֿון דער שפּאַניש־פֿראַנצויזישער גרענעץ, הייסט אויף וואַסקיש — „עוס־קאַלעריאַ" — אָדער „עוסקאַדי"; דאָס וואָרט וואַסק איז אויף וואַסקיש — „עסקאַלדונאַק".

ס׳איז אַ לאַנד פֿון בערג, פֿון בהמות־האָדעוואַניע און אַגריקולטור; פֿון מינעס, מעטאַלורגישע אינדוסטריע און פֿון עקספּאָרט; פֿון ווײַנטרויבן און פֿון פֿיש ־ פֿאַנג.

אַרכעאָלאָגן און עטנאָלאָגן געפֿינען־אויס, אַז שוין צײַכענונגען אין הײלן וואָס שטאַמען פֿון אור־מענטשן, זאָגן עדות וועגן וואַסקישן אָפּ־שטאַם פֿון יענע ווײַטע תקופֿות.

אַבסאָלוט אַלע פּרוּוון און טעאָרעטישע ספּעקולאַציעס וועגן „פֿון וואַנען זענען געקומען די וואַסקן?" זענען דורכגעפֿאַלן. פּונקט ווי עס זענען דורכגעפֿאַלן אַלע פּרוּוון צו געפֿינען אַ שײַכות צווישן זייער לשון און די שפּראַכן־פֿאַמיליעס וואָס זענען בכלל באַקאַנט. אַפֿילו דער לעצ־טער פּרוּוו צו געפֿינען אַן אָנקער צווישן וואַסקיש און די אוראַל־טאַיִשע לשונות, אונגאַריש צי פֿיניש, זענען שוין אויך דערקלערט געוואָרן אַן פֿונדאַמענט.

צווישן די לכל־הפּחות צען טעאָריעס וועגן זייער אָפּשטאַם, איז פֿאַראַן איינע (ניט מער זינלאָז ווי די אַנדערע) אַז זיי שטאַמען פֿון די פֿאַרלוירענע צען יידישע שבטים, ווען אַסיריע האָט חרוב געמאַכט מל־כות ישׂראל אין יאָר 722 פּ. ק.; אַ טעאָריע, אַז זיי שטאַמען פֿון איינ־געזונקענעם קאָנטינענט אַטלאַנטידאַ; און ווײַל אין זייער לאַנד זענען פֿאַראַן אַסך אײַזן־גרובנס, האָבן קריסטלעכע גײַסטלעכע געגלייבט, אַז וואַסקן שטאַמען נאָך פֿון תּובֿל קין (בראשית, ד׳ כ"ב) „דעם אויסשלײַ־פֿער" פֿון אַלערלײַ קופּער און אײַזנגעצײַג).

אַז וואַסקן שטאַמען ניט פֿון ערגעץ אַנדערש, נאָר פּשוט פֿון דאָרט ווו זיי געפֿינען זיך זינט דער מענטש געדענקט זיך אַליין — מיט דעם הייבט מען ערשט הײַנט אָן שלום צו מאַכן. און אַזוי האָבן וואַסקן גע־לעבט, אײַנגעשלאָסן אין זייערע בערג, אין זייערע טראַדיציעס און מנ־הגים און אין זייער אומדורכדרינגלעכער שפּראַך, ביז זיי האָבן דערלעבט די הײַנטיקע צײַטן, ווען געלערנטע שטודירן ראַסן לויטן געבוי פֿון

שאַרבן, לויט בלוט־גרופּעס און לויטן קאָליר פון האָר און אויגן.

מאַכט מען אַזעלכע שטודיומס אויך איבער דעם קאָוגן מיליאָן וואַסקן אין די שפּאַנישע גרענעצן און איבער די פּאָר הונדערט טויזנט אין פראַנקרייך. און די אויספירן זענען, אַז אַן ערך זעכציק פּראָצענט וואַסקן האָבן ברוינע אויגן און שאַטענע האָר; פון די איבעריקע פערציק פּראָצענט איז עפּעס מער ווי אַ העלפט טונקל-הויטיקע און שוואַרץ־אויגיקע און דאָס רעשט — בלאָנדע און בלוי־אויגיקע.

ביי וואַסקן, האָט מען פעסטגעשטעלט, דאָמינירט דער פאַקטאָר „ר. ה. נעגאַטיוו" אין בלוט.

גייסטיק איז דער הויפּט־שטריך פון וואַסקישער אייגנאַרטיקייט — זייער שפּראַך. ליידער ווערט וואָס אַמאָל מער איינגעשרומפּן די צאָל מענטשן וואָס רעדן און פאַרשטייען וואַסקיש. פון איין זייט איז פאַראַן אַ דרויסנדיקער דרוק. במשך די לעצטע קאַרגע דרייסיק יאָר האָט דער פראַנקאָ־רעזשים אונטערדריקט וואַסקיש: ניט דערלויבט צו לערנען און ניט אפילו צו רעדן אויף דעם לשון; אפילו תפלות אָפּריכטן אין די קירכן אויף וואַסקיש —איז פאַרבאָטן געוואָרן. עס האָט געגרייכט אַזוי ווייט, אַז לויט אַ דעקרעט האָט מען פשוט פראָפאַנירט בית־עלמינס און אָפּגעמעקט די אויפשריפטן אויף מצבות, אויף וואַסקיש. פון דער צווייטער זייט איז חוץ אויסערלעכן צוואַנג פאַראַן אויך אויסערלעכע לאָקונג. פונקט ווי ביי יידן, דרינגט אַריין די אַרומיקע רייכע און ברייט-האָריזאָנטיקע קולטור אויף שפּאַניש און פראַנצויזיש און וואַסקיש זעט אויס ביי דער יוגנט „אַמאָליק" און „ניט מאָדערן!". און אויף וויפל וואַסקן זענען אָפּגעשלאָסן ביי זיך אין דער היים — און די דאָזיקע איינגע־שלאָסנקייט האָט זיי אויפגעהאַלטן ביים לעבן — ברעכט זיך דאָס אַלץ איין, ווען זיי קומען קיין אַמעריקע. דאָ פאַרלירן זיי זייער שפּראַך און אָפּט... אויך זייער וואַסקישקייט.

וואָס זשע בלייבט:

עס בלייבט דער פאַקט פון וואַסקיש „בלוט" אין די אָדערן פון זייער אַסך שפּאַניער און לאַטיין־אַמעריקאַנער. דאָס איז איינער פון די פאַקטאָרן פון וואַסקישן פאָלק פאַר די יונגע פעלקער פון אַמעריקע, וועלכן זיי שטרייכן אונטער ביי יעדער געלעגנהייט. פאַרשטייט זיך אַז מיט „בלוט" מיינט מען אויך כאַראַקטער־שטריכן און כאַראַקטעריסטי־שע אייגנשאַפטן.

ביי קיין שום פאָלק הערט מען אפשר, דעריבער, אַזויפיל ניט די אויסדרוקן „בלוט, ראַסע, אָפּשטאַם, יחוס"; איך ווייס ניט צי עס זענען פאַראַן נאָך פעלקער וואָס זאָלן האָבן אַזויפיל ביכער וועגן אָפּשטאַם; אָפּשטאַם פון נעמען און זייער עטימאָלאָגישע באַדייטונג; אָפּשטאַם פון באַרימטע פערזענלעכקייטן ביי פאַרשידענע פעלקער; און אָפּשטאַם פון פאַמיליען־הערבן. אַלע וואַסקן פאַרמאָגן אַדל־טיטולן. דאָס שטאַמט נאָך פון מיטל־אַלטער. אויף דער אָרעמסטער שטוב אין וואַסקן - לאַנד קאָן מען טרעפן אויף דער פאַסאַד סקולפּטירט דעם עמבלעם פון דער משפּחה. זענען פאַראַן אַסך ביכער וועגן אָפּשטאַם און באַדייטונג פון יעדן הערב. פאַראַן אַפילו אינסטיטוציעס צו וועלכע איר קאָנט זיך ווענדן הן וועגן אַן אויפקלערונג וועגן אָפּשטאַם און באַדייט פון אייער פאַמיליע־נאָמען און אויך וועגן דער צורה פון אייער משפּחה־עמבלעם. און איר באַקומט ניט נאָר אַ גענויע באַשרייבונג, נאָר אַ פולע „רעפּראָדוקציע" אין פאַרבן פון אייער משפּחה־הערב מיט זיין גענויער יחוס־געשיכטע.

***

א קליינע דיגרעסיע:

אַלס ייד איז מיר אומעגלעך זיך דערביי ניט צו דערמאָנען, אַז אויך ביי אונדז רעדט מען און מע שרייבט, אַז עס פליסט יידיש בלוט אין די אָדערן פון זייער אַ סך שפּאַניער און לאַטיין־אַמעריקאַנער; זענען דען ניט געקומען אַן אַ שיעור מאַראַנען אין דער צייט פון דער קאָלאָניזאַציע פון לאַטיין־אַמעריקע, שוין גלייך צוזאַמען מיט קאָלאָמבוסן? אָבער בעת יידן זענען געקומען פאַרשטעלט אַלס קריסטן און געמוזט ווי ווייט מעגלעך באַהאַלטן זייער יידישן אָפּשטאַם, אויף אַזוי ווייט, אַז מיט דער צייט האָבן זיי אַליין פאַרלוירן יעדן צובונד צו אים, זענען די קאַטוילישע וואַסקן געווען פריי צו מאַניפעסטירן זייער גזע און פּראָקלאַמירן עד היום אָפן און פריי, אַז אַן אַ שיעור אַמעריקאַנער פערזענלעכקייטן, קאָנקיסטאַדאָרן און פּיאָנערן, זענען פון זייער „ראַסע". יידן האָבן דאָס ניט געקאָנט טון צו דער צייט און היינט האָט עס אפשר ניט קיין זין, נאָך עפּעס: וואַסקן האָבן זייערע פאַמיליעס ניט געמוזט ענדערן, בעת יידן האָבן עס דווקא געמוזט טון און אָנעמען קריסטלעך־קלינגענדיקע פאַמיליען־נעמען, כדי צו פאַרטרייבן פון זיך יעדן חשד פון דער אינקוויזיציע.

און דאָ דערמאָן איך זיך אין אַן אורוגווייער פּריינט פון וואסקישן אַפּשטאַם, האַראַסיאָ אַסיאַין מאַרקעז, וועלכער האָט געהאַט אַזויפיל פאַרשטענדעניש פאַר יידן און זייער צובונד צום יידישן שורש. היינט, ווען איך דערוויס זיך ס'אַראַ ראָל עס שפּילט ביי וואסקן דער אַפּשטאַם, ווערט מיר קלאָר פון וואנען עס קומען צו אַסיאַניען זיין פאַרשטענדע־ניש פאַר אונדז. אַגב; דאָס וואָרט „אַסיאַין" באַטיט אויף וואסקיש „דאָרן ־ בוים" — סנה.

***

אַ באַרימטער ענגלישער שרייבער און פאָרשער פון וואסקן, זייער שפּראַך און קולטור, ראָדנעי גאַלאָפּ, זאָגט, אַז ספּעציעל נאָך דער צוויי־טער וועלט־מלחמה זענען וואסקן שטאַרק געוואָרן „אין דער מאָדע" און עס האָבן זיך אין זייער לאַנד אַריין אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ היישעריק, מח־נות זשורנאַליסטן און רייזע־באַשרייבערס און עס האָבן זיך באַקומען באַשרייבונגען וואָס אַנטהאַלטן אַן אַ שיעור אומפּינקטלעכקייטן.

אָבער עס זענען געווען און עס זענען פאַראַן זייער אַסך ערנסטע פאָרשערס, וואָס גיבן אַוועק יאָרן פון זייער לעבן, באַזעצן זיך אַפילו און לעבן יאָרנלאַנג אין לאַנד פון די וואסקן, כדי צו באַשרייבן זייערע מנ־הגים, זייערע טראַדיציעס, זייער קונסט און זייער ספּעציפישן לעבנס־שטייגער. אַזעלכע שרייבער באַווייזן אויך, אַז אויסלענדער קענען זיך אויסלערנען פאַרשטיין און רעדן וואסקיש.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין דער אמתן אין יאָר 1545, מיטן דער־שיינען פון אַ לאַטייניש בוך וועגן דער „פּרימיטיווער וואסקישער שפּראַך". אין 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַסקישער רענעסאַנס. אָבער שוין זינט דעם 16־טן י"ה גריבלען זיך געלערנטע וועגן אַפּשטאַם פון די וואסקן. אַלע באַוואונדערן זייער פעיקייט אויפצו־האַלטן די אייגענע אינדיווידואַליטעט.

דער אַרגענטינער ד"ר ט. אַטאַעגי, וועמען איך וועל אפשר מוזן אַסך מאָל דערמאָנען, חזרט אָפּט איבער דאָס וואָרט „אידיווידואַליטעט" און „אינדיווידואַליזם", בשייכות מיט וואסקן, אָבער עס קומט ביי אים שטענדיק זייט ביי זייט מיטן וואָרט „סאָלידאַריטעט". דאָס איז דאָס אינטערעסאַנטע פון וואסק — סאָלידאַר מיטן מיטמענטשן, אָבער בלייבן „איך".

צוזאַמענלעבן הייסט ניט אויפהערן זיין אַלס אייגנאַרטיקער איינס.

און דאָס איז געגאַנגען דורך דער גאַנצער געשיכטע פון וואַסקישן פאָלק. זיי האָבן קיינמאָל ניט געוואָלט אַרויסצווינגען זייערס אויף אַנדערע, אָבער אויך ניט געוואָלט דערלויבן, אַז עמיצער זאָל אויף זיי אַרויפצווינגען זיינס. אויב געשיכטע הייסט אַנפאַלן, רויבן, איינעמען פרעמדע לענדער — האָבן די וואַסקן בכלל ניט קיין געשיכטע. אויב געשיכטע הייסט גרעסער פאַר אייגענעם כאַראַקטער און רעכטן — האָבן די וואַסקן אַ גלענצנדיקע געשיכטע. „במשך יאָרהונדערטן אין וועלכע די גאַנצע מענטשהייט איז געווען פאַרשקלאַפט, האָבן מיר אויפגעהיט אונדזער פרייהייט" דערקלערן וואַסקן. אויף אַן אַלט הויז, אין לאַבורדי, אַ וואַסקישע פּראָווינץ אין פראַנקרייך, איז ביז היינט אויפגעשריבן אויף דער פאַסאַד אַ פּיל-באַדייטנדיקע לאָזונג: „ניט קיין טיראַנען און ניט קיין שקלאַפן". דאָס איז די אייגנטלעכע „פּאָליטיק" פון די וואַסקן.

מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק זענען אין יענע געגנטן אָנגעקומען די רוימער און זיך אָנגעשטויסן אויף די וואַסקן ווי אויף אַ האַרטער נוס. און פון דעמאָלט אָן ביז 1839 איז קיינעם פון די וואָס זענען געקומען נאָך די רוימער, ניט געלונגען אונטערצוודריקן די וואַסקן.

אונטער די שפּאַנישע קעניגן האָבן זיי במשך יאָרהונדערטן אויפגעהאַלטן אַ באַשטימטע אויטאָנאָמיע. זיי האָבן נאָר געדאַרפט צאָלן גלאָבאַלע שטייערן, וואָס זיי אַליין האָבן געדאַרפט אויפמאָנען. זיי זענען ניט געווען פאַרפּליכטעט צו דינען אין מיליטער. שפּאַניש מיליטער האָט ניט געטאָרט אַרויפקומען אויף זייער טעריטאָריע. דערביי נאָך עפּעס: זייער טעריטאָריע איז טאַקע צעטיילט צווישן פראַנקרייך און שפּאַניע, אָבער דער וואַסקישער פאָלקס־מענטש האָט שטענדיק געזען זיין לאַנד ווי איינס און אַ ניט־צעטיילטס. האָט ער ניט געזען קיין שום חטא אין פירן פאַרשידענע סחורות און פּראָדוקטן פון איין וואַסקישער געגנט אין דער צווייטער, אומאָפּהענגיק צי אין דער מיט איז ערגעץ געווען אַזוינס וואָס מע רופט גרענעץ. זאָל עס ביי עמיצן הייסן „קאָנטראַבאַנד" — דער וואַסק האָט זיך דערמיט ניט גערעכנט: ער אָפּערירט אויפן שטח פון אייגענעם פאָטערלאַנד. עס זאָלן אפילו געווען זיין בנינים מיט איין טיר אין פראַנקרייך און אַ צווייטער — אין שפּאַניע.

אין דער פּראָווינץ גיפּוזקאָאַ, אין שטעטל גערניקאַ, איז דאָ אַ יונגער בוים, אַרומגערינגלט מיט אַן אָפּצוימונג, ווי אַ היסטאָרישער מאָנומענט. דער דאָזיקער בוים שטאַמט פון אַ טויזנטיעריקן דעמב, וואָס איז פאַר וואַסקן אַ שטיק פון זייער געשיכטע. דאָרט, אונטער די צווייגן פון

אורוגוואָרצלען

אור־אַלטן דעמב, פלעגן זיך במשך דורות און דורות צונויפקומען די זקנים פון פאָלק, משפטן און אויסאַרבעטן געזעצן, לויט וועלכע דאָס פאָלק האָט געלעבט. דער בוים פון גערניקאַ איז פאַר וואַסקן אַ הייליק־טום און איז דער סימבאָל פון זייער טראַדיציע פון פרייהייט, אומאָפּ־הענגיקייט און רעכטן. אויך זייער נאַציאָנאַלער הימן הייסט „דער בוים פון גערניקאַ".

אין די צייטן פון דעם קאַטוילישן קעניגן־פּאָרל, פערנאַנדאָ און איזאַבעלאַ, איז געקומען צו אַן אָפּמאַך וועגן דער אַנעקסירונג פון וואַסקן־לאַנד צו דעם גרויסן שפּאַניע, אָבער אויפן יסוד פון רעספּעקטירן די וואַסקישע רעכטן. אונטער דעם בוים פון גערניקאַ, האָט פערנאַנדאָ דער קאַטוילישער געשווירן געטריישאַפט די רעכטן פון די וואַסקן. דאָרט האָט ער אויפגענומען די שבועה פון די וואַסקן צו זיין געטריי דער מלוכה, אָבער דאָרט האָט ער זיך אויך מתחייב געווען אויפצוהאַלטן זייערע פּריווילעגיעס.

אין מוזיי פון בילבאַאָ איז פאַראַן אַ קונסט־בילד, געמאָלט אין 1605, פון פראַנסיסקאָ דע מענדיעטאַ, וואָס שטעלט פאָר ווי איזאַבעלאַ שווערט אָפּצוהיטן די רעכטן פון די וואַסקן פון ביסקאַיאַ.

אינערלעך פלעגן די וואַסקן האָבן זייער אייגענע רעגירונגס־פאָרם. די באַזע פון דער העכסטער נאַציאָנאַלער אַנפירונג זענען געווען די מוניציפּאַלע ראַטן. דאָס הייסט, אַז עס איז געווען באמת דעמאָקראַטיש, פון אונטן אַרויף. זיי האָבן געהאַט תקנות וועגן דעם, אַז דאָס ווין־אָרט איז הייליק און טאָר ניט איבערשריטן ווערן; אַ געזעץ וועגן האַ־בעאַס קאָרפּוס פאַר אַלע איינוווינער (צום אונטערשיד פון ענגלישן געזעץ וואָס האָט די פּריווילעגיע פאַרויסגעזען נאָר פאַר די העכערע קלאַסן); עס איז געווען פאַרבאָטן דאָס קאָנפיסקירן פאַרמעגן, ווי אויך צו פייניקן מענטשן. וואַל־רעכט פאַר אַלע איינוווינער. דאָס אַלץ האָט פאַרזיכערט דער זקנים־ראַט אונטער דעם אַלטן דעמב, וואָס איז פאַר זיי געווען דער סימבאָל פון דער אייביקייט. עס דערמאָנט אין די ביבלישע צייטן פון יידישן פאָלק. און נאָך עפּעס: די וואַסקן פלעגן דאָס אַלץ ניט אויפ־שרייבן. עס איז געווען אַ תורה בעל פה און עס איז קיינעם ניט איינ־געפאַלן, אַז עמיצער וועט זיך דערמיט ניט רעכענען. אַלץ פלעג איבער־געגעבן ווערן מדור לדור במסורה.

די וואַסקן האָבן ליב געהאַט די פרייהייט פאַר זיך און אויך פאַר אַנדערע. פלעגן זיין מורדים קעגן יעדער מין אומרעכט. און דאָס אַלץ

באהויפּטן די וואַסקן, „האָבן מיר אינוועסטירט” צווישן די פעלקער אין וועלכע מיר האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אויפן נײַעם קאָנטינענט.

אין 1839 האָט שפּאַניע געבראָכן איר פאַרפּליכטונג־בונד בנוגע די רעכטן פון די וואַסקן און זינט דעמאָלט געפינט זיך דאָס דאָזיקע פאָלק אין פּערמאַנענטן וואַך־צושטאַנד און הערט ניט אויף האָפן, אַז זײַנע רעכטן וועלן אים סוף כל סוף צוריק געגעבן ווערן.

***

האָט דאָס ברעכן די אָפּמאַכן לטובת די וואַסקישע פּריווילעגיעס, אין 1839, גורם געווען אַז וואַסקן זאָלן פאַרלירן אויך די הויפּט־שטריכן פון זייער כאַראַקטער?

— כ'גלייב, אַז ניין. פאַרקערט. יעדער וואַסק אין אַמעריקע דער־קלערט דאָס: וואָס מער מע אונטערדריקט אונדז, אַלץ מער אײַנגע־שפּאַרט האַלטן מיר זיך אין אונדזערן.

— וואָס איז אַזוינס דער וואַסקישער כאַראַקטער?

— מיט איין און אײנציק וואָרט קאָן מען דאָס אָנרופן „אינדזלדי־קייט”.

זײַן אַרומגערינגלט פון אַנדערשדיקע, אָבער בלײַבן אַזוי ווי מע איז. שפּראַכלעך און מיט טראַדיציאָנעלע מנהגים.

אַ היגער וואַסק האָט עס מיר דערקלערט: בײַ אונדז האָט מען זיך געפירט לויט געוויסע מנהגים וואָס זענען מיט דער צײַט געוואָרן ווי געזעצן. קיינער האָט זיי ניט אָנגענומען אַלס געזעצן, אָבער דאָס לעבן אַליין האָט פון די אײַנגעשטעלטע מנהגים געמאַכט עפּעס פעסטס און אומענדלעכס ווי געזעצן. ער האָט עס מיר קיין סך ניט געדאַרפט דערקלערן. כ'האָב אים געזאָגט, אַז בײַ ייִדן איז אַפילו פאַראַן אַזאַ אויסדרוק וואָס סאַנקציאָנירט דאָס: „אַ מנהג איז שטאַרקער ווי אַ דין”.

געווען צײַטן ווען דער וואַסק האָט גאָרניט געהאַט קיין חשק אויס־צוּוואַנדערן. זײַן אומצוטרוי צום „דרויסן” האָט אים געהאַלטן אין דער היים. דאַן פלעגן וואַסקן זאָגן: „אויסלענדישע ערד איז לאַנד פון וועלף”. אָבער אַמעריקע און אפשר באַזונדערס לאַטײַן־אַמעריקע האָט דעם וואַסק געגעבן דעם נייטיקן צוטרוי צו אויסלאַנד. דאָ האָט זיך דער וואַסק צעעפנט זײַן נשמה, ווי אַ בלום אונטער די געטרײַע שטראַלן פון דער זון, און זיך צעבליט און זיך ענטוזיאַסטיש אַרײַנגעוואָרפן אין פּראָגרע־סיסטישן.

און פּראָגרעסיוו האָט באַדאַרפט, קודם־כל, באַדייטן, אַז מע קאָן זיין אַביסעלע אַנדערש ווי דער פריערדיקער דור. ווייל ביים וואַסק פלעג זיין די לאָזונג פון זיין לעבן: „וואָס עס איז געווען גענוג גוט פאַר מיין טאַטן, איז גענוג גוט פאַר מיר". עס איז דאָך קלאָר אַז מיט אַזאַ לעבנס־דעוויז האָט מען ניט געקאָנט ווייט אַוועקגיין.

אפילו מיט רעליגיע איז ביי זיי אַזוי ביז היינט. צו ערשט האָבן זיי זיך ניט אַזוי לייכט געלאָזט איבערצייגן פון קריסטנטום. אָבער ווען זיי זענען שוין געוואָרן קאַטאָליקן — זענען זיי דאָס געבליבן. אַ וואַסק האָט מיר געזאָגט, אַז ער גלייבט ניט עס זאָלן זיין וואַסקן פּראָטעסטאַנטן. „אָדער קאַטאָליקן אָדער אַטעיסטן" האָט ער מיר דערקלערט אַ לאַכנדי־קער. „אַזוי זענען מיר. מיר ווייסן ניט פון קיין מיט".

קאָן זיין אַז אויף צו ווערן פּראָטעסטאַנטן, האָבן זיי געמוזט קענען אַביסל מער(מער ווי גאָרניט) דעם תנ"ך, דעם „אַלטן טעסטאַמענט". אָבער ערשט אין 1865 האָבן וואַסקן פון לאַבורדי (פראַנקרייך) באַקו־מען אַ פולע איבערזעצונג פון דער ביבל. און די וואַסקן פון גיפּוזקאָאַ (שפּאַניע) האָבן אַ פולע איבערזעצונג פון ת"נך באַקומען ערשט אין 1958! ביז דאַן האָבן זיי נאָר געהאַט דעם „נייעם טעסטאַמענט"! כ'גלייב, אַז דאָס איז פון אויסער־געוויינלעכער באַדייטונג.

***

— וואָס נאָך האָבן וואַסקן אייגנס?

— זיי זענען שעפער פון טיפּישן וואַסקישן היטל. יאָ. איצט דער־מאָן איך זיך, אַז אַזאַ היטל האָט מען אין רומעניע גערופן ניט „באַס־קיש היטל" נייערט אַ „באַסקע". דאָס וואָרט באַסקע איז געווען סינאָ־נים מיט „היטל" פון דעם מין. עס איז דאָס באַקוועמסטע וואָס קען זיין. מע קען עס טראָגן אויף פאַרשידענע אופנים. ווידער אַ מעגלעכקייט פאַר אינדיווידועלן אויסדרוק. אין וואַסקאָניע ווערט עס פאַבריצירט בעי־קר שוואַרץ און טונקל־בלוי — פאַר וואַסקן. אין פאַרשידענע בונטע פאַרבן — פאַר אויסלענדער...

— וואָס נאָך?

— וואַסקן האָבן אייגענע נאַציאָנאַלע טענץ; שיינע פאָלקס־לידער. אַ פּאָר האָב איך אַפילו געהערט און גראַוווירט ביים כאָר פון היגן „עוס־קאַל עריאַ". דער וואַסק זאָל בכלל זיין זייער אַ זינגעוודיקער מענטש, ער האָט אַ געזאַנג ווען יעדער געשעעניש אין לעבן. זיי האָבן אויך

אַן אייגענע פאָרם פון טעאַטער־פאָרשטעלונגען. און זיי זענען בכלל אַ פאָלק מיט אסך הומאָר. און אמתער הומאָר איז דאָרט ווו מען קען לאַכן פון זיך אַליין אויך. דאָס ווייסן גוט אויך יידן.

— וואָס איז מיט פּלאַסטישע קונסטן?

— וואַסקן האָבן אסך זייער גוטע און באַרימטע מאָלערס. זיי האָבן אויך אַן אייגענעם סטיל אין דער אַרכיטעקטור. אין דעקאָרירונג און אפילו אין די אָרנאַמענטן פאַר קברים. זיי זענען ספּעציאַליסטן אין שטיינקריצערײַ און אין האָלץ־שניצערײַ.

זיי האָבן זייער אסך אייגנאַרטיקע מנהגים, ווערטלעך; עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אסך פאָלקלאָר און פאָלקס־לידער.

פונקט ווי ביי מיר אין באַסאַראַביע, מיט פופציק יאָר צוריק, האָט מען ליב אין וואַסקאָניע צו זיצן אין די לאַנגע ווינטער־נעכט ביים פייער און דערציילן מעשיות. ווידער — ליטעראַטור שבעל־פּה.

אַ גרויסע ראָל שפּילן אין זייער לעבנס־שטייגער די באַציונגען מיטן „ערשטן שכן״, ס׳הייסט מיטן נאָענטסטן. ער ווערט באַטראַכט נענטער ווי אַ קרוב. הן אין מאָמענטן פון פריידן ווי פון ליידן, ווי חלילה ווען עמיצער ווערט פאַרשלאָפט אָדער ביי אַ טויט־פאַל. אין אַזאַ פאַל מוז מען אים באַלד צוּווּיסן טון. טאָמער חלילה דערוויסט ער זיך פון אַ טויט־פאַל ערשט פון געקלאַנג פון די קירכן־גלעקער, איז עס פאַר אים די שרעקלעכסטע באַליידיקונג. דער דאָזיקער גוטער „ערשטער שכן״ דאַרף, ביי אַ טויט־פאַל, קומען אַרויסנעמען אַ שינדל פון דאַך, כדי די נשמה פון נפטר זאָל האָבן וואָרומערט אַרויס. ער דאַרף צעלאָזן וואַקס און דערמיט מאַרקירן אַ קרייץ אויף דער ברוסט פון טויטן, כדי פעסטצושטעלן מיט זיכערקייט דעם טויט. און נאָך אַזעלכע וויכטיקע אויפגאַבעס וואָס קאָנען געהערן צו אַ זייער נאָענטן מענטשן.

די שפּראַך פון די וואַסקן

די דאָזיקע אַלטע שפּראַך איז אַן עדות אַז אמאָל האָט מען גערעדט וואַסקיש אויף אַסך אַ ברייטערער טעריטאָריע ווי היינט. דערויף זענען עדות נעמען פון ערטער און טייכן. דער דערמאָנטער ראַדנעי גאַלאָפּ האַלט אפילו, אַז דאָס איינציקע באמת אייגענע וואָס וואַסקן פאַרמאָגן איז זייער שפּראַך. אַלדאָס אַנדערע — מנהגים, טראַדיציעס — זאָלן

א ו ר ו ג װ אָ ר צ ל ע ן

האָבן גענומען געוואָרן ביי די ארומיקע באַפעלקערונגען, אָבער אויפגע־היט, אַפילו ווען ביי די ביי וועמען עס איז גענומען געוואָרן איז עס ניט אויפגעהיט געוואָרן. די וואסקן זענען דעריבער, לויט גאַלאַפן, אַ מין לעבעדיקער מוזיי פון אייראָפּע דורך דורות.

וועגן דער אַלטקייט פון וואסקיש זענען געווען אַסך השערות. און אַ גלח האָט אַמאָל אַפילו געשריבן, אַז אויף וואסקיש האָט גערעדט גאָט אַליין; פון תנכיישע נעמען האָט ער אַרויסגעדרונגען וואסקישע באַדיי־טונגען. למשל חוה (עווא) זאָל הייסן אויף וואסקיש „יאָ־ניין". קיין גרוי־סער קאָמפּלימענט פאַר דער פרוי איז עס ניט. אָבער לויט אָט דעם גלח איז וואסקיש „אויף יעדן פאַל" די שפּראַך אויף וועלכער עס האָבן גע־רעדט די מענטשן פון דעם בבל־טורעם.

וועגן דעם ווי שווער עס איז פאַר אַן אויסלענדער זיך אויסצולער־נען וואסקיש האָבן די וואסקן אַליין געשאַפן אַ שיין מעשה'לע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער אויפנעמען זיך אַליין מיט הומאָר: דער טייוול איז אַמאָל געקומען אין וואסקן - לאַנד כדי זיך אויסצולערנען וואסקיש. איז ער דאָרט אָפּגעזעסן זיבן יאָר און זיך ניט באַוויזן אויסצולערנען מער ווי צוויי ווערטער „באַי" (יאָ) און „עז" (ניין); איז ער בייז געוואָרן פאַר זיין דורכפאַל און באַשלאָסן צו פאַר־לאָזן דאָס לאַנד. און ווען ער איז נאָר אריבער די גרענעץ... האָט ער די דאָזיקע צוויי ווערטער אויך פאַרגעסן!

אַ באַרימטער איטאַליענישער פילאָלאָג, עסקאַלידזשעראָ באַשרייבט וואסקיש אַלס איינע פון די 14 שפּראַכן וואָס לאַטיין האָט ניט באַוויזן אומצוברענגען און לסוף רופט ער אויס: „זיי זאָגן, אַז זיי פאַרשטייען זיך איינער דעם אַנדערן, אָבער איך גלייב עס ניט!".

גאַלאַפּ דערציילט, אַז אין דייטשלאַנד האָט מען בעת די מלחמה־יאָרן אויסגענוצט מלחמה־געפאַנגענע כדי צו שטודירן דורך פאַרגלייכונ־גען מיט גראַמאַטאַן - פּלאַטן אַן ערך 300 לשונות. אויך ער איז געווען איינער פון די „אויף וועמען מען האָט זיך געלערנט", ווייל ער האָט שוין דעמאָלט געקענט וואסקיש. (זיין פרוי איז אַ וואסקישע און ער האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין דעם לאַנד). האָט מען געפּרוווט געפינען ענלעכקייטן צו וואסקיש אין דער שפּראַך פון די אירלענדער, גאַעליק; אין גרוזיניש און אין מאַלייאיש, אָבער מע האָט ניט דערגרייכט קיין שום רעזולטאַטן.

די שפּראַך געהער צו דער גרופּע שפּראַכן וואָס מען רופֿט „אַגלו־טינירנדיקע", ד"ה אַזעלכע וואָס גיסן צונויף אַ וואָרט־וואָרצל מיט פֿאַר־שידענע פּרעפֿיקסן און סופֿיקסן (בעיקר די לעצטע) און שאַפֿן אַזוי־אַרום נײַע, אָבער וואָס אַמאָל לענגערע ווערטער.

אויב, למשל, „איטור" איז „קוואַל" — באַקומען זיך אַזוי די ווער־טער „איטוראַגאַראַי" — קוואַל אין דער הייך; „איטוראַטע" — פּאָרט בײַם קוואַל; „איטורעבאַסאָ" — וואַלד פֿון קוואַל; איטורעגי — אָרט פֿון קוואַל.

דעם 14־טן דעצעמבער 1963 האָט די היגע צײַטונג „אַקסיאָן" איבערגעדרוקט פֿון אַ צײַטונג פֿון בילבאַאָ „קאָררעאָ עספּאַניאָל — על פּועבלאָ וואַסקאָ" דאָס לענגסטע וואָרט וואָס איז ביז דאַן געווען באַ־קאַנט אין שפּאַניע. אַ וואַסקיש וואָרט, פֿאַרשטייט זיך. עס באַשטייט פֿון 32 אותיות, אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע. אָט איז דאָס וואָרטעלע: „עררַאטאַבערריגויקאָערראַטאַעטשעאַ". אין דעם וואָרט זענען פֿאַראַן די ווערטער „הויז" (עטשעאַ), „רויט" (גאָררי) און «נײַ» (בעררי), אָבער די באַדײַטונג פֿון גאַנצן וואָרט האָט אַפֿילו די רעדאַקציע פֿון „אַקסיאָן" ניט געוווּסט און אָפּגעלייגט צו געבן אַן איבערזעצונג, ווען ווען זי וועט קריגן עמיצן וואָס קען גוט וואַסקיש.

לאָמיר נאָך צוגעבן — און אפשר האָט דאָס ניט צו טון נאָר מיט דער וואַסקיישער שפּראַך אַליין, אַז אויף וואַסקיש איז בכלל ניט פֿאַראַן קיין וואָרט פֿאַרן באַגריף „חילול הזיווג" (אַדולטעריאָ).

אין וואַסקיש איז אויך פֿאַראַן אַן ענלעכע זאַך ווי אין עברית, די „בינויים". אויף עברית קען מען מיט דעם איינעם וואָרק „בעלעכטיינו" זאָגן „ווען מיר זענען געגאַנגען". אויף וואַסקיש קען מען זאָגן מיט איין וואָרט: „דאַקוסקעצודאַם" — „איך וועל אייך זען".

אויך מיטן ווערב „האָבן" איז עפּעס פֿאַראַן ענלעכעס צו עברית. ווען אַ וואַסק זאָגט „איך האָב אַ הויז", זאָגט ער אָבער אין דער אמתן גאָר: „אַ הויז איז פֿאַרמאָגט פֿון מיר"; אויך אויף עברית איז דאָך בכלל ניט פֿאַראַן קיין ווערב האָבן. און כדי צו זאָגן „איך האָב אַ הויז" זאָגט דער העברעער „עס איז פֿאַראַן אַ הויז צו מיר". דאַרף מען דאָך ניט פֿאַרגעסן, אַז אויף עברית, איז דער אינפֿיניטיוו פֿון ווערב „קענען" בכלל אומגראַמאַטיקאַליש!... אויף עברית, קען מען ניט לויט דער גראַמאַטיק, קענען...

אורוגוואַרצלען

אויך דאָס צוגעבן צום סוף פון וואָרט „קאַ" כדי צו זאָגן, אַז עס איז „פון", איז ווי אויף עברית מיטן סופיקס „י". «באַסאַ» — וואַלד; באַסקאַ — פון וואַלד. גערניקאַ — אַ נאָמען פון אַ שטאָט; „גערניקאַקאַ אַרבאָלאַ" — דער בוים פון גערניקאַ.

אויף עברית „תל אביבי" — איינער פון תל אביב. ירושלמי — אַ מענטש פון ירושלים.

נאָך עפּעס זייער וויכטיקס: אויף וואַסקיש איז נישטאָ אין דער גראַמאַטיק קיין באַזונדערע ווערטער פאַרן מין. ערשט ווען איך האָב זיך דאָס דערוווּסט, האָב איך פאַרשטאַנען למאַי דער אורוגווייער וואַסק, קאַרלאָס מ. לאַראַלדע, לאַכט אַזוי פון העלד, אין בוך „און וואַסקאַ ען על אורוגוואַי" פאַרן שטענדיקן פאַרבייטן דעם מין („און וואַקאַ"...)

***

די וואַסקישע שפּראַך האָט דריי קוואַלן פאַר אירע ווערטער:

א) ווערטער פון וואַסקישן שורש;

ב) ווערטער וואָס שטאַמען פון לאַטיין, אָבער זענען געוואָרן «וואַס־קיזירט». למשל — פון דער צייט ווען אויף „שלום" האָט מען געזאָגט אויף לאַטיין „פּאַקעם" PACEM איז געווען אויף וואַסקיש — „באַקעאַ"; פון „קרוקעם" CRUCEM — קרייץ — איז געוואָרן „גורוצעאַ".

ג) ווערטער וואָס זייער שורש איז אין אַנדערע לשונות.

זעט אויס, אַז נאָר אַמאָל איז די וואָך ביי די וואַסקן באַשטאַנען ניט מער ווי פון דריי טעג. „מאָנטיק" אויף וואַסקיש באַדייט: „ערשטער טאָג פון וואָך"; „דינסטיק" — מיטלסטער טאָג פון וואָך און „מיטוואָך" — לעצטער טאָג פון וואָך. — „אַסטעלעהענאַ", „אַסטעאַרטעאַ" און „אַסטעאַזקענאַ".

אין וואַסקיש פעלן ווערטער פאַר קאָלעקטיווע באַגריפן, ווי אויך פאַר אַבסטראַקטע. דערפאַר זענען אַסך ווערטער אָנאָמאַטאָפּעישע — וואָס מאַכן־נאָך קלאַנגען פון דער נאַטור אָדער פון די „זאַכן" וואָס זיי באַצייכענען.

צום ביישפּיל: אויף וואַסקיש זענען פאַראַן ווערטער־נעמען פאַר אַלעביימער און פלאַנצן אין זייער לאַנד, אָבער עס איז ניט פאַראַן קיין וואָרט „בוים" און ניט קיין וואָרט „חיה", הגם עס זענען פאַראַן נעמען פון אַלע חיות. דעריבער האָבן זיי ביידע ווערטער פאַר די דאָזיקע פעלנדיקע באַגריפן געמוזט נעמען פון לאַטיין. „אַרבאָלאַ איז

געוואָרן „בוים" און „אַלימאַליאַ" — בעל חי. פאַרב איז «קאָלאָרע».

דאָס וואָרט „גאַגאַ" הייסט דאָס אַלץ וואָס מיר ווען דאָ אויסרע־כענען: נשמה, שכל, באַגער, ווילן, טיפּ כאַראַקטער, פאָרשטעלונג און געדאַנק.

וואָס שייך אָנאָמאַטאָפּעאַס: אויף „הון" זאָגט מען "קאָקאָקאָ"; הינדעלעך — „פּיפּואַק". אומאַנטשלאָסן איז «קעקאָ־מעקאָ»; אָפּשערן די האָר — „גליזקאַ־גלאַזקאַ". וואָרעם איז :בערעאָ"; היים — «בערעאָ ־ בע-ראָ». :בילאָ" איז האָר, אָבער „בילאָ-בילאָקאַ" — צוויי פּרויען רייסן זיך בײַ די האָר.

— פאַרוואָס איז אַזוי שווער זיך אויסצולערנען וואַסקיש, הגם געוויסע אויסלענדער האָבן באַוויזן צו "באַזיגן דאָס אומעגלעכע"?

ווייל די שפּראַך פאַרמאָגט אי אַ קאָמפּליצירטן זאַץ־בוי אי קאָמפּליצירטע ווערטער-ענדערונגען.

צווייטנס — זענען נאָך ניטאָ אויף וואַסקיש קיין גענוג צוטריטלע־כע (לויט דער פּרייז) ווערטער־ביכער און לערנביכער פאַר גראַמאַטיק. די וואָס זענען פאַראַן זענען מאָנומענטאַלע ווערק און זייער טייערע. און דאָס וויכטיקסטע איז דאָס דריטע: עס איז פאַראַן אַ גרויסער אונ־טערשיד צווישן דער גערעדטער שפּראַך און דער געשריבענער. די וואַסקן פאַרקירצן די ווערטער ביים רעדן. קענסט הערן אַ גאַנצן זאַץ און דאָך ניט הערן קלאָר קיין איין קאָנסאָנאַנט. גאַלאָפּ זאָגט, אַז ווען אַ וואַסק רעדט ארויס דאָס וואָרט „דוראַריקגאַבע" הערט מען ניט מער ווי „דו־איקאַ".

און דאָ קומט נאָך עפּעס: וואַסקיש האָט זייער אַסך דיאַלעקטן, אָבער פאַרמאָגט נאָך ניט קיין אָנערקענטע נאָרמאַטיווע שפּראַך, אַזוי ווי עס איז, למשל, פאַראַן אַ כלל-יידיש, אָדער „ליטעראַרישער" יידיש. אַכט דיאַלעקטן זענען פאַראַן אַפילו שריפטלעך, אָבער עס זענען נאָך דאָ „סוב־דיאַלעקטן", אַזוי אַז ס"ה קאָן מען רעכענען אַ 25 דיאַלעקטן. גאַלאָפּ זאָגט, אַז עס זענען פאַראַן אַזויפיל דיאַלעקטן וויפל וואַסקישע דערפער, וויפל הייזער, ניין — וויפל וואַסקן...

דאָס באַשטעטיקט שוין אָטאָגים מיינונג וועגן וואַסקישן „אינדי־ווידואַליזם", הגם מען מוז נעמען אין אַכט, אַז עס איז אַ פאָלק, וואָס איז צעטיילט אונטער צוויי מלוכות. און דאָך... דערמאָנסטו זיך, אַז יידן האָבן פאַר דער צווייטער וועלט - מלחמה געלעבט אין מער ווי צוויי לענדער און עס האָט זיך געקענט באַגעגענען אַ ייד פון רומעניע מיט

אַ ייד פון ליטע, צי דרום־אַפריקע צי אונגאַרן, צי מאָסקווע און אַלע זאָלן זיך איינפאַרשטיין אין דעם זעלבן יידיש, וואָס האָט געקאָנט האָבן דיאַלעקטישע וואַריאַנטן, אָבער ס'איז פּאָרט געווען דאָס זעלביקע לשון און שרייבט זיך אוודאי גלייך אומעטום.

לײדער, ווען עס באַגעגענען זיך צ"ב וואַסקישע באַלעט ־ טענצערס פון שפּאַניע און פראַנקרייך אין לאָנדאָן צי פּאַריז, קענען זיי זיך ניט צונויפרעדן אויף וואַסקיש, אַזוי אַנדערש זענען די דיאַלעקטן, און זיי מוזן רעדן צווישן זיך אויף פראַנצויזיש אָדער שפּאַניש.

אָבער וואַסקן גיבן זיך ניט אונטער׳ עס איז פאַראַן אַן אַקאַדעמיע פון דער וואַסקישער שפּראַך אין סאַן סעבאַסטיאַן און קאַטעדרעס פאַר וואַסקיש אין די אוניווערזיטעטן פון טולוז, באָרדאָ און פּאַריז.

היות די ליטעראַרישע שפּראַך איז זייער ווייט פון דער היינט־געדעטער, כמעט ווי דאָס אַמאָליקע גריכיש פון היינטיקן, זענען אויך פאַראַן צוויי צוגאַנגען ביי וואַסקישע געלערנטע: אין שפּאַניע זוכט מען אויפצולעבן די אַמאָליקע שפּראַך און מע שרייבט נאָר אויף איר, בעת אין פראַנקרייך סטימולירט מען ליטעראַריש די שפּראַך וואָס דאָס פאָלק רעדט היינט.

עס זענען פאַראַן פאַרשידענע וואַסקישע זשורנאַלן און אויך צייטונגען. דער וויכטיקסטער זשורנאַל איז די „רעוויסטאַ אינטער־נאַסיאָנאַל דע עסטודיאָס וואַסקאָס". עס ווערן בכלל געמאַכט אַסך אָנשטרענגונגען פון איין זייט צו געבן דער שפּראַך חשיבות און אָנזען אין די אויגן פון וואַסקן גופא און פון דער צווייטער זייט — באַמיונ־גען , אַז די שפּראַך זאָל געדעדט ווערן און די צאָל מענטשן וואָס רעדן זי זאָל ניט ווערן וואָס אַמאָל איינגעשרומפּענער, ווי עס געשעדט לײדער איצט. אוודאי איז דאָס זייער שווער צו דערגרייכן, ווען די שפּראַך איז ניט קיין מלוכה־שפּראַך. ווער קען דאָס נאָך אַזוי גוט פילן ווי אַ יידיש־רעדנדיקער ייד...

***

ווי אין יעדער אַלטער שפּראַך האָבן זיך אין וואַסקיש אָנגעזאַמלט אַסך פאָלקס־ווערטלעך וואָס אַנטהאַלטן אין זיך דעם אויסדרוק פון פאָלקס מענטאַליטעט, פון זיין אַקומולירטער דערפאַרונג און חכמה.

גאָלאָפּ באַמערקט דערצו, אַז די וואַסקישע גלייכווערטלעך פאַר־מענדירן ניט צו זיין אָריגינעל אין געדאַנק, אָבער יאָ — אין דער אויפ־

דרוק־פֿאָרם. די ווײַטערדיקע 2-3 קענען דאָס אפשר באַשטעטיקן:
א פֿיש און א גאַסט, ווערן שלעכט אויפֿן דריטן טאָג און מע דאַרף זיי אַרויסוואַרפֿן.
אַז דער פּוקס הייבט אָן פֿריידיקן — היט דײַנע הינער;
דעם פּאַרקויפֿער איז גענוג איין אויג, אָבער דעם קויפֿער זענען ניט גענוג קיין הונדערט.
וואַסקן האָבן גרויס באַציונג צו פֿאָלקס־ווערטלעך, און האָבן אַפֿילו אַ גלײַכווערטל וועגן די גלײַכווערטלעך: „זאַהאַר היצאַק, זוהור היצאַק" — „אַלטע ווערטער — קלוגע ווערטער". עס איז די יידישע באַציונג צו אַ מאמר חז"ל.
און נאָך עפּעס באַמערקט גאַלאַפּ: וואַסקישע גלײַכווערטלעך דריקן אויס ניכטערקייט. בעת אונדזערע (די ניט־וואַסקן...) ווערטלעך דריקן אויס, אַז ערלעכקייט איז די גלײַכסטע מידה, איז אָבער דער וואַסקישער געדאַנק וועגן דעם טרוקן־פּראַקטיש און אָביעקטיוו:
„נישטאָ קיין אמת אָן שאָדן"...
„אַ קלײנער קוואַל לעשט דעם דאָרשט, פּונקט ווי אַ גרויסער".
און דאָס לעצטע און אייביק אמתע: «כאַיאַ זעראַ, אילקאַ זעראַ» — ביסט געבוירן געוואָרן, וועסטו שטאַרבן".

***

די וואַסקישע שפּראַך איז ניט נאָר אַ „דעטעקטאָר" צו אַנטדעקן אָן אַ שיעור ערטער, בערג און טײַכן, ווו עס האָבן אַמאָל געלעבט וואַסקן אין שפּאַניע (ס'הייסט, אַז די וואַסקישע טעריטאָריע איז אַמאָל געווען אַסך גרעסער ווי הײַנט); דורך וואַסקיש אַנטדעקט מען אויך ווער עס טראָגט אַ וואַסקישן פֿאַמיליע - נאָמען און שטאַמט, דעריבער פֿון וואַסקן.
עטימאָלאָגיע איז דעריבער דעם וואַסקס וויכטיקסטער אינסטרומענט, אויב מע נעמט אין אַכט אַז אַפּשטאַם און שורש זענען דעם וואַסקס הויפּט־פֿאַרמעגן. עטימאָלאָגיע איז דעם וואַסקס דעטעקטאָר פֿון נאַציאָנאַלער אידענטיטעט. (אַ וואַסק וואָלט ניט געזאָגט „נאַציאָנאַלע" נייערט „ראַסישע").
דעריבער ליגט, ווי בײַ קיין שום אַנדער פֿאָלק ניט, אין דעם קענען די שפּראַך אויך די גאַראַנטיע פֿאַר אויפֿהיטן די קייט אָנגעהעריקייט צום אייגענעם עבר און שורש.

אורוגוואַרצלען

אויב דו ווייסט, אַז „מענד" אָדער „מענדי" באַטייט אויף וואַסקיש „באַרג" קענסטו אַזוי אַנטפּלעקן לכל הפּחות צען ווערטער מיט „מענד" באַם אָנהייב און נאָך איבער צוואַנציק מיט "מענד" ביים סוף און וויסן, אַז זיי זענען וואַסקיש. ווען איך האָב דאָ גערעדט מיט אַ וואַסק און ער האָט מיר עפּעס געוואָלט דערקלערן, האָט ער געטון אַ זאָג: „ווען אַ זילבערמאַן קומט קיין אַמעריקע צי קיין אַפריקע, הערט ער ניט אויף צו זיין אַ ייד; דער „זילבערמאַן" זאָגט עס שוין. הייסט עס אַז דער וואַסק ווייסט שוין דעם יידישן „סוד" פון זילבערמאַן, קופּערמאַן, גאָטעסמאַן, גוטערמאַן און ליבערמאַן, אָדער פון זילבערשטיין, גאָלדשטיין, קופּערשטיין, פעלדזנשטיין און אייזנשטיין. אַזוי איז אָבער אויך ביי די וואַסקן: מענדאָסאַ און מענדיסאַבאַל און מענדיעטאַ אָדער אַריסטמענדי, אַסורמענדי, און אַזוי אָן אַ שיעור. „סאַבאַל" איז ברייט און „סאַבאַלאַ" אַ ברייטער. די „אַ", ווי אויף אַראַמיש, איז דער אַרטיקל. פון דאַנען שטאַמט דער פאַמיליע-נאָמען :סאַבאַלאַ", פון גרינדער פון מאָנטעווידעאָ און פון דאַנען שטאַמען נאָך אַסך פאַמיליעס מיט „סאַבאַל", איינשליסלעך אַזאַ „קורצע" פאַמיליע ווי „סאַבאַלינטשאַורריעטאַ".

לײדער ווערט וואַסקיש וואָס אַמאָל מער פאַרלאָזט ביי וואַסקן. אין שפּאַניע נאָך מער ווי אין פראַנקרייך. און דער געלערנטער און שרייבער איסאַאַק לאָפּעז מענדיסאַבאַל מוסרט די וואַסקן פאַרן פאַרגעסן וואַסקיש און דערביי ציטירט ער אויך סערוואַנטעסן, אַז „יעדער זאָל שרייבן אויף זיין אייגן לשון" און „אַפילו וואַסקן זאָלן שרייבן אויף וואַסקיש", ווייל נאָר „אַזוי אַזוי — גיט צו מענדיסאַבאַל — וועט אַ וואַסק האָבן דאָס רעכט זיך צו רופן „עוסקאַלדון", אויב ער וועט באַהערשן „עוסקערא".

איינע פון די וויכטיקסטע פעסטשטעלונגען וועגן וואַסקיש איז די וואָס עס מאַכט דער געלערנטער כוליאָ סעכאַדאָר אי פראַנקאָ.

ער זאָגט —און ווען מען הערט זיך אַביסל צו צו וואַסקיש און צו שפּאַניש, קען מען זען, אַז ער איז גערעכט, אַז ווען פון לאַטיין איז געוואָרן שפּאַניש, איז לאַטיין געוואָרן צוגעפּאַסט צו וואַסקישע פאָנעטישע פורעמס. פאָנעטיש איז שפּאַניש ווי וואַסקיש און ווייט פון לאַטיין. עס איז צום באַוואונדערן, שרייבט ער, ווי 16—19 הונדערט יאָר זינט שפּאַניש איז אַנטוויינט געוואָרן פון וואַסקיש און היט דאָך נאָך אויף אַסך וואַסקישע וואָרצלען, וואָס ווערן טעגלעך מער באַנוצט ווי די לאַטייניש. און ער רעזומירט: לאַטיין איז דער פאָטער פון דער שפּאַנישע שפּראַך, אָבער וואַסקיש — „עוסקערא" —איז איר מונטער.

איציק ווײַנשטעקער

דער וועג צו אורוגווייער וואַסקן

זיין גרעסטע לענג בין איך שוין דורך.

כדי אַנצוקומען אויף סאַן כאַסע און איביקואַי, צו „עוסקאַל עריאַ" מוז מען אָנהייבן אין די פּירענעען. און עס איז גוט אַזוי. ווייל אַזוי דערוויסט מען זיך אַז די גרויסע דענקער און שרייבער אין וועלט-כאַסשטאַב אונאַמונאָ און פּיאָ באַראָכאַ זענען פון וואַסקישן אָפּשטאַם. זיי אַליין רופן דאָס אַן „פון וואַסקישער ראַסע": „מיין ראַסע". דערוויסט זיך, אַז כואַן סעבאַסטיאַן עלקאַנאָ, דער וואָס האָט פאַרגעזעצט די רייזע פון מאַגעלאַנען, נאָך זיין טויט, איז געווען אַ וואַסק. דער גרויסער באַליוואַר, מיט וועמען איך האָב זיך „באַקענט" אין באָליוויע, דאָס לאַנד וואָס טראָגט זיין נאָמען, האָט אויך געשטאַמט פון וואַסקן. און ראַוועל, אין דער אוניווערסאַלער מוזיק און אַזויפיל נאָך און נאָך.

„אָהייבן אין די פּירענעען" — ווערט דאָ געמיינט נאָר... דורך ביכער און עס זענען געווען און עס זענען דאָ אַסך געטרייע פאָרשער פון וואַסקאָניע און וואַסקן, וואָס זענען דיך גרייט אהין צו פירן. צווישן זיי איז אַ גרויסע טייל געבוירענע אין וואַסקאָניע, טייל געבוירענע אין דרום-אַמעריקע, אָבער געבליבענע געטריי דעם וואַסקישן אָפּשטאַם. און אויך אויסלענדער וואָס קערן זיך אָן מיטן וואַסקן-לאַנד דורך משפּחה-באַציונגען און וואָס זענען געפאָרן אהין און דאָרט אָפּגעלעבט אַ צייט, שטודירט דאָס לעבן און מענטשן און באַשריבן. איינער אַזאַ איז דער דערמאָנטער ענגלענדער ראָדנעי גאַלאָפּ, וואָס ווידמעט זיין בוך „די וואַסקן" (לאָס וואַסקאָס) זיין מוטער, וועלכע האָט אים די ערשטע געפירט אין לאַנד פון די וואַסקן, זיין פרוי, מיט וועמען ער האָט זיך דאָרט באַקענט און זיין זון, וואָס איז דאָרט געבוירן געוואָרן. זיין בוך איז דערשינען אין 1948 אין מאַדריד. אַלס אויסלענדער שרייבט ער זייער אָביעקטיוו, מיט באַציונג, אָבער אָן אַפּאָלאָגעטיק (ווי עס טרעפט זיך אויך ביי יידן, ווען זיי מוזן שרייבן וועגן זיך אַליין) און אפילו אָן דער פּאַטעטישקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן יעדן זון פון איבעריע.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין ב. איירעס איז פאַראַן אַ ספּעציעלער וואַסקישער פאַרלאַג, „עקין", אין וועלכן עס זענען שוין דערשינען צענדליקער ביכער. צווישן זיי, פון איסאַאַק לאָפּעס מענדיסאַבאַל „ברעווע היסטאָריאַ דעל פּאַיס וואַסקאָ"); פון אַרטוראָ קאַמפּיאָן (על כעניאָ

דע נאַבאַרראָ); און דאַן — דער באַרימטער מוזיקאָלאָג, אַליין אַ וואַס־קישער קאַטוילישער גייסטליכער — רעסורעקסיאָן מאַריאַ דע אַסקוע, מחבר פון אַ צווייִשפּראַכיק בוך— וואַסקיש און שפּאַניש— צו צוויי קאָלומס אויף יעדער זייט — „עוסקאַלעריארען יאַקינצאַ" אָדער „ליטע־ראַטורא פּאָפּולאַר דעל פּאַיס וואַסקאָ"; און לואיס מיטשעלענאַ, מחבר פון אַ בוך וועגן די וואַסקישע פאַמיליע - נעמען; און נאָך אַסך אַנדערע וואָס שרייבן מיט באַציונג און אַחריות. אָבער דירעקט צו די וואַסקן פון אורוגווײַ האָט אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג דער אַרגענטינער אַדוואָ־קאַט, ד״ר טאָמאַס אָטאַעגי מיט זיין בוך וואָס טראָגט טאַקע דעם נאָמען „לאָס וואַסקאָס ען על אורוגווײַ".

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז דערשינען אין 1943 — עלף יאָר נאָך זיין טויט — איז מצד דעם פאַרלאַג געווידמעט דעם דעמאָלטדיקן או־רוגווייער מלוכה - פּרעזידענט, ד״ר כואַן כאָסע אַמעסאַגאַ איבאַרראַ, וועל־כער האָט אויך געשטאַמט פון וואַסקן.

איינע פון די הויפּט-אויפגאַבן, וואָס דר״ אָטאַעגי שטעלט זיך אין זיין דערמאָנטן בוך איז צו באַווייזן מיט אַ ריי דאָקומענטן, אַז הגם די מערסטע היסטאָריקער פאַרצייכענען אַז מאָנטעווידעאָ איז געגרינדעט געוואָרן אין אויגוסט 1726, איז אָבער די אמתע דאַטע פון איר גרינ־דונג — דער 9־טער פעברואַר 1924.

ד״ר אָטאַעגי האָט שוין פון פריער געהאַט אַרויסגעגעבן אין דער־מאָנטן פאַרלאַג „עקין" ביכער וועגן וואַסקן. פאַר אים איז אַ גרויס פאַרגעניגן פעסטצושטעלן, אַז פּונקט ווי ב. איירעס איז געגרינדעט גע־וואָרן דורך דעם אָפּשטאַמיקן פון וואַסקן כואַן דע גאַראַי, אַזוי איז מאָנ־טעווידעאָ געגרינדעט געוואָרן דורך אַ זון פון וואַסקישן פאָלק, ברונאָ מאָוריסיאָ דע סאַבאַלאַ „און דורך די פון זיין ראַסע, וועלכע האָבן אים באַגלייט".

אָבער אין דעם בוך קומט בעיקר צום אויסדרוק דער געדאַנק פון ד״ר אָטאַעגיס ווערק: די גרויסע ווירקונג פון וואַסקישן כאַראַקטער אויף דער אויספאָרמירונג פון דער נאַציאָנאַלער מענטאַליטעט פון די דרום־אַמעריקאַנער פעלקער (אידיאָסינקראַסיאַ) „און אָט אַזוי איז דער אָנ־הייב פון דער אורוגווייער רעפּובליק, זינט די ערשטע צייטן פון איר עקזיסטענץ, באַווירקט פון דער בוענאָס איירעסער סביבה, וועלכער איז, לכשעצמה, אַ רעזולטאַט פון דעמאָקראַטיע, גלייכקייט, אינדיווידואַ־

ליזם, ליבשאַפט צו פרייהייט, וואָס אין די אַמעריקאַנער לענדער האָבן פאַרזייט די וואַסקן".

און נאָך קלאָרער און קורצער זאָגט ער דאָס אין אַט דעם זאַץ: „די פעלקער פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ האָבן צו פאַרדאַנקען דעם וואַסקישן אַטאַוויזם דעם דעמאָקראַטישן אידעאַל".

און ער רעכנט אויס, צוליב מער קלאָרקייט, וואָס אַזוינס די וואַסקן האָבן דאָ פאַרפלאַנצט אין בירגערלעכן באַוווסטזיין:

אַ ווידערווילן דער פאַרשקלאַפנדיקער הערשאַפט, דעמאָקראַטיש לעבן, רעספּעקט פאַרן מענטשלעכן וועזן, גלייכקייט פון די בירגער, וואָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין די וואַסקישע בערג-געגנטן און מוניציפּאַלע רעכטן.

שפּעטער קומען רשימות פון וואַסקישע פאַמיליעס אין אורוגוויי, וואָס עס דאַרף פאַרנעמען אַ גאַנצע זייט אָפּצוקאָפּירן זיי. עס איז גענוג צו דערמאָנען נאָר געציילטע: אויך דער באַרימטער פּאַטריאָט פראַנסיסקאָ אַלסאַיבאַר איז געווען אַ וואַסק; עס זענען עס געווען אַ ריי מלוכה-פּרעזידענטן: („כעפעס דע עסטאַדאָ"): אַנאַיאַ, אָריבע, אַגירע, טשוקאַררע, גאָמענסאָראָ און עזשאַורי; פון די באַרימטע דריי און דרייסיק פּאַטריאָטן, וואָס זענען אַריבערגעקומען פון אַרגענטינע צו קעמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אורוגוויי (לאָס 33 אָריענטאַלעס) זענען לכל הפּחות 12 געווען פון וואַסקישן אָפּשטאַם. דער באַרימטער קאַטוילישער גייסטלעכער, לאַראַניאַגאַ, וואָס איז געווען פון די פונדאַמענט - לייגער פון דער אורוגווייער קולטור, איז אויך געווען אַ וואַסק. ווען מע האָט אים געוואָלט באַשטימען אַלס צענזאָר, האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דערפון, ווייל ער האָט געהאַלטן — לויט זיינע בפירושע דערקלערונגען — אַז דאָס אורוגווייער פאָלק, פאַרדינט זיך דאָס ניט.

און שפּעטער זענען געווען אָן אַ שיעור וואַסקן צווישן די קעמפער פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד און קעגן די ענגלישע אינוואַזיעס.

און לסוף: די וואַסקן האָבן זיך באַזעצט אויף דער פּראָווינץ, געוואָרן פּיצוכטלער, העלדיש פאַרטיידיקט די ערד, געשאַפן היימען און געווען צווישן די הויפּט-מיטפאַרלייגער פון די יסודות פון דער נייער נאַציע.

***

ווען איך בין געזעסן און גערעדט מיטן סעקרעטאַר פון דער וואַסקישער אָרגאַניזאַציע, עוסקאַל עריאַ, איז די צייט אַזוי איבערגעלאָפן,

אַז איך האָב גאָרניט באַמערקט ווען די איבער צוויי שעה זענען אַוועק.

איך האָב באַטראַכט דעם ה׳ כאַסע ליסאַראַלדע, אַ גרויליכן און בלוי־אויגיקן, מיט אַ שמייכל פון גוטסקייט און קלוגשאַפט, און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז הגם מיר שטאַמען פון אַזעלכע ווייטע וואַרצלען, האָבן מיר געמיינזאַמס. פאַר אַלעמען, האָב איך געפילט אין אים אַ קאָלעגע לויט זיין ארבעט אין דעם מאָמענט: סעקרעטאַר פון אַן עטנישן קלוב. „זינט דעם 42־טן יאָר, מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, אַז „איך וויק אין די זאַכן״. ווען איך בין נאָר אריינגעטראָטן אַלס סעקרעטאַר פון „סירקולאָ איזראַעליטאַ״ אין אַ דרום - אַמעריקאַנער הויפּטשטאָט, איז מיין גורל ווי געחתמעט געוואָרן שטענדיק צו לעבן אידענטיפיצירט מיט די פּראָבלעמען פון יידישן כלל. און אָט זיצט פאַר מיר אַ מענטש, וואָס זיין זיידע איז שוין געקומען אַלס קינד קיין אוּ־רוגוויי און ער זיצט איבער אַ קאַרטאָטעק פון מיטגלידער; אָט שטייט אַ ביבליאָטעק אויף דער אַלטער שפּראַך פון זיין „ראַסע״; צוויי אינ־כמיטוציעס, פּאָלעמיקעס, אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג... ווו בין איך? ניט אין איינער פון די יידישע קהלות?

דאָס געפיל פון געפינען זיך אין עפּעס ענלעכן צו אַ „סירקולאָ איס־ראַעליטאַ״ האָב איך נאָך געהאַט מיט אַ טאָג פריער, ווען איך בין דאָ געווען פרעגן אויפן ה׳ ליסאַראַלדע, אים ניט געטראָפן, און דערווייל גע־כאַפּט אַ בליק אויפן אַרום. אַ קאַנטינע. אין רויך פון ציגאַרעטן זיצן מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, מענער און פרויען און עסן און שמו־עסן היימיש. דאָ לויפן אום אַ פּאָר קינדער, וואָס פילן זיך גוט צווישן די טישלעך. אַן אַטמאָספער פון היימישקייט. כ׳וויים ניט צי היינט זע־נען נאָך פאַראַן אַזעלכע יידישע לאָקאַלן. אויב עס זענען מער נישטאָ קיין יידישע לאָקאַלן מיט אַזעלכע אַטמאָספערן איז עס מחמת אַ פּשוטער סיבה: יידן האָבן מער ניט זייערע אַלטע היימען פון וואַנען זיי זענען געקומען. זיי גרופּירן זיך מער ניט לויט די אָפּשטאַם־שטעטלעך אָדער געגנטן. אין אַ געוויסן זין האָב איך דערמיט מקנא געווען די וואַסקן. עס האָט אויסגעזען ווי דער רעסטאָראַן פון יענעם „סירקולאָ״ ווו איך האָב געאַרבעט מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. מע איז געווען ערשט עטלעכע יאָר אין לאַנד, נאָך געהאַט קרובים „דאָרט״, פון יענער זייט ים. דערציילט איינער דעם אַנדערן וועגן אַ באַקומענעם בריוו, וועגן אַן אָפּגענומענעם גרוס. ווי עס איז די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע דאָרט, אין דער היים. אַמערסטן צרות. מע וויל אַרויס און מע ווייסט

ניט ווי אזוי. דאָ — אי מע פילט זיך גוט, אי מע וואָלט נאָך געוואָלט אַמאָל זען די געסעלעך פון געבווירן-דאָרף אָדער שטעטל. פאַראַן אי דער טעם פון פרייהייט וואָס אין נייעם לאַנד, אי די בענקשאַפט נאָך די געכטיקע טעג, נאָך דער היימישער סביבה, נאָך די נעכט און קולות פון דאָרט. עפּעס ווען דו קענסט יענץ אינגאַנצן אַריבערפירן ווי עס שטייט און גייט, און עס אוועקשטעלן דאָ. דאָ, פון וואַנען דו וואָלסט זיך שוין מער ניט געוואָלט רירן. נאָר זיך גאָר איינוואָרצלען. ווייל עס אָטעמט זיך דאָ פריי, מיט עפּעס אַ מין פאַרלייכטערונג, וואָס דאָרט האָט מען דערפון ניט געוווסט.

— איז טאַקע אַזאַ שטימונג אין „עוסקאַלעריאַ”, צי האָט עס נאָר מיר אַזוי פאַרשמעקט? ווער ווייסט. אפילו אויב עס איז ניט אינגאַנצן אַזוי, בין איך אויך דאַנקבאַר אָט דער „עריאַ” פאַרן אָנווייען אויף מיר אַזאַ שטימונג.

— רעדט איר וואַסקיש, ה׳ ליסאַראַלדע? פרעג איך דעם סעקרע־טאַר פון פאַריין.

— ניין. מיינע עלטערן האָבן שוין אויך ניט גערעדט קיין וואַסקיש. אַז מיין זיידע איז אַהער געקומען אַלס 14־יאָריקער. ווייסט ווי ער איז געקומען? די וואַסקן האָבן ליב צו כאַפּן פיש. פלעג מיין זיידע אויך איבערליגן ביים ים. איין מאָל האָט זיך אים פאַרגלוסט און ער איז אַרויף אויף אַ שיף. איך ווייס ניט וויפל ער איז דאָרט אָפּגעווען, אָבער ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די שיף געווען אינמיטן ים. צוריקצופאָרן איז שוין געווען צו שפּעט. אַזוי איז ער געקומען קיין מאָנטעווידעאָ.

— יענע מעשה! און אין אַ צייט אַרום האָט ער מסתמא געשריבן די עלטערן, אַז זיי זאָלן ניט איבערטראַכטן.

— אין יענער צייט — שרייבן? כ׳בין זייער ניט זיכער דערין. דער עיקר — ער איז געוואָרן אַ היגער און אַזוי איז צוגעקומען נאָך אַ וואַסקישע משפחה.

— דו גלייבסט, אַז עס זענען פאַראַן אַסך וואַסקן אין אורוגוויי? מע קאָן וויסן וויפל?

— ווי קאָן מען דאָס וויסן? — שמייכלט ה׳ ליסאַראַלדע — ס׳איז גענוג צו נעמען דאָס טעלעפאָן - בוך און כאַפּן אַ בליק. לאָמיר אומיסטן עפענען אויף וועלכער ס׳ניט איז זייט.

ער טוט דאָס טאַקע און הייבט אָן לייענען: איאַלאַ, אַטשוקאַררא. אַנגאיאַ... ער טוט אַ בלעטער־איבער: באַלדיוויעסאַ, עטשעוואַרריאַ, עטשעוואַריאַרזאַ, גאיטאַן, האַעדאַ, ער עפנט אַלע מאָל אויף אַן אַנדער זייטל און אומעטום — „באַקאַנטע": לאַראַניאַגאַ, מענדאָסאַ, פּאַגאַלאַ, וועלאַסקאַ...

ווו מע דרייט זיך — אַלץ וואַסקן.

איך האָב מיר אַזוינס פאָרגעשטעלט אויף שפּאַניער בכלל. אָבער גראָד אויף וואַסקן!...

— קלאָר, אַז גראָד וואַסקן! — ווייל אין שפּאַניע איז די לאַגע פון די וואַסקן נאָך שווערער ווי אין פראַנקרייך און דעריבער עמיגרירן זיי מער. סיי מחמת עקאָנאָמישע מאָטיוון און דער עיקר ווייל זיי זע־נען פּאָליטיש און קולטורעל אונטערדריקט. איך גלייב, אַז אַ פערטל פון אַלע נעמען אין טעלעפאָן־בוך זענען וואַסקישע...

— אַ קלייניקייט טאָ דאַרפט איר דאָך האָבן אַן אַ שיעור מיטגלידער! וואָס פאַר אַ קריטעריום האָט איר דערצו? ווער ווערט ביי אייך באַ־טראַכט אַלס וואַסק?

— דער תנאי אריינגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד, איז אַז אָדער דעם פאָטערס פאַמיליע־נאָמען, אָדער דער מוטערס, זאָל זיין אַ וואַסקי־שער. ד"ה מע מוז זיין אַ וואַסק כאָטש פון איין צד.

איז ווייסט איר אַלע פאַמיליען־נעמען וואָס זענען וואַסקיש?

— מיר ווייסן אַ גרויסע צאָל און חוץ דעם זענען דאָך פאַראַן ספּעציעלע ביכער פאַר דעם. דו שטעלסט זיך ניט פאָר וויפל מענטשן וואָס האָבן פריער ניט געוווסט, אַז זיי זענען וואַסקן, דערוויסן זיך דאָס דורך אונדז, ווערן מיטגלידער און זענען אונדז דאַנקבאַר פאַרן האָבן זיך דערוווסט דורך אונדז וועגן זייער אָפּשטאַם. דו ווייסט דאָך, אַז אין עוסקאַדי — אין לאַנד פון די וואַסקן — האָט יעדער פאַמיליע אַ פאַמיליע־הערב. פלעג זיין אַ צייט ווען איין וואַסק האָט געזען ביי אַ מענטשן אין גאַס אַן אָפּצייכן אויפן רעקל אָדער אַן אָפּבילד פון הערב אויף אַ פינגערל און ער פלעג אים גלייך זאָגן „אויסנווייניק" ווי עס איז זיין פאַמיליע־נאָמען. היינט זענען שוין נישטאָ קיין סך מענטשן וואָס זאָלן זיין אַזוי באַהאַוונט אין די זאַכן, אָבער עס זענען דאָך פאַראַן ספּעציעלע ביכער וועגן פאַמיליעס און הערבן. מענטשן קומען פרעגן. קוקט מען אַריין און מע זאָגט זיי ווער זיי זענען. מע רעכנט זיי אויס

דעם יחוס ביז מיט יאָרהונדערטן צוריק. און מענטשן זענען צופֿרידן.
„דאָס בלוט ציט" („לאַ סאַנגרע טיראַ").

— און דײַן פֿאַמיליע-נאָמען באַטײַט אויך עפּעס?

— זיכער. די ענדונג „אַלדע" באַטײַט „לעבן" (נעבן)". ליסאַראַל-דע איז „לעבן דעם „פּרעסנאַ" - בוים".

דאָ דערמאָן איך זיך אין ה' כאָסע מאַריאַ דע אַספּיטאַרטע בעל-דאַראַין. אײנער פֿון די בעלי בתּים צי דער בעל הבית פֿון אַ גרויס געשעפֿט פֿון בוי־מאַטעריאַלן. יאָרן לאַנג פֿלעג עד פֿאַרעפֿנטלעכן געשעפֿטלעכע רעקלאַמע אין היגע צײַטונגען, צווישן זיי אויך אין „פֿאָלקס-בלאַט" אויף ייִדיש. אָבער כמעט יעדן טאָג, חוץ דעם געשעפֿטלעכן אַנאָנס, אויך צוגעבן אויפֿקלערונגען וועגן שורש פֿון אַ וואַסקישן פֿאַמיליע-נאָמען און זײַן באַטרעפֿנדיקן הערב, אָדער לכל הפּחות עטלעכע ווערטער צי זאַצן אויף וואַסקיש מיט שפּאַנישער איבערזעצונג. איך האָב שטענדיק געפּלאַנט אַמאָל צו גיין צום ה' אַספּיטאַרטע און אים אויספֿרעגן וועגן וואַסקן. נעכטן ווען איך האָב אָנגערופֿן טעלעפֿאָניש, האָט מיר געענטפֿערט זײַן טאָכטער און אויפֿגעקלערט, אַז עס איז אומעגלעך זיך מיט אים צו טרעפֿן, ווײַל צוריק מיט פֿיר חדשים איז ער געשטאָרבן. איך בין געבליבן געפּלעפֿט. עפּעס האָב איך אַ ספּעציעל שלימזל מיט וואַסקן. מיט עטלעכע חדשים צוריק גיי איך דורך אַ בוכהאַנדלונג און זע אין וויטרינע אַ בוך „און וואַסקאָ ען על אורוגואַי". איך גיי אַרײַן און מאַן עס און די פֿאַרקויפֿערין טוט מיר אַ זאָג: פּונקט נעכטן איז געווען דעם אויטאָרס לוויה. דאָן קאַרלאָס מ. לאַראַלדע.

איך דערצייל ה' ליסאַרראַלדען מײַנע צרות.

— נו דערפֿאַר האָסטו מיך. איך לעב נאָך. אַבי דו ביסט געקומען הײַנט און ניט אָפּגעלייגט אויף מאָרגן.

— עקזיסטירט שוין אײער אינסטיטוציע לאַנג?

„עוסקאַל עריאַ" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1912.

— איז עס די אײנציקע וואַסקישע אינסטיטוציע אין אורוגוויי?

— פֿאַראַן דאָ הי נאָך אײנע: „עוסקאַראַ עספּאַניאָל", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1911. לויט די נעמען קענסטו אפשר פֿאַרשטיין דעם חילוק. „עוסקאַראַ עספּאַניאָל" האָט זיך געגרינדעט און אָנגעהייבן אַרײַננעמען אַלס מיטגלידער נאָר געבוירענע אין שפּאַניע. אונדזער אינסטיטוציע מאַכט ניט אַזעלכע אונטערשידן. פֿאַר אונדז איז ניט וויכטיק

פון וואַנען עס איז אַ וואַסק. ענדערש דען עפּעס אַז ער איז פון פראַנק־רייך? אַלץ אַ וואַסק.

איז דען ביי אייך יידן ניט דאָס זעלבע?

— אויך ביי אונדז האָבן זיך פאַרמירט באַזונדערע קהילות, לויט דעם לאַנד פון וועלכן מע איז געקומען אהער, אָדער לויט דער שפּראַך אין וועלכער מע האָט גערעדט.

— איצט האָט יענע אינסטיטוציע אַ שווער פּראָבלעם. די פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין אַ פעדעראַציע פון שפּאַנישע אָרגאַ־ניזאַציעס און אַ טייל מיטגלידער זענען קעגן. דאָס הייסט, אַז אַ טייל האַלט עס פאַר אַן אָרגאַניזאַציע פון שפּאַניער פון וואַסקישן אָפּשטאַם און אַנדערע ווילן ניט נעמען אין אַכט די „נאַציאָנאַליטעט” (אָדער די געוועזענע בירגערשאַפט). זיי האַלטן אַז דער קריטעריום דאַרף זיין דער וואַסקישער שורש.

— זענען ביי אייך פאַראַן קורסן פון וואַסקיש? — קולטור־אַרבעט אויף וואַסקיש?

— אין היגן פאַקולטעט פון הומאַניסטיק האָט מען אַמאָל געלערנט וואַסקיש, אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר מענדיאָלאַ. מיט זיין טויט האָט זיך דאָס געענדיקט.

— און עס ווערט קולטיווירט דאָס רעדן וואַסקיש ביי דער יוגנט?

— ליידער רעדט ניט די יוגנט קיין וואַסקיש. אפילו די געקומענע פון לעצטן דור פון עוסקאַדי קענען ניט קיין וואַסקיש, מחמת דער אונטער־דריקונג אין דער היים. אָבער דאָך זענען פאַראַן אויסנאַמען. מיר האָבן דאָ אַן אינטעלעקטואַל, קרוס איגואַין, רעדן אפילו זיינע צוויי מיידעלעך (זעקס יאָר די עלטסטע) וואַסקיש, ווייל דאָס איז די שפּראַך וואָס מע רעדט אין שטוב. שפּאַניש וועלן זיי דאָך סיי ווי קענען. ער פירט ביי אונדז אויך אָן אַ כאָר. מיר האָבן אויך אַ גרופּע וואָס ווידמעט זיך וואַס־קישע טענץ.

— קען איך אַמאָל קומען הערן דעם כאָר?

— איך גלייב, אַז יאָ. דאָ האָסטו דעם טעלעפאָן פון קרוס איגואַין. רוף אים אָן.

— און וואָס איז מיט וואַסקן אין אַנדערע לענדער?

פאַראַן אַסך וואַסקן אין אַרגענטינע, טשילע, בראַזיל. אָבער אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דעם דאָזיקן לאַנד זענען פאַראַן גאַנצע שטעטלעך ווו מע רעדט נאָר וואַסקיש.

איך דערמאָן זיך, אַז אין ניו יאָרק רעדן נאָך יידיש יידן פון דריטן דור. און עס זענען פאַראַן שטעטלעך ווו עס רעדן נאָך רומעניש טראַנ־סילוואַניער רומענער (וואָס זענען דאָרט אַמאָל פאַרפאָלגט געוואָרן פון די אונגאַרן) הגם די אימיגראַנטן זענען געוועזן זייערע זיידעס.

— וואָסקן האָבן ספּעציעלע באַשעפטיקונגען?

— ניין. אָבער דאָך, היות זיי האָבן אַ נייגונג צו פינאַנצן — זענען פאַראַן אין די פאַרייניקטע שטאַטן אַסך וואָס פירן אָן בענק.

— פינאַנצן איז אַ ספּעציעלע וואַסקישע „שוואַכקייט"?

— זעט אויס. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פאָלק, די מאַסע, אַרבעט ביי אַלעמען. ווי געזאָגט — ביי אַגריקולטור, פּיצוכט, אין די אייזן־מינעס. אָבער דאַרפסט וויסן, אַז אין שפּאַניע גופא זענען וואָסקן דאָס באַנק־וועזן. זיי זענען כמעט די רייכסטע מענטשן. לכל הפּחות אויפן צווייטן פּלאַץ. קאָן זיין, אַז עס האָט צו טון מיט דער שפּאָרזאַמקייט און גוטער אַדמיניסטראַציע, וואָס ליגן אין דער נאַטור פון וואַסק.

— און אין אייער אינסטיטוציע קומט יוגנט?

— ליידער ווייניק. מיר טוען אַלץ מעגלעכע, אָבער די יוגנט איז אַ פּראָבלעם.

— וואָס האָט איר צו געבן דער יוגנט עפּעס אַזוינס וואָס זיי זאָלן ניט האָבן אין קיין אַנדער קלוב?

— נאָר די שפּיל אין וואַסקישער פּילקע. אָבער דאָס איז אַ שפּיל אויף געלט און עס איז ניט זייער אָנגעמאָסטן פאַר יוגנטלעכע, אין דער אמתן גערעדט.

— שפּילן אין וואַסקישער פּילקע נאָר וואָסקן?

— ניין. דאָס איז אַ שפּיל וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויך פון אַנדערע. זי טראָגט נאָר אונדזער נאָמען ווייל זי שטאַמט פון אונדזער לאַנד. עס איז איינע פון די עלטסטע שפּילן.

— דערשיינט ערגעץ וואַסקישע פּרעסע?

— יאָ. אויך אין ב. איירעס דערשיינט אַ חודשלעכע אויסגאַבע, „עוסקא דעזשאַ".

— און איר האָט דאָ אַ ביבליאָטעק? פאַראַן אין איר ביכער אויף וואַסקיש?

— זיכער!

און ער פירט מיך אַריין אין אַ צווייטן צימער. עס זאָלן דאָ זיין

אַ 500 ביכער. הונדערטער ביכער אויף וואסקיש. אַט איז איינס: „פּלאַ־טעראָ טאַ ביאָק". איר האָט געטראָפן: ס'איז „פּלאַטעראָ און איך" פון כואַן כימענעז. אַרויסגעגעבן שיין, מיט חנוודיקע צייכענונגען.

***

אין אָוונט בין איך געקומען זיך באַקענען מיטן כאָר־דירעיגענט, איגואַין. הערן אַ פּאָר לידער אויף וואסקיש.

עס זענען ניט געקומען אַלע מיטגלידער פון כאָר. נאָר אַ העלפט. מיטליעריקע מענער און פרויען. צווישן זיי אויך אַ זקן. אַ סאָליסטקע. איין פרוי מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט. איין מאַן — צוזאַמען מיט זיינע צוויי יינגעלעך. 9 און 11 יעריקע. שלאַנקינקע און הויכינקע, ענ־לעכע צום טאַטן. זיי דרייען זיך אַרום שטיל און גוט דערצויגן. דער טאַטע זיצט מיט מיר. ביז דער כאָר וועט אָנהייבן זיינע איבונגען, האָט ער צייט מיט מיר צו רעדן. אַזאַ טיף־איינגעוואָרצלטע צוגעבונדנקייט ביי אים צו זיין וואסקישן שורש. ער קען דערביי ניט קיין וואָרט וואסקיש. זיינע צוויי קינדער אוודאי ניט. אָבער ווען ער רעדט — בליצן ביי אים די אויגן. אַ טראַציקייט פון אַן אונטערדריקטן. די קינדער וועלן אויס־וואַקסן אורוגווייער און „נאָך עפּעס".

און אַט זינגט דער כאָר. צו ערשט „אַווע מאַריאַ" אויף וואסקיש. דערנאָך די תפלה „פּאַטער אונדזער" אויך אויף וואסקיש. איך האָב שוין געהערט אַסך מאָל אַט די געזאַנגען, אָבער כ'בין זיך מודה, אַז דווקא די אומבאַקאַנטע קלאַנגען ווירקן אויף מיר שטאַרק. עפּעס גלייך ווי איך וואָלט ניט געהערט דאָס באַקאַנטע קריסטלעכע צו וועלכן איך בין גע־ווינט פון קינדוויַיז אָן ביי מיינע אוקראַאינישע און רומענישע שכנים. די אויסערגעוויינלעך שיינע מוזיק, די וווּנדערבאַר ־ געשולטע שטימען אונטער דער אָנפירונג פון קרום איגואַין און די פרעמד־קלינגענדיקע ווערטער האָבן אין זיך אַזויפיל געבעט, גלויבן און השתפכות הנפש, אַז עס איבערצייגט. איך בין זיך מודה, אַז ווען איך הער די זעלבע תפלה אויף אַ שפּראַך וואָס איך פאַרשטיי יעדער וואָרט — פיל איך ניט דאָס אייגענע. עס ווירקט ניט אויף מיר מיט דעם כוח פון רויען, קוואַליקן, אומיטלבאַרן. דאָס מאָל איז ווי איך וואָלט זיך איבערגעטראָגן אויף ריזיקע מרחקים אין צייט און אין אָרט. איך בין אין אַ רוימישער קאַ־טאַקאָמבע אין ערשטן יאָרהונדערט. אַט זענען מענטשן פון אַלע עקן וועלט. מיט כוח פאַרשלעפּטע זין און טעכטער פון פאַרשידענע פעלקער.

מענטשן וואָס פֿאַרשטייען ניט איינער דעם אַנדערן און זענען פֿאַרייניקט נאָר דורך איין געמיינזאַמען גלויבן. אַז עס איז מעגלעך בעסערס; אַז דער פֿיזישער כּוח איז פֿאַרגענגלעך און אַז אייביק איז נאָר דער גייסט — דער עפּעס וואָס איז דאָס פּינטעלע מענטש. דאָס וואָס דערנענטערט אונדז צו גאָט. די מענער און פֿרויען וואָס זענען ביז אַ פּאָר מינוט פֿריער געווען אַזעלכע געוויינלעכע, טאָג־טעגלעכע, ווי אַלע די וואָס דו קענסט באַגעגענען אויף דער גאַס, זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס וואָס איז ווייט פֿון דאַגעגן. העכער, ניט צו באַנעמען מיט די חושים, אָבער אַזוי נאָענט און נאָסטאַלגיש. עס ווייט אָן אַ שטימונג פֿון אור־אור־גלויבן. דעם נאָך ניט „קאַנאַליזירטן" אין קירכן און דאָגמעס. דער גלויבן פֿון די מענטשן, וואָס זענען די ערשטע צו אַנטדעקן דעם העכערן, איבערלעבנדיקן אמת פֿון דער אומאויסלעשלעכער מענטשלעכער נשמה, וואָס איז ווי אַ לייכטער פֿאַרן געטלעכן ליכט. דווקא די אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער האָבן אין זיך דעם כּוח פֿון איבערגעבן מיסטיש־איבערצייגנדיקס.

איך בין לײדער אַ פּראָפֿאַן אין מוזיק. כ'ווייס ניט ווי אויסצודריקן מיין דאַנק דעם פֿרײַנד איגואַין מיט זיין כּאָר פֿאַר דער טיפֿער איבערלעבונג.

איך דאַנק מיט אָרעמע, שאַבלאָנע ווערטער וואָס זענען אַזוי שוואַך און בלייך קעגן דעם וואָס איך האָב דאָ באַקומען. איך בין ניט געווען אויף דער גאַס סאַן כּאַסע פֿון אורוגוויים הויפּט־שטאָט, מאָנטעווידעאָ. איך בין איצט געווען אין אַ הייל אין אַ ווייטן געדיכטן וואַלד. צווישן מענטשן וואָס דערוויסן זיך צום ערשטן מאָל, אַז עס איז דאָ עפּעס העכערס ווי דאָס טאָג - טעגלעכע; עפּעס וואָס איז העכער פֿון אונדז, צו וועלכן מיר קענען זיך ציען און שטרעבן עס צו האָבן אין זיך.

דווקא אין אָט דעם לשון וואָס איז אַזוי אַלט ווי עס איז אפֿשר אַלט דאָס לעבן פֿון מענטש אויף דער ערד, אויף אָט דעם אור־לשון איז גוט צו הערן ווי עס ציט זיך דער מענטש צו גאָט.

קלאָר, אַז פֿאַר מיר איז וואַסקיש ניט קיין שפּראַך ווי אַלע. עס איז די שפּראַך פֿון אַ פֿאָלק וואָס האָט ניט געפּאַקט און געמאָזלט, ניט היסטאָריש און ניט קולטורעל, אַזוי ווי עס האָבן געליטן און געשאַפֿן כּינעזער, יידן, אַרמעניער.

וואַסקיש איז פֿאַר מיר דער סימבאָל פֿון די אוראַלטע אייראָפּעער. אַזוי ווי די דאַקן, וואָס ערשט מיטן צומיש פֿון די רוימער זענען זיי

געוואָרן רומענער. עס איז דער אינדערפרי פון מענטש, אויף וועלכן עס ליגט נאָך דער טוי פון פאַרטאָג, פון נאַרוואָס ביינאַכט. עס איז דער מענטש וואָס איז נאָך ניט אַ תל געוואָרן. וואָס איז נאָך פריש און וואָס האָט נאָך אויף זיך די אומשולד פון אָנהויב.

***

— פון וועמען אָן זענען זיי מיר אַזוי ליב די וואַסקן? פון וועמען אָן האָב איך אין זיי אַזאַ אינטערעס? פון וועמען אָן זענען זיי מיר אַזוי אייגן?

— שוין פון זייער לאַנג!

נאָך פון איידער איך האָב געוווּסט, אַז זיי זענען דאָ אויף דער וועלט!

— ווי אַזוי דערקלערט זיך דאָס?

— אָט וועל איך דיר געבן צוויי ביישפּילן:

אָנהייב דרייסיקער יאָרן איז אין רומעניע געווען אַ בעסט-סעלער אַ בוך אין זיבן בענד פון אַ באַקאַנטן רומענישן שטאַטסמאַן, קאָנ־סטאַנטין סטערע. דאָס בוך האָט געהייסן „ערב דער רעוואָלוציע". עס האָט זיך דאָרט געשילדערט דער ערב פון דער רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד. דער אויטאָר איז געווען אַ רומענער פון בעסאַראַביע, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ טייל פון רוסלאַנד און ער איז געווען אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער. און אָט דערציילט ער, ווי אין אַ טאָג איז ער „אַריינגעפאַלן", אַרעסטירט געוואָרן דורך דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע און אָפּגעפירט געוואָרן קיין טיף־רוסלאַנד, דאַכט זיך קיין מאָסקווע, אין אַ צענטראַלער תפיסה, דאָרט אָפּצוזיצן ווער ווייסט ביז ווען און דערנאָך אוועקגעשיקט צו ווערן. ווי געוויינלעך, קיין סיביר.

מע ברענגט אים אויף אַן אָרט וווּ עס זענען פאַרזאַמלט אַסך אַרעס־טאַנטן. אַלץ פּאָליטישע אַרעסטירטע פון פאַרשידענע שטרעמונגען. אָבער גלייכצייטיק אויך מענטשן פון פאַרשידענע עטנישע אָפּשטאַמען. און איינער אַ רעוואָלוציאָנערער פירער, אַ רוס, באַקענט זיך מיט די נאָר־וואָס־אָנגעבראַכטע אַרעסטירטע פון בעסאַראַביע און ווען ער הערט דעם מאָדנעם פאַמיליע־נאָמען טוט ער אַ פרעג וואָס דאָס איז אַזוינס און קאָנסטאַנטין סטערע ענטפערט אים, אַז ער איז אַ „מאָלדאָוואַן". מאָל־דאָוואַ איז אַ פּראָווינץ אין רומעניע און מאָלדאָוואַן איז עלעהיי אַן אַנ־דאַלוז אין שפּאַניע. און יענער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פירער, דער

באַרימטער אינטעלעקטואַל, וואָס אַלע קוקן צו אים מיט אַזאַ גרויסן אַפּשיי, טוט זיך אַ דרוק אויס וועגן דער דאָזיקער נאַציאָנאַליטעט מיט אַזאַ פאַראַכטלעכן „וואָס איז דאָס פאַר אַ מין...״ און דאָ קומט אַן אויסדרוק וואָס דריקט אויס מינדערשעצונג צו דער עטנישער אַנגעהעריקייט פון חבר־רעוואָלוציאָנער, נאָר דערפאַר ווייל ער איז ניט קיין רום און איז נאָך דערצו אַ זון פון עפּעס אַ פאָלק וועגן וועלכן יענער באַרימטער אינטעלעקטואַל האָט קיינמאָל ניט געהערט.

אין קאַרגע דרייסיק יאָר אַרום, ווען סטערע האָט דאָס פאַרעפנטלעכט אין רומעניע, צו וועלכן עס האָט דעמאָלט געהערט באַסאַראַביע; אין אַ רומעניע ווו ער איז געווען עקס־מיניסטער און סענאַטאָר, האָסטו נאָך מער געפילט די שמאַרצנדיקע באַליידיקונג, דווקא ווייל זי איז געקומען פון אַן „אייגענעם״, פון אַ חבר, וואָס ס׳האָבן דערוואַרט מיט אים געמיינזאַמע תפיסה און אַ געמיינזאַמער ליידנס־וועג אין ווייטן סיביר. ווער ווייסט, צי איז דאָס ניט געווען די סיבה פאַר וועלכער דער רעוואָלוציאָנער קאָנסטאַנטין סטערע האָט פאַרלאָזט רוסלאַנד און אין דער באַסאַראַביע וואָס איז דעמאָלט, זינט 1918 געוואָרן אַ טייל פון קאַפּיטאַליסטישן רומעניע געזוכט זיין וועג. ער האָט דאַן דערפילט ווי די געמיינזאַמע קלאַסן־אינטערעסן האָבן נאָך ניט דערהויבן דעם מענטשן, אַפילו דעם רעוואָלוציאָנער און „טרעגער פון מאָרגן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט״ צו פילן דרך־ארץ, צו האָבן באַציונג צו יעדן מענטש, ניט „הגם ער איז ניט דאָס וואָס איך עטניש״, נייערט דווקא ווייל עס איז דאָס הייליקע רעכט זיינס צו זיין וואָס ער איז עטניש.

איז אָט זענען שוין אַריבער נאָך 35 יאָר און איך פיל נאָך ביז היינט צוזאַמען מיט קאָנסטאַנטין סטערע יענע באַליידיקונג, וואָס ער האָט דעמאָלט געפילט.

און אָט אַ צווייטער מאָמענט:

ס׳איז 1936. איך בין אַ רעקרוט אין בוקאַרעשט. אין אַ מאָמענט רופט מיך צו אַ סערזשאַנט:

— דו ביסט אַ ייד?

— יאָ.

— קום אהער! אנו רעד צו דעם קאַמאַראַד. מע רעדט צו אים אויף רומעניש און ער פאַרשטייט ניט קיין וואָרט. ער ווייסט ניט וואָס עס הייסט „רעכטס״, „לינקס״, „פאָרויס״, מע קאָן מיט אים גאָרניט מאַכן!

— איך האָב דערזען פאַר זיך אַ הויכן, שיינעם בחור. אַ העל־שאַטענעם. אויפן פּנים איז אים געלעגן ערלעכקייט און מילדקייט. איך האָב צו אים גערעדט אויף יידיש, אויף העברעיש, אויף אוקראַיניש, אויף דייטש — ער האָט ניט רעאַגירט אויף קיין איין שפּראַך. נאָר געשאָקלט מיט קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט ניט.

פון וואָס פאַר אַ פאָלק איז ער? — האָב איך זיך איינגעשטעלט צו פרעגן דעם סערזשאַנט פון וועלכן איך האָב שוין אַלס רעקרוט, און נאָך אַלס ייד דערצו, געהאַט געכאַפּט זייער אַסך פּעטש.

— אַ גאַגאַוצע! גיי רעד מיט אים אַז ער קען נאָר זיין אייגן לשון און ער איז דער איינציקער אין גאַנצן רעגימענט!

מע האָט מיך אָפּגעשיקט צו אַלדע רוחות, ווי איינער וואָס טויג צו גאָרניט און דעם גאַגאַוצע איז גאָרניט געווען מקנא צו זיין וואָס אים האָט דערוואַרט אויסצושטיין, אין אַ רעזשים, וווּ עס איז געווען אַ מצווה צו שלאָגן אונגאַרן, אוקראַינער, בולגאַרן, רוסן, זעלבסטפאַר־שטענדלעך יידן, און איצט נאָך — אַ גאַגאַוצע!

— ווער זענען די גאַגאַוצעס?

—דער ווערטערבוך זאָגט, אַז דאָס איז אַ בולגאַרישער שבט, וואָס איז מגולגל געוואָרן קיין דרום - באַסאַראַביע. ער רעדט טערקיש און שרייבט די קלאַנגען פון זיין לשון מיט גריכישע אותיות. זיי זאָלן גע־ווען זיין אין יענער צייט אין דרום - באַסאַראַביע אַ הונדערט טויזנט נפשות.

און עס זענען שוין אַריבער אַ פאַר און דרייסיק יאָר און יענער גאַגאַוצע שטייט מיר פאַר די אויגן. אויך פאַר אים האָט מיך זייער ווי געטאָן. ווער ווייסט וואָס עס איז היינט מיט זיין שבט.

***

— צי האָב איך אַ נייגונג, אַ שוואַכקייט צום עקזאָטישן?

— איך גלייב, אַז ניט דאָס איז עס. ניט ווייל עס איז מאָדנע ציט עס מיך. וואָס ס'אינטערעסירט מיך—דאָס איז די מענטשלעכע פערזענ־לעכקייט. און די שפּראַך פון אַ מענטשן, די סביבה אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, דער לעבנס־שטייגער, די אַטמאָספערע, די מנהגים, די לידער וואָס ער האָט געהערט פון קינדוווייז, די מעלאָדיעס מיט וועלכן מע האָט אים איינגעשלעפערט — דאָס אַלץ איז אַ טייל פון אים. און איך האַלט אַלס דאָס הייליקע רעכט פון יעדן מענטשן צו קאָנסערווירן

די דאָזיקע וועלט זיינע כל זמן זי איז אים איינגן און טייער און ער פילט זיך גוט אין איר און וויל זיך פון איר ניט אויסטון. יעדער מין צוואַנג ארויסצונעמען דעם מענטשן פון דער דאָזיקער וועלט זיינער זעט מיר אויס באַרבאַריש און אַן אַטענטאַט קעגן דעם הייליקסטן פון דער מענטשלעכער נשמה.

דערפאַר האָב איך געפילט ווי מיינע, די אַנטוישונג און די ווייטיק פון קאָנסטאַנטין סטערע. דערפאַר האָב איך געפילט די ווייטיק און דעם עלנט פון יענעם גאַגאַוצע. און דערפאַר פיל איך ווי מיינע די זאָרג און דעם שטיל־נאָגנדיקן ווייטיק פון יעדן מענטש, וואָס זעט ווי עס גייט אים אונטער זיין וועלט.

הונדערטער טויזנטער וואַסקן אויף דער וועלט, וואָס פאַרגעסן זייער שפּראַך און זענען זי זעלטן בכוח איבערצוגעבן זייערע קינדער. אַ קאַרגער מיליאָן וואַסקן אין וואַסקאָניע, וואָס האָבן ניט קיין פולע רעכט צו לערנען און שרייבן וואַסקיש, צו זינגען אויף זייער לשון און אַפילו ניט צו בעטן צו דעם זעלבן גאָט צו וועלכן עס בעטן די וואָס פאַר־באָטן זיי דאָס.

קאָן מען זיין אָפּטימיסטיש בנוגע דעם קולטור־לעבן פון וואַסקישן פאָלק? פון דער וואַסקישער „ראַסע" ווי וואַסקן האָבן ליב צו זאָגן?

דאָס פאָלק וואָס איז דער זקן פון אייראָפּע און גלייכצייטיק דאָס קינד פון אייראָפּע; דאָס פאָלק וואָס הייבט ערשט אָן אויפוואַכן, וואָס דאַרף ערשט דורכמאַכן זיין קולטור־פרילינג — איז שוין באַדראָט פון אַ גייסטיקן האַרבסט און ווינטער.

וועט זיך שפּאַניע קיינמאָל ניט דערהייבן צו פילן, אַז אַנשטאָט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גייסטיקן גענאָסיד פון אַ פאָלק — קאָן זי ווירקן, אַז די קולטור אויף דער שפּראַך פון דעם דאָזיקן פאָלק זאָל זיך צעבליען און מיט זיך פאַרשטעלן נאָך איין פאַרב אין רעגנבויגן פון אייראָפּעישע קולטור־אייגנאַרטיקייטן?

דאָס וואָלט געווען ניט נאָר די רעהאַביליטירונג פון וואַסקן און וואַסקיש; עס וואָלט געווען די רעהאַביליטירונג פון שפּאַניע גופא.

אורוגוואַרצלען

נאַוויגאַטאָרן
לויט דעם „קאָמפּאַס" לאָיאַלקייט

De los fueros civiles el goce
Sostengamos, y el código fiel
veneremos inmune y glorioso,
Como el Arca sagrada Israel.

די בירגער ־ רעכט וועלן מיר אויפהיטן
און דעם קאָדעקס געטריי אַכפּערן
אומבאַריכט און גלאָררייך
ווי דעם ארון - קודש, ישראל.

(פראַנסיסקאָ אַקוניאַ דע פיגעראָאַ,
אין אורוגווייער נאַציאָנאַלן הימן).

„פון וואַנען איז אַ ייד?"

דאָס איז געווען די ערשטע פראַגע וואָס איין ייד פלעג אַ פרעגן דעם צווייטן, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, אומבאַקאַנטע, ערגעץ אויף אַ וועג. און אָפּהענגיק פון דעם ווו די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען, האָט געקאָנט זיין דער „אַרומנעם" פון ענטפער. אויב מע האָט זיך באַגעגנט ערגעץ אויף אַ שליאַך אין דער אייגענער געגנט, האָט דער ענטפער געקאָנט זיין אַ נאָמען פון אַ דאָרף אָדער אַ שטעטל. אויב מע האָט זיך באַגעגנט אויף אַ גרויסן יאַר-יאַריד פון אַ באַשטימט לאַנד, האָט שוין דער ענטפער געקאָנט זיין אַ נאָמען פון אַ גרויסער שטאָט אין אַנדערן עק לאַנד. אָבער אויב מע האָט זיך געטראָפן אויף אַן אימיגראַנטן־שיף צי אין אַ טוריסטן־אַוויאָן, זענען שוין געקומען נעמען פון לענדער, אַפילו פון פאַרשידענע קאָנטינענטן. אַ ייד איז שטענדיק געווען פון אַן ערגעץ, וואָס האָט זיך געקאָנט געפינען אויף וועלכן ס'גיט איז פונקט פון ערד־קיילעך.

און נאָך עפּעס:

ווען מע האָט אַ יידן געפרעגט אויף זיין געבוירן-לאַנד, האָבן זיך זייער אָסך מאָל באַקומען קאָמישע סיטואַציעס. עס זענען נייטיק געווען אַ ריי אויפקלערונגען ביז עס זאָל זיך באַקומען אַ טראָפן קלאָרקייט. און דאָס איז ניט געווען קיין קלייניקייט, נעמענדיק אין אַכט, אַז אויפן אַמע־

ריקאַנער קאָנטינענט איז געבוירן־לאַנד דאָס זעלבע וואָס נאַציאָנאַלי־טעט. און די אומקלאָרקייט איז אַרויסגעקומען פון דעם, וואָס במשך דעם לעבן פון איין מענטשן פלעגן זיך בייטן די גרענעצן און סוווע־רעניטעטן אויף אַן אַ שיעור פונקטן, ספּעציעל אויף דער מאַפּע פון אייראָפּע. אַ ייד האָט געקאָנט געבוירן ווערן אין אַ געגנט וואָס איז אַמאָל געווען אונגאַרן, שפּעטער געוואָרן טשעכאָסלאָוואַקיע און געהער גאָר היינט צו רוסלאַנד. די געגנט ווו איך אַליין בין געבוירן געוואָרן איז נאָר אין מיינע קאָרגע 55 יאָר שוין געווען צוויי מאָל רומעניע און איז שוין צום דריטן מאָל רוסלאַנד. טאָ פון וואַנען בין איך, נאָך דעם וואָס אַ העלפט פון מיין גאַנץ לעבן איז דורך אין אורוגוויי?

„פון וואַנען איז אַ ייד?״ — זייער אַ שווערע אויפגאַבע דערויף צו ענטפערן.

איז דעריבער פאַראַן אַ זין אין אַ פערז פון אַ ליד, וואָס עס האָט ניט לאַנג אָנגעשריבן אַ גרויסער יידישער דיכטער, יעקב גלאַטשטיין; אַ געבוירענער אין לובלין וואָס אין פּוילן און וואָס לעבט שוין מסתמא אַ פופציק יאָר אין ניו יאָרק. דאָס איז אַ פערז פון אַ ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין שייכות מיט דער פראַגע פון מדינת ישראלס אימיגראַ־ציע־באַאמטן, וואָס האָט אים געפרעגט בעתן אויסשטייגן אין לוד פון אַוויאָן, אַלס טוריסט: „פון וואַנען איז אַ ייד?״. און גלאַטשטיין האָט אים געענטפערט: „יעדער יידס פונוואַנען איז פונדאַנען״.

דאָס הייסט, אַז יעדער ייד, פון וואַנען ער זאָל ניט זיין, אָבער דורך דורות שטאַמט ער פון ארץ ישראל.

ער שטאַמט פון ארץ ישראל, ניט נאָר ווייל דאָרט איז אויפגעקומען פיזיש און גייסטיק דאָס יידישע פאָלק, נאָר אויך ווייל אַהין האָט זיך געצויגן דער ערשטער ייד, אברהם אבינו, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אור כשדים, אָבער וואָס האָט געזען אַלס ערשטן תנאי צו קענען זיין אַ ייד — זיך צו באַזעצן אין כנען. ער איז געווען דער ערשטער פּילגרים, וואָס האָט פאַר דער מעגלעכקייט צו קענען אָפן פּראָקלאַמירן זיין גלויבן אין איין און אייניציקן גאָט, געמוזט נעמען אויף זיך די מאַטערניש פון אויסוואַנדערן פון זיין געבוירן־אָרט און גיין אין אַ לאַנד וואָס איז אים געווען פרעמד און אומבאַקאַנט, אָבער וואָס איז היינט הייליק פאַר אַלע מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס. און כל זמן אַ ייד באַטראַכט זיך פאַר אַזעל־כן, איז דורך וואַנען זיינע אור־עלטערן זאָלן ניט האָבן געוואַנדערט זינט דעם יאָר 70, ווען עס איז פאָרגעקומען דער צווייטער חורבן, ביז ער איז

אָנגעקומען אַהין ווו ער געפינט זיך אין דעם מאָמענט, איז ער, גייסטיק, פון ארץ ישראל.

***

אָבער נאָכן ענטפערן אויף דער פראַגע „פון וואַנען איז אַ ייד" זענען נאָך דאָ אַנדערע פראַגעס בנוגע יידן, וואָס ניט אויף אַלע איז לייכט צו ענטפערן.. עס איז פאַראַן צו פרעגן: „ווו לעבן יידן?; „ווער איז אַ ייד?; „וואָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פון יידן?"; „וווהין גייען יידן גייסטיק?" און, לסוף, „וואָס שטעלן מיט זיך פאָר יידן אין אורוגוויי? וועלן מיר גיין לויט דעם דאָזיקן סדר.

" ווו לעבט דאָס הייטיקע יידישע פאָלק?

דאָס היינטיקע יידישע פאָלק, וואָס באַשטייט פון איבער דרייצן מיט אַ האַלבן מיליאָן נפשות, נאָכן האָבן פאַרלוירן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זעקס מיליאָן, לעבט אויף אַלע קאָנטינענטן.

אַן ערך צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן לעבן אין מדינת ישראל. פון די אַן ערך עלף מיליאָן יידן אין די תפוצות, לעבן קאַרגע זעקס מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן אין ענגליש־רעדנדיקע לענדער: פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, קאַנאַדע, דרום-אַפריקע, אויסטראַליע. פון די דאָזיקע אויסגערעכנטע ישובים, איז דער ישוב פון די פאַראייניקטע שטאַטן ניט נאָר דער נומעריש גרעסטער (קאַרגע פינף מיט אַ האַלבן מיליאָן נפשות), נאָר אויך דער עלטסטער, רעכענענדיק זיין אַנטשטייונג פון יאָר 1654.

אַ צווייטער גרויסער יידישער ישוב איז אין ראַטנפאַרבאַנד (אַן ערך דריי מיליאָן נפשות) און קלענערע ישובים אין רומעניע (100.000), אונגאַרן (80.000), פוילן (ווייניקער פון 20.000) און גאָר קליינע צאָלן (צו ווייניקער פון צען טויזנט) אין יוגאָסלאַוויע און בולגאַריע.

פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אויפן אייראָפּעישן קאָנטינענט איז דער גרעסטער ישוב אין פראַנקרייך (קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן נפשות); דערנאָך קומען בעלגיע און איטאַליע מיט צו 35 טויזנט נפשות יעדער איינער און קלענערע ישובים אין האָלאַנד, שווייץ גריכנלאַנד, שפּאַניע און אַנדערע לענדער.

אַלטע יידישע ישובים זענען דאָ אין די צפון־אַפריקאַנער לענדער —טוניס, מאַראָקאָ און אַלזשיר, ווי אויך אין די אַזיאַטישע, ווי פערסיע און אינדיע. אין אַ שווידערלעכער לאַגע זענען די געציילטע טויזנטער יידישע נפשות אין מצרים, איראַק און סיריע, בעת אין לבנון האָבן זיך די דאָרטיקע 3.000 יידן ביז איצט גאָרניט געהאַט וואָס צו קלאָגן.

ניט רעכענענדיק אַנדערע נומעריש זייער קליינע ישובים אויף דער גאַנצער וועלט, איז נאָך דאָ לאַטיין - אַמעריקע מיט אַן ערך זיבן הונ־דערט טויזנט נפשות, פון וועלכע דער גרעסטער ישוב איז אין אַרגענ־טינע מיט אַ קאַרגן האַלבן מיליאָן יידן.

***

„ווער איז אַ ייד?"

ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסזען איז די פראַגע „ווער איז אַ ייד?" אויפגעקומען דווקא אין דער פרייער און זעלבסשטענדיקער מדינת ישראל. במשך יאָרטויזנטער איז אַזאַ פראַגע קיינעם ניט געשטאַנען. דאָס יידישע לעבן איז געווען אַזוי פאַרפּאַנצערט אין אייגענעם לעבנסשטיי־גער, מנהגים, טראַדיציעס, רעליגיעזע קוואַלן און אָריענטאַציע, אייגענע שפּראַך, אַז עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן אַזאַ פראַגע. די לעצטע פּאָר הונדערט יאָר האָבן אַסך אַראָפּגעריסן פון די אַלע פּאַנצערס. און דאָך איז נאָך אַלץ אין דער דיאַספּאָרע אַזאַ פראַגע ניט אַנטשטאַנען. אויף דעם אַלגעמיינעם ניט־יידישן הינטערגרונט האָט זיך נאָך אַלץ אַרויסגע־מיילט די יידישע געשטאַלט מיט עפּעס אייגנאַרטיקן. ערשט אין מדינת ישראל וווּ דער ייד רעדט זיין אייגן לשון; וווּ ער דינט אין אַ יידישן מיליטער און גייט אין יידישע מלחמות; וווּ ער היט אָפּ נאָר יידישע יום טובים און מנהגים און וווּ דאָס גאַנצע שול־וועזן איז אויף זיין אייגן לשון—דווקא דאָרט האָט מען אין אַ טאָג זיך אַרומגעזען, אַז עפּעס פעלט, כדי צו זיין זיכער, אַז מע גייט אויפן אַלטן יידישן דרך. אין וואָס באַשטייט דער דאָזיקער „עפּעס" וואָס זיין אויספעלן האָט מען קאָנ־סטאַטירט? דערויף זענען שוין געקומען אַן אַ שיעור ענטפערס, וואָס דריקן אויס פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן און די וויכוחים וועלן זיך מסתמא נאָך ציען און ציען. דער קאַמף פאַר פיזישן בלייבן לעבן איז אין מדי־נת ישראל אויפן ערשטן פּלאַץ און רוקט דערוויל אָפּ, אַלס צווייטראַנ־גיקע, אַלע אַנדערע פּראָבלעמען. הלוואי זאָל מדינת ישראל אַמאָל צו־קומען צו אַן ערע פון שלום און רו. דעמאָלט וועט זיך פאַר איר באַפעל־קערונג אויפן שאַרפסטן אופן אַוועקשטעלן די פראַגע „וווהין"?".
„וווהין"— ניט געאָגראַפיש, ווייל דערויף איז שוין דאָ דער ענטפער פון אַלע ענטפערס. אָבער „וווהין?" — גייסטיק.

אַ העברעיישער שרייבער, פיערבערג, האָט אַמאָל געשטעלט די

פראגע „פון וואַנען און וווהין? בנוגע דעם וועג פון יידישן יונגן מענ־
טשן. אין געאָגראַפישן זין וועט דער ייד פון מדינת ישראל האָבן אָפּ-
געשלאָסן דעם קרייז: פון ארץ ישראל קיין ארץ ישראל. אָבער יידן האָבן
שוין געלעבט זעלבסשטענדיק אין ארץ ישראל אין אור-אַלטע צייטן און
דאָך האָבן נביאים דעמאָלט געהאַט „ארבעט". זיין אַ יידן איז ניט נאָר
לעבן אין ארץ ישראל. עס זענען דערמיט פאַרבונדן אייביקע ווערטן,
וואָס אויב מע פאַרלאָזט זיי — פאַרלאָזט מען זיך אַליין. דעם אייגענעם
כאַראַקטער.

***

אייגענער כאַראַקטער

מע האָט אויסגערעכנט, אַז אַפילו ניט רעכענענדיק די שחיטות וואָס
יידן זענען אויסגעשטאַנען במשך זייער געשיכטע, איז ווען גרויסע צאָלן
זייערע זאָלן זיך אין פאַרשידענע דורות ניט געווען אסימילירן (און יע־
דער נפש איז דאָך אַ וועלט אַ גאַנצע רעכענענדיק די, וואָס וועלן פון
אים אַרויסשטאַמען), וואָלטן היינט געווען אויף דער וועלט ניט קיין
איבער דרייצן מיליאָן, נייערט אַן ערך פיר הונדערט מיליאָן יידן. דאָס
הייסט, אַז דער געראַנגל פון יידן אויף דער וועלט האָט צוויי דימענסיעס:
פיזיש בלייבן לעבן און גייסטיק בלייבן געטריי זיך אַליין; בלייבן יידן.
אָבער מע קאָן קיינמאָל ניט באַטראַכטן דאָס לעבן סטאַטיש, נייערט פון
אַ דינאַמישן שטאַנדפּונקט. און נאָך מער איז דאָס חל אויפן יידישן
פאָלק, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אַן אַ שיעור אויסערלעכע, פון אים
אומאָפּהענגיקע פאַקטאָרן, הן פאַר זיין פיזישן יאָ אָדער ניט בלייבן
לעבן, הן פאַר דעם אויפהאַלט פון זיין כאַראַקטער. און אַלע מאָל ענ־
דערן זיך די באַדינגונגען ערגעץ אַנדערש. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט
די גרעסטע געפאַר פאַרן פיזישן לעבן פון יידן מיט זיך פאָרגעשטעלט
דער נאַציזם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די מורא איז ניט געווען
אומזיסט. עס איז אויפן יידן אָנגעווענדעט געוואָרן גענאָסיד אויפן „ראַ־
ציאָנעלסטן", דייטשישן אופן. היינט דראָען די אַראַבישע שכנים אומצו־
ברענגען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון מדינת ישראל און יידן
האָבן זיך שוין אויסגעלערנט, אַז אַזוינס מעג מען דער וועלט גלייבן.
איז ניט קיין וואונדער, וואָס אויף דער זעלביקער ערד, ווו ישעיה הנביא
האָט אַמאָל פאָרויסגעזאָגט — פאָרויסגעבענקט די וויזיע פון צוזאַמענ-

לעבן צווישן „אַ וואָלף און אַ שעפּסעלע", זאָל ניט לאַנג האָבן דער־קלערט אַ דאָרטיקע אַנפירנדיקע פּערזענלעכקייט, אַ מענטש פון 50 יאָר בערך, געבוירן און דערצויגן אין ארץ ישראל: „איך גלויב אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ טאָג, ווען עס וועלן זיך צוזאַמענלעבן אין שלום אַ וואָלף מיט אַ שעפּס, אָבער אין יענעם טאָג וויל איך זיין דער וואָלף".

עס איז טראַגיש אָבער ניט אומפאַרשטענדלעך. אין אַ וועלט וואָס האָט צוגעזען ווי טערקן פּאַרטיליקן הונדערטער טויזנטער אַרמעניער; ווי דייטשן פּאַרטיליקן אין גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס מיליאָנען יידן; ווי איראַקער פּאַרטיליקן מאַסן קורדן; ווי עגיפּטער ברענגען אום תימנער און ווי ניגעריאַנער פירן-אויס גענאָסיד איבער ביאַפרער. — אין אַזאַ וועלט איז ניט קיין חידוש וואָס אויף דער ערד פון די נביאים האָט אַ ייד זיך געמוזט דערטראַכטן צו אַזאַ געדאַנק, אויס זאָרג פּשוט פיזיש צו בלייבן לעבן; אויס אומצוטרוי צו אַ וועלט, וועמענס כאַראַק־טעריסטישער און פּערמאַנענטער כאַראַקטער־שטריך איז גלייכגילטיקייט. אַ גלייכגילטיקייט וואָס איז שותפות צו מאַסן-אויסראָטונג.

***

געאייניקטקייט אין דער צעשפּרייטקייט

נאָך קאָמפּליצירטער איז פעסטצושטעלן וועהין עס גייען יידן גייס־טיק. די לײַדן, די שווידערלעכע געפאַרן פון דרויסן, האָבן אויסגעלערנט יידן צו זיין מער־ווייניקער סאָלידאַר וואָס שייך דעם פיזישן אויפהאַלט. כאָלידאַר אין מאַטעריעלן זין. אַ סאָלידאַריטעט וואָס האָט זיך אויסגע־דריקט און דריקט זיך נאָך היינט אַסך אויס אין פילאַנטראָפּיע. אויב דער באַגריף „פילאַנטראָפּיע" טראָגט אפשר ביי אַנדערע פעלקער אַ כאַ־ראַקטער פון באַליידיקנדיקן, איז ביי יידן דער עקיוואַלענטער באַגריף „צדקה" עטימאָלאָגיש פון שורש „צדק" — גערעכטיקייט: עס איז גע־רעכטיקייט צו שטיצן דעם מיטמענטש, דעם ברודער. און איך האָב געזאָגט אויבן, אַז יידן זענען „מער-ווייניקער" סאָלידאַר וואָס שייך מאַטעריעלער הילף, ווייל זיי זענען עס אפשר מער סאָלידאַר ווי עס זענען צווישן זיך מענטשן פון אַנדערע פעלקער, אָבער אַסך ווייניקער ווי אַנדערע פעלקער מיינען וועגן אונדז. טראַגיש ווייניקער. ווען דאָס וואָלט אַזוי ניט געווען, וואָלטן מיר אפשר ניט געהאַט אַזוי פיל שווידער־לעכער אבידות.

אָבער אויב וואָס שייך דעם מאַטעריעלן זענען יידן מער ווייניקער אַ געאייניקטער בלאָק, זענען זיי עס בשום אופן ניט גייסטיק. נישטאָ נאָך אַזאַ מין ניט־איינהייטלעך פאָלק ווי דאָס יידישע. דער גרויסער שרייבער שלום אַש האָט דאָס ערגעץ אויסגעדריקט (און עס איז אַן אַלטער יידי־שער געדאַנק) אַז יעדער מענטש דאַרף האָבן זיין אייגענעם, פּערזענלעכן גאָט. און עס גייט צו דעם, אַז אַן אַ שיעור גרופּעס יידן האָבן זייער איי־גענע יידישקייט, לויט זייער אייגענעם באַנעם.

אַמאָל איז די רעליגיע געווען אַן איינדייטיקע מויער. עס איז גע־ווען אַן איין־איינציקער „שולחן ערוך" לויט וועלכן עס האָבן געלעבט אויף דעם זעלבן שטייגער, פון אינדערפרי ביזן זיך לייגן שלאָפן, אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, יידן פון רוסלאַנד און צפון־אַפריקע, פון דייטש־לאַנד און פון תימן. היינט איז די מויער איינגעפאַלן. פאַראַן פאַרשידע־נע אינטערפּרעטאַציעס פון רעליגיעזן און אין ישוב פון די פאַראייניקטע שטאַטן —דער גרעסטער אויף דער וועלט — זענען שוין אָפיציעל דאָ דריי וועגן: דער אָרטאָדאָקסישער, דער קאָנסערוואַטיווער און דער רע־פאָרמיסטישער. זייער אַ קליינע טייל פון פאָלק היט שוין אָפּ טאָג־טעג־לעך די טראַדיציאָנעלע מנהגים.

עס איז היינט נייטיק צו קענען אויפהאַלטן ניט נאָר די „געאייניקט־קייט אין דער צעשפּרייטקייט", ווי עס האָט אַמאָל פּראָקלאַמירט אַ מנ־היג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס (דר. י. ל. קובאָווי?), נייערט עפּעס נאָך שווערערס — די „געאייניקטקייט אין דער צעשפּליטערקייט". עס זענען אויפגעקומען אַן אַ שיעור פילאָזאָפישע אינטערפּרעטאַציעס פון יידישן מהות.

אָבער אויך די יידישע וועלטלעכקייט איז אַנדערש ווי ביי אַלע פעלקער און —זי האָט ווי אַ שטיק קרישטאָל געפּלאַצט אויף אַן אַ שיעור „וועלטלעכקייטן". עס איז דעריבער היינט ניט פאַראַן אויף דער וועלט קיין איין יידישקייט, ווי עס איז דאָ איין יידיש פאָלק. עס איז געבליבן איין יידיש פאָלק אָבער מיט אַסך יידישקייטן.

נאָך רעליגיע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט „אַ צווייטע מויער" פאַרן אויפהאַלטן יידישע אייגנאַרטיקייט דאָס פאַרמאָגן אַן אייגענע שפּראַך פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן.

יידן האָבן שטענדיק, אָדער אין די מערסטע תקופות פון זייער געשיכטע, געהאַט און זיך באַנוצט מיט דריי שפּראַכן: די שפּראַך פון הערשנדיקן פאָלק אין ארץ ישראל, ווען זיי זענען אין זייער אייגן לאַנד ניט

געווען אומאָפּהענגיק, אָדער די שפּראַך פון לאַנד אין וועלכן זיי האָבן געלעבט. די צווייטע און אייביקע שפּראַך: עברית, העברעיש, די שפּראַך פון תנ"ך, פון די תפלות, די שפּראַך פון צונויפרייידן זיך מיט גאָט. און עס איז כמעט שטענדיק געווען אַ דריטע שפּראַך — די שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס איז געווען די אמתע שאַלעכץ, די מושל אין וועלכן עס איז געווען איינגעהילט דאָס לעבן פון דער יידישער מאַסע, דאָס לעבן פון דער יידישער היים; די שפּראַך וואָס איז געווען אַ מחיצה צווישן ייד און ניט־יידישן אַרום. די שפּראַך פון טאָג־טעגלעכקייט, פון פּראָזאישן לעבן, אָבער פון נאַציאָנאַלער אינטימיטעט. אַזוי האָבן יידן אַמאָל פאַרמאָגט לאַטיין, די שפּראַך פון רוימישן אָקופּאַנט. עברית און אַראַמעיש, אויף וועלכן עס זענען געשאַפן געוואָרן מאָנומענטאַלע ווערק, לויט וועלכע דאָס פאָלק האָט זיך אָריענטירט במשך לאַנגע יאָרהונדערטן; שפּעטער האָבן יידן גערעדט שפּאַניש, עברית און אַראַביש; די לעצטע — אַלס די שפּראַך פון „אין דער מיט"; און נאָך שפּעטער האָבן יידן געהאַט אַ דריטע שפּראַך פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן: די אַרויסגעטריבע־נע פון שפּאַניע האָבן חוץ עברית און גריכיש, אָדער טערקיש אָדער בול־גאַריש, געהאַט „לאַדינאָ"; און די גרעסטע טייל פון פאָלק האָט חוץ עברית און רוסיש, אָדער פּויליש, אָדער רומעניש, געהאַט יידיש.

אָט די „דריטע" שפּראַך איז אייגנטלעך געווען די שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן און זי האָט אויפגעהאַלטן די יידישע פּערזענלעכ־קייט. זי האָט אויך געהאָלפן אויפהאַלטן און אָפּהיטן העברעיש ביים פאָלק, ווייל זי האָט שטענדיק פאַרמאָגט אין זיך העברעישע עלעמענטן. היינט שטייט דאָס פאָלק פאַר דער געפאַר צו פאַרלירן זיין טאָג־טעגלעכע, אייגענע שפּראַך. אַ שפּראַך וואָס זאָל דאָס פאָלק האַלטן אין אַן אינ־טימיטעט־מחיצה, צווישן די פאַרפלייצנדיקע ניט־יידישע שפּראַכן פון אַרום, וואָס טראָגן־ביי צו פאַרשלינגונג און אַנט־יידישונג.

שפּראַכן ביי יידן

אָבער דאָ איז נייטיק צו געבן אַ ברייטערן איבערבליק וועגן דער פראַגע פון שפּראַכן ביי יידן, אַביסל אויספירלעכער.

— איך וועל ניט אָנהייבן פון טויזנטער יאָר צוריק, ווען דאָס פאָלק האָט חוץ עברית גערעדט און געשאַפן אויך אויף אַראַמעיש. כ'וועל זיך באַגרענעצן נאָר אויף דער לעצטער צייט.

ביז 1914 זענען געווען צוויי גרויסע יידישע צענטערן אויף דער וועלט: מזרח־אייראָפּע —רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע — און די פּאַריי־ניקטע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע מיט ניו־יאָרק בראש.

אין מזרח־אייראָפּע האָט מען לויט אַ טויזנטער־יעריקער טראַדיציע געלערנט העברעיש — לשון־קודש; אָבער זינט יאָרהונדערטן האָט מען גערעדט יידיש.

יידיש איז אַ שפּראַך וואָס זאָגט עדות אויף יידישער שעפערישקייט. דאָס יידישע פּאָלק האָט די דאָזיקע שפּראַך געשאַפן אויף זיין וואַנדער־וועג, אָנהייבנדיק מיט אַן ערך טויזנט יאָר צוריק. דאָס דאָזיקע לשון באַשטייט פון אַ 70 פּראָצ. עלעמענטן פון דעם דייטש פון טויזנט יאָר צוריק (פון דעם זעלבן, פון וועלכן עס האָט זיך אָפּגעצווייגט ענגליש); פון אַ 25 פּראָצ. העברעישע עלעמענטן און דאָס איבעריקע — סלאַוויז־מען און אפילו לאַטייניש עלעמענטן, מיטגעבראַכטע פון איטאַליע. דאָס דאָזיקע לשון האָט דורכגעמאַכט אַן איבעראַשנדיק־גיכע אַנטוויקלונג אונאין אַ רעלאַטיוו קורצער צייט פון די לעצטע 150 יאָר דערגרייכט די העכסטע און ראַפינירטסטע גראַדן פון קינסטלערישער אויסדרוק־מעגלעכקייט. יידישע ליטעראַטור איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע וועלט־שפּראַכן, אַריינגערעכנט בינעזיש און עספּעראַנטאָ. יידישע פּאָע־זיע איז אי צאַרט אי פול מיט זין. פּאַראַן הונדערטער יידישע שריי־בערס און פּאָעטן פון אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ, לויט אוניווערסאַלע מאָסן. קלאַסיקער און ווייטערדיקע דורות; יונגע, יינגערע און יינגסטע; דער גרויסער ווערטער־בוך פון דער יידישער שפּראַך וואָס ווערט איצט געדרוקט אין ניו־יאָרק, נעמט אַרום צוויי הונדערט טויזנט יידישע אייגסן. אין דער צייט פון העכסטן אויפבלי פון דער יידישער שפּראַך, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, האָבן יידישע לינגוויסטן אין פּוילן און אין רוסלאַנד, געשאַפן טערמינאָלאָגיעס אויף יידיש פאַר אַזעלכע געביטן ווי באָטאַניק, זאָאָלאָגיע און אַנד. די אינסטיטוציע וואָס איז במקום אַן אַקאַדעמיע פון דער יידישער שפּראַך, דער „יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט", — קורץ— „ייוואָ" — איז געגרינדעט געוואָרן אין 1925 אין ווילנע און איז היינט אין ניו־יאָרק.

נישטאָ קיין שפּראַך וואָס מע זאָל זי האָבן אַזויפיל געליבט און באַליידיקט ווי יידיש.

צווישן די אַכצן ענטפערס אויף דער פראַגע „פאַרוואָס יידיש?" — האָט דער שרייבער און דיכטער מלך ראַוויטש איינעם אַזאַ ענטפער:

„ווייל יידיש איז א לשון פון שלום און ליבשאפט צווישן אלע יידן און ליבשאפט און שלום צווישן אלע פעלקער". קלינגט דאס אייך ניט אנא-כראניש? און ווייל עס קלינגט אנאכראניש מער ווי איין יידן, האט א העברעישער פובליציסט אין מדינת ישראל, אבא אחימאיר, זיך אויס־געדריקט: „מיט יידיש גייט מען קיין אוישוויץ". דאס האט איר די „פרע־מיע" פאר זיין א שפראך „פון ליבשאפט און שלום". צו וועמען האבן טענות פאר דעם?...

פאר מיר איז יידיש אבער נאך עפעס. יידיש איז פאר מיר די שפראך וואס האט איבערגענומען דעם גלויבן אין גייסט און אין דער קראפט פון גייסט. גלויבן אין דעם וואס מוז ניט באווייזן ווערן מאטע־ריעל און גלייבן, אומאפהענגיק פון דעם צי עס לוינט זיך יא אדער ניט מאטעריעל.

1.600 יאר פאר סארמיענטאן, וועלכער האט אויפגעשריבן אויף א שטיין: „בארבארן, קיין אידעען דערמארדעט מען ניט!", האבן יידן —מיט דער ריזיקע פארברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט דורך די רוימער, געלערנט תורה מיט זייערע קינדער. און ווען מע האט איינעם אזא רבי, חנינא בן תרדיון, בעת ער האט געהאלטן אין פארברענט ווערן, גע־פרעגט: "וואס זעסטו?", האט ער געענטפערט: „איך זע פארמעט וואס ווערט פארברענט און אותיות שוועבן אין דער לופטן". אט דער גלויבן אין דער קראפט פון אותיות וואס לעבן־איבער — דאס איז פאר מיר יידישקייט. און אט די יידישקייט האט איבערגענומען די שפראך יידיש.

נאך עפעס: יידיש לערנט ליב צו האבן יעדן יידן אומקאנדיציאנעל. נישטא קיין ווארט וואס זאל האבן געשריבן געווארן אויף יידיש, וואס דער שרייבער גופא אדער אנדערע יידיש־לייענדיקע זאלן וועלן פארמיידן, אז דאס זאלן ניט לייענען יידן אין מדינת ישראל. העברעיש, עברית, וואס איז במשך קארגע צוויי טויזנט יאר געוועזן א שפראך פון בוך און ניט קיין גערעדט לשון, האט אנגעהויבן אויפגעלעבט צו ווערן זינט סוף פאריקן יארהונדערט. אפילו ביז 1917, זענען שוין אין מזרח־אייראפע געוועז, זייט ביי זייט מיט א פרעסע און פארלאג־וועזן אויף יידיש, אויך א פרעסע און פארלאג־וועזן אויף העברעיש. דאס אלץ אן א מלוכהשן באדן אונטער זיך און נאר ווי אן אויסדרוק פון דער נאציאנאלער גייס־טיקער לעבנס־קראפט פון די יידישע מאסן.

נאך 1917, מיט דעם שאל פון דער באלפור־דעקלאראציע, איז העברעיש געווארן די שפראך פון דער „יידישער מדינה אונטערוועגס"

— ד"ה פון דעם אויפבליענדיקן ישוב אין ארץ ישראל. זי האָט שוין באַקומען אַ כמעט מלוכהשן אָנשפּאַר אין דער נאַציאָנאַל־רענעסאַנסי־שער באַוועגונג און איר אַנטוויקלונג איז אַוועק מיט אַזעלכע ריזיקע שריט וואָס האָבן ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט. עס איז געקומען אַזאַ באַנייונג וואָס איז גלייך צום פאַרוואַנדלען אַ בוך־שפּראַך אין אַ מאַסנהאַפט גערעדט לשון, ווי יעדער נאַטירלעך־לעבעדיקע שפּראַך.

אין דעם זעלבן יאָר 1917 איז דער גרויסער יידישער ישוב פון רוסלאַנד אָפּגעריסן געוואָרן פון וועלט־יידנטום און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „צענטער" פאַר זיך. צו ערשט האָט די סאָוועטישע רעגירונג לגמרי פאַרבאָטן די העברעישע שפּראַך. דאָס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַרן דאָרטיקן יידנטום, ווייל פאַרן מזרח־אייראָפּעיִשן יידן זענען זינט יאָר־הונדערטן געווען אָרגאַניש־נאַטירלעך אייגןביידע לשונות. שפּעטער איז דאָרט געקומען אַ גזרה אומצוברענגען די יידישע קולטור אויך אויף יידיש און דעם 12־טן אויגוסט 1952 זענען דערמאָרדעט געוואָרן צענד־ליקער יידיש ־ שרייבערס און פּאָעטן. מע האָט אינגאַנצן פאַרבאָטן יידישע צייטונגען, שולן און פאַרלאַגן. היינט דערשיינט דאָרט איין־און־איינציקער חודש־זשורנאַל אויף יידיש, וואָס איז לכל הדעות ניט גענוג פאַר אַ דריי־מיליאָניקן ישוב. אייגנטלעך קומט דאָרט פאַר אַ גייסטיקער גענאָסיד איבער יידן און יידיש.

אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע —פּוילן, ליטע, רומעניע— ווי

אויך אין פראַנקרייך, בעלגיע און ענגלאַנד, האָט יידיש זיך ווייטער אַנט־וויקלט און געבליט ביז 1939, פּונקט ווי עס איז היינט פריי זיך צו אַנטוויקלען צוזאַמען מיט העברעיש אין צפון־אַמעריקע.

אין טערקיי, גריכנלאַנד, בולגאַריע, ארץ ישראל און פאַרייניקטע שטאַטן זענען געווען קאָמפּאַקטע יידישע קיבוצים, וואָס האָבן חוץ עב־רית געהאַט אַ צווייטע שפּראַך — אַ מאַמע־לשון — „לאַדינאָ"; אַ שפּראַך וואָס איז צונויפגעשמאָלצן געוואָרן פון שפּאַניש פון 15־טן יאָר־הונדערט, העברעיש און אַנדערע עלעמענטן. די דאָזיקע שפּראַך האָט זיך ניט באַוויזן צו אַנטוויקלען, אין כמות און אין איכות, צו אַזאַ לי־טעראַטור ווי אויף יידיש, אָבער זי האָט געהאַט אַ ריי יידישע צייטונגען און דער עיקר — זי איז געווען די שפּראַך פון היים־אינטימיטעט און פון נאַציאָנאַלער אינטימיטעט. זי האָט אין די דערמאָנטע לענדער מיט

זיך פֿאַרגעשטעלט דעם אויסדרוק־אינסטרומענט פֿון די ייִדישע מאַסן. אויף דער דאָזיקער שפּראַך האָט מען געשאַפֿן וויג־לידער און ליבע־לידער; פֿאָלקס־ווערטלעך וואָס זענען דורכגעזאַפּט מיט הומאָר און סאַטירע.

אין די קרעמאַטאָריעס פֿון אוישוויץ האָט דער דייטשישער מאָנסטער פֿאַרברענט די ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן פֿון פּוילן, פֿון ליטע און לעטלאַנד; אַ גרויסער טייל פֿון פֿראַנקרייך און בעלגיע און אויסגעהרגעט אָדער לעבעדיקערהייט באַגראָבן אַ גרויסע טייל פֿון רומענישע, אונגאַרישע און רוסישע ייִדן, וועמענס לשון זינט לאַנגע דורות איז געווען ייִדיש; אָבער אין אוישוויצער קרעמאַטאָריעס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויך די לאַדינאָ־רעדנדיקע ייִדן פֿון גריכנלאַנד און בולגאַריע. ביידע לשונות, ייִדיש און לאַדינאָ, האָבן דערמיט געכאַפּט אַ שווידערלעכן קלאַפּ.

ספֿרדישע ייִדן, וועלכע לעבן הײַנט אין לאַטײַן־אַמעריקע פֿאַרגעסן לאַדינאָ, וואָס האָט זיי אויפֿגעהיט אַלס ייִדן במשך יאָרהונדערטן. עס איז שווער אויפֿצוהאַלטן די שפּראַך, וואָס איז אַזוי ענלעך צו שפּאַניש, אין שפּאַניש־רעדנדיקע לענדער.

אין ענגלאַנד איז שוין לאַנג אַ שפּראַכלעך־אַסימילירטער ישוב. אין פֿראַנקרייך זענען נאָך פֿאַראַן דרײַ טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען און אַ שול־וועזן אויף ביידע לשונות, אַזוי ווי אויך אין בעלגיע.

בלײַבן וואָס שייך ייִדיש די אַמעריקאַנער ישובים און מדינת ישראל.

אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז פֿאַראַן אַ טעגלעכע ייִדישע פּרעסע און אַ פּאָר הונדערט טויזנט לייענערס. פֿאַראַן דאָרט אויך פּריוואַטישע אויסגאַבעס אויף ייִדיש און עברית; פֿאַרלאַגן און שולן אויף ביידע שפּראַכן. עס לערנען עברית און ייִדיש הן וועלטלעכע, הן רעליגיעזע, וועלכע רעדן ייִדיש און ביים לערנען תּלמוד, זעצן זיי אים איבער אויף ייִדיש. אַזוי, בערך, איז אויך די לאַגע אין קאַנאַדע.

אָבער אַלס שפּראַך פֿון מאַסן און פֿון דער היים — ווערט ייִדיש שוואַכער פֿון טאָג צו טאָג, הגם יעדער ייִד ווייסט, אַז „מיט ייִדיש ווערט מען אין אַמעריקע ניט פֿאַרלוירן".

און דאָך קאָן מען לעצטנס מערקן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַ געוויסן צוריקקער צו ייִדיש, נאָך יאָרצענדליקן שפּראַכלעכער אַסימילאַ-

ציע. דער דאָזיקער אומקער קומט פאַר מער ווי אומעטום אין אַקאַדע־מישע קרייזן. אין איבער אַ צענדליק נאָרד־אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן לערנט מען יידיש. פאַראַן אַפילו ניט־יידן וואָס האָבן געשריבן זייערע דאָקטאָראַט־טעזיסן וועגן יידיש בכלל אָדער וועגן יידישע דיאַלעקטן. אויף דעם געביט האָבן ספּעציעל אַסך אויפגעטאָן צוויי לינגוויסטן, אַ פאָטער מיט אַ זון, ד״ר מאַקס ווײַנרייך און דער יונג־פאַרשטאָרבענער ד״ר אוריאל ווײַנרייך, וואָס האָט נאָך באַוויזן צו זען פאַר זיין פּריצייטיקן טויט די ערשטע קאָרעקטורן פון זיין „מאָדערן — ענגליש־יידיש און יידיש־ענגליש ווערטערבוך". אַזוי ווי יידיש האָט געוויסע געמיינזאַמע וואָרצלען מיט ענגליש, איז אַן ענגליש־רעדנדיקן קינד אָדער יונגט־לעכן יידיש ווייניקער פרעמד - קלינגענדיק און לייכטער צום אַרויס־רעדן אויך.

אַנדערע שטריכן פאַרמאָגט די לאַגע אין לאַטיין־אַמעריקע און ספּעציעל אין דרום.

דער וויכטיקסטער און נומעריש־גרעסטער ישוב איז אין אַרגענ־טינע. אין בוענאָס איירעס זענען פאַראַן צוויי פון די גרעסטע טעגלעכע צייטונגען אויף יידיש אין דער וועלט; עס זענען פאַראַן שולן, אין וועל־כע מע לערנט חוץ העברעיש אויך יידיש. עס איז, פאַר אַלעמען, פאַ־ראַן אַ מאַסע וואָס פאַרשטייט, רעדט און לייענט יידיש. אַ באַראַקטערים־טישער פּרט: אָנהייב 1969 איז אין בוענאָס איירעס געגאַנגען אַן אָנאָנס אין די יידישע צייטונגען, דורך וועלכן די דאָרטיקע יידישע קהלה — „אַמיא" — האָט געזוכט קאַנדידאַטן פאַר טיר־היטערס און ליפט־פי־רערס: די קאַנדידאַטן האָבן חוץ שפּאַניש באַדאַרפט קענען אויך יידיש און העברעיש. אָבער הגם אין טאָג־טעגלעכן לעבן פאַרמאָגט נאָך יידיש אין בוענאָס איירעס מער אָנהאַלט ווי אין אַסך ישובים אויף דער וועלט, איז אין דאָרטיקן דערציִונגס-וועזן פאַראַן אַ טענדענץ קעגן יידיש, פּונקט ווי אַזאַ טענדענץ איז פאַראַן אויך אין אורוגוויי. שוין אָפּגערעדט פון קלענערע יידישע ישובים אין דרום־אַמעריקע, וווּ יידיש איז שוין גענצ־לעך אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דערציִונגס־וועזן.

די דאָזיקע טענדענץ קומט פון אַ פּאָר מקורות: דאָס פאַרשווינדן פון אַן אימיגראַציע פון יידיש־רעדנדיקע יידן; דער דור פון דאָ געבוי־רענע, האָט שוין איינגעזאַפּט ווייניקער יידיש, זעט ניט קיין זין צו לערנען יידיש, ווייל עס איז ניט די שפּראַך פון קיין מלוכה און מע קען דערפון נאָרניט האָבן פּראַקטיש; דאָס וועלטלעכע יידישע שול־וועזן

אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער האָט זיך בעיקר צעבליט ערשט אין די לעצטע 20־25 יאָר, ד"ה אונטערן צייכן פון אויפקום פון מדינת יש־ראל, ווו די אָפיציעלע שפּראַך איז העברעיש, אַזוי אַז דער דאָזיקער דור וואָס דענקט, זעט אויס, נאָר אין תכלית-באַגריפן, זעט ניט קיין זין צו לערנען יידיש, וואָס איז ניט תכליתדיק, ניט ווי שפּאַניש און ניט ווי העברעיש. אַ פראַנצויזישער קעניג האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „אַ מענטש פאַרמאָגט אַזויפיל נשמות וויפל שפּראַכן ער קען". דער היינ־טיקער דור עלטערן פון יידישע קינדער אין שול-עלטער זאָרגט זיך אַז די קינדער זאָלן קענען ענגליש און פראַנצויזיש, נאָר גראָד יידיש ניט. עס גייט אים ניט אָן די שפּראַך אין וועלכער עס זענען געקומען צום אויסדרוק במשך די לעצטע יאָרהונדערטן דער טרויער און דער אומצע־שטערלעכער גלויבן פון פאָלק; דער הומאָר און די סאַטירע; דאָס גע־וויין און דער שמייכל פון יידישע מאַסן. גראָד דאָס האַלטן זיי ניט פאַר נייטיק דערמיט באַקאַנט צו מאַכן די קינדער. אַז מיט יידיש קען מען בעסער דערקענען און דערפילן דאָס יידישע לעבן און די יידישע נשמה במשך די לעצטע יאָרהונדערטן און אַזוי אַרום בעסער ליב האָבן דאָס אייגענע פאָלק — דאָס „אַפּעלירט" ניט צו היינטיקן רייפן דור אין דרום־אַמעריקע. אין מעקסיקע, צום ביישפּיל, ווו דאָס יידישע שול-וועזן איז עלטער (פון די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן) לערנט מען אַסך מער יידיש ווי אין דרום-אַמעריקע.

מיר קומען צו דער פראַגע פון יידישע לשונות אין ארץ ישראל. ווען מע פאַרגלייכט דאָ די לאַגע מיט דער שטעלונג באַקומט זיך אַ פּאַראַדאָקס.

די אָפיציעלע שפּראַך פון לאַנד איז דער באַנייטער העברעיש. עס רעדט אים יעדער ייד — פון קינדער־גאָרטן ביזן גענעראַל אין דער אַר־מיי. איך רעכן דאָ ניט אַריין דעם מלוכה־פּרעזידענט, ווייל ווי אַלע זיי־נע פאָרגייערס איז ער אַ געבוירענער אין חוץ־לארץ און רעדט אויך יידיש, בעת „דאָס קינד פון קינדערגאָרטן און דער גענעראַל" רעדן נאָר עברית און יידיש איז זיי אַבסאָלוט פרעמד.

אין לאַנד דערשיינען חוץ העברעישע צייטונגען אויך צייטונגען אויף פאַרשידענע שפּראַכן פון דער וועלט, אָפּהענגיק לויט דער צאָל עולים פון אַ לאַנד — אַסך רומעניש, פּויליש, אונגאַריש און אַנדערע. און עס איז פאַראַן אויך אַ טעגלעכע יידישע פּרעסע, וואָס האָט

אסך אבאַנענטן. אין די לעצטע יאָרן דערשיינט אין מדינת ישראל די גרעסטע צאָל ביכער אויף יידיש, אין פאַרגלייך מיט נאָרד־אַמעריקע צי אַנדערע לענדער. טעאַטער אויף יידיש איז אין דער מדינה אין אַ בעסערער לאַגע ווי אומעטום. מע לערנט יידיש אין העברעישן אוניווערסיטעט. דער מלוכה־פּרעזידענט, זלמן שזר, איז אַן עסייאיסט אויף עברית און אַ פּאָעט אויף יידיש. יונגע זינגערינס זינגען יידישע פאָלקס־לידער און זייערע פּלאַטן פאַרקויפן זיך זייער. מע קען אויסרעכענען נאָך און נאָך אַזעלכע פאַקטן. און איך וועל עס אפשר טאָן ווייטער. אָבער די אַלע פּאָזיטיווע פאַקטן זענען ניט קיין סתירה צו דעם, אַז די אינסטאַנצן אין מדינת ישראל וואָס האָבן אַ דעה אויף דעם חנוך אין די תפוצות זאָלן זאָרגן אויסשליסלעך פאַר עברית, אפילו אויפן חשבון פון נאָך אָרגאַניש־לעבעדיקן יידיש.

אַנשטאָט יידיש, די שפּראַך וואָס ערב 1939 האָבן אויף איר גערעדט אַ צוועלף מיליאָן יידן אויף אַלע פינף קאָנטינענטן, ווילן היינט די מנהיגים פון מדינת ישראל, אַז די טאָג־טעגלעכע שפּראַך פון די יידישע מאַסן אויף דער וועלט, זאָל זיין ־ ביי ־ זייט מיט דער לאַנד־שפּראַך, ווערן העברעיש. טעאָרעטיש איז פאַר דעם פאַראַן איין אַרגומענט: ווען יידיש אָדער לאַדינאָ זענען געווען די שפּראַכן פון יידישע מאַסן, איז נאָך ניט געווען קיין יידישע מדינה וואָס האָט געקאָנט אויסשטראַלן אַ גערעדטן העברעיש פאַר די תפוצות; היינט איז יאָ פאַראַן דער דאָזיקער מעכטיקער פאַקטאָר. אָבער עס איז אַ פראַגע צי דאָס קאָן געטאָן ווערן קינסטלעך און נאָך ווייניקער — פון היינט אויף מאָרגן. לאַדינאָ אָדער יידיש האָט דאָס פאָלק אליין געשאַפן; זיי זענען ארויסגעוואַקסן פון פאָלק, פון זיינע גייסטיק־שעפערישע טיפעניש און פון זיינע באַדערפעניש. זיי זענען אויפגעקומען אָרגאַניש און ניט דורך ביכער. פריער זענען געווען די שפּראַכן און דערנאָך זענען געקומען די ביכער ביז ראַפינירטער ליטעראַטור. העברעיש דאַרף „איינגעמען" מיליאָנען מיט „טויזנטער באַזישע ווערטער". דאָס איז אַ שרעקלעך לאַנגער וועג. און ביז אָט דאָס וועט ווערן עפּעס אָרגאַנישעס ביי מאַסן — און דאָס וועט מען וויסן אין הונדערטער יאָרן ארום — ווערט דערווייל ארויסגעשטויסן יידיש פון זיינע לעצטע נאָך — אָרגאַנישע פּאָזיציעס.

איציק ווײַנשענקער

אין אורוגוויי

— וויפל יידן זענען דאָ אין אורוגוויי?

— קיין גענויע סטאַטיסטיקעס זענען ניט פאַראַן. אָבער מע שאַצט, אַז אין אורוגוויי זענען פאַראַן אַן ערך פופציק טויזנט יידן.

— דער רוב זענען אימיגראַנטן?

— ניין. היינט איז שוין דער רוב אורוגווייער יידן — הי־געבוי־רענע. דאָס איז דערפאַר ווייל שוין אַ לענגערע צייט וואָס עס איז כמעט אָדער בכלל ניט פאַראַן קיין אימיגראַציע פון יידן אין לאַנד.

— ווען און פון וואַנען זענען אַהער געקומען די מערסטע יידן?

— מע גלויבט, אַז סוף פאַריקן יאָרהונדערט זענען שוין דאָ געווען יידן. קיין באַווייזן זענען דערויף ניט פאַראַן. אָבער עס זאָלן האָבן גע־קומען אַהער יידן פון אַרגענטינע. איינס איז זיכער: פון יענע יידן, וואָס זענען דאָ עווענטועל געווען, אונטערן נאָמען „פאָרטוגעזן", אין דער צייט ווען דאָס לאַנד איז נאָך געווען אַ קאָלאָניע, פון זיי איז קיין זכר ניט געבליבן. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער לאָקאַלער באַפעלקע־רונג. עס איז באַוווסט, אַז אין 1904 זענען שוין דאָ געווען געציילטע יידישע משפחות, וואָס זענען אַהער געקומען פון אַרגענטינע. אין יענע פריע צייטן זענען אַהער געקומען אויך יידן פון בראַזיל. די ערשטע יידן, דירעקט מעבר לים, זענען געקומען אין 1907. איינער פון זיי — פון רומעניע, דער צווייטער — פון טערקיי. ביידע זענען געווען פיאָנערן פון אָרגאַניזירטן יידישן לעבן אין לאַנד.

די גרעסטע כוואַליע פון יידישער אימיגראַציע איז אַהער געקומען אין די צוואַנציקער יאָרן. דאָס זענען געווען יידן פון פוילן, רומעניע, ליטע, נאָך דעם וואָס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געהאַט גע־קומען אַ געוויסע צאָל פון רוסלאַנד. אָנהייב דרייסיקער און ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אויך געקומען יידן פון דייטשלאַנד, עסט־רייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן. און אין די אַלע צייטן זענען פאַראַ־לעל געקומען אויך יידן פון טערקיי. עס איז אינטערעסאַנט, אַז די מער־סטע יידן פון טערקיי שטאַמען פון דער שטאָט איזמיר, ווו עס איז פאַ־ראַן אַן אַלטער, היסטאָרישער יידישער ישוב.

— וועלכע זענען די הויפּט־שטריכן פון דער אָרגאַניזירטקייט ביי די היגע יידן?

— די יידישע אָרגאַניזירטקייט איז זייער אַ צעצווייגטע. ביים

צווייטן דור — דאָס הייסט ביי די יידן וואָס זענען שוין דאָ געבוירן געוואָרן — איז פאַראַן אַ טענדענץ די דאָזיקע צעצווייגטקייט צו רעדוצירן. היינט זענען פאַראַן עטלעכע צענדליק יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין מאָנטעווידעאָ.

— און אין דער פּראָווינץ?

— אַנדערש ווי אין אסך אַנדערע לענדער, וווינען די מערסטע אורוגווייער יידן אין דער הויפּטשטאָט. יידישע פאַריינען זענען פאַראַן נאָר אין פּאַיסאַנדו און אין ראָטשאַ.

—ווען האָבן יידן זיך דאָ אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן?

— אין 1909 האָט זיך געגרינדעט די ערשטע יידישע אינסטיטוציע, „עזרה", פאַר קעגנזייטיקער הילף. די סטאַטוטן זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1911 אין בוענאָס איירעס, ווייל דאָ איז נאָך ניט געווען קיין יידישע דרוקעריי. די אינסטיטוציע איז באַשטאַנען פון עטלעכע און צוואַנציק מיטגלידער. אַלע — ניט קיין פאַרהייראַטע. אין איינעם פון די פּונקטן פון די סטאַטוטן איז געווען אַ תנאי אויפגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד — ניט צו זיין קיין אַנאַרכיסט. דאָס ווייזט וואָס פאַר אַ ווינטן עס האָבן אין יענער צייט געבלאָזן.

— און שפּעטער?

— שפּעטער זענען אויפגעקומען אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענעם כאַראַקטער. עס זענען היינט פאַראַן פיר קהילות, וועלכע זענען פאַראייניקט און צענטראַליזירט אין „יידישן צענטראַל-קאָמיטעט„. במשך די ערשטע צענדליקער יאָרן פון ישוב זענען דאָ געווען און געשפּילט אַ ראָל, ווי אויך אין אַנדערע לענדער, די „לאַנדסמאַנשאַפטן" — אָרגאַניזאַציעס פון אָפּשטאַמיקע פון דער זעלבער שטאָט, געגנט, אָדער לאַנד. עס זענען אויפגעקומען אינסטיטוציעס מיט פילאַנטראָפּישע אויפגאַבעס, וואָס זענען נאָך דאָ ביז היינט; אָרגאַניזאַציעס לויט באַשעפטיקונגען: מעבל-פאַבריקאַנטן, פאַרקויפערס אויף אויסצאָלן; פאַראַן אַ פּאָר יידישע בענק און אויך קולטור-אינסטיטוציעס. גלייך פון אָנהייב זענען געגרינדעט געוואָרן שולן און ציוניסטישע פאַריינען. היינט איז די ציוניסטישע באַוועגונג אַ ברייט צעצווייגטע מיט אָפּטיילן פאַר פרויען און באַזונדערע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס. מיט דער צייט איז אויך אויפגעקומען אַ פּרעסע און ראַדיאָ אויף יידיש. ס'זענען הי אויך דערשינען ביכער אויף יידיש און העברעיש.

— מיט וואָס אונטערשיידן זיך די פיר פאַראַנענע יידישע קהילות?

— די גרעסטע קהלה איז אין דעם מאָמענט די וואָס אויף דוראַזנאָ 1118 און וואָס בויט איר נייעם בנין אויף קאַנעלאָנעס, צווישן ריאָ נעגראָ און פּאַראַגוויי. דאָס זענען די יידן פון מזרח־אייראָפּע. די גרינ־דערס פון דער דאָזיקער קהלה זענען אַלע געווען יידיש־רעדנדיקע. דאָס איז געווען זייער אַלגעמיינער באַצייכענער. זיי זענען נאָך היינט דער רוב פון ישוב. זייערע קינדער, די הי־געבוירענע, רעדן שוין וואָס אַמאָל ווייניקער יידיש און צווישן זיי און קינדער פון אַנדערע יידן איז נישטאָ קיין שום וועזנטלעכער חילוק. זיי זענען שוין אורוגווייער, וואָס דאַרפן אין אַסך פאַלן, זיך אַליין אויפקלערן מיט וואָס זיי זענען יידן. ביי אַר־מעניער, צ״ב, איז דאָס באַהערשן אַרמעניש אַ הויפּט־אַטריבוט פון אַר־מענישקייט. אַזוי איז אויך אַמאָל געווען ביי די יידן וואָס רופן זיך — ניט אינגאַנצן מיט רעכט — „אַשכנזישע". היינט איז עס מער ניט אַזוי. זיי האָבן פאַרלוירן דעם דאָזיקע הויפּט-סימן פון אַן אייגענער שפּראַך.

— פאַרוואָס רופן זיך די אַשכנזים „ניט אינגאַנצן מיט רעכט" אַזוי?

— ווייל די באַצייכענונג „אַשכנזים" געהער צו אַלע יידן, וועמענס אור-אור־עלטערן האָבן גאָר אַמאָל, מיט טויזנט יאָר צוריק געלעבט אין דייטשלאַנד. „אַשכנז" איז אויף אַמאָליקן העברעיש — דייטשלאַנד. אַזוי אַז עטימאָלאָגיש זענען „אַשכנזים" אויך די יידן פון די אַנדערע צוויי קהלות, חוץ פון דער ספרדישער.

— וואָס זענען די ספרדים?

— „ספרד" הייסט אויף העברעיש „שפּאַניע". דאָס זענען די אָפּ־שטאַמיקע פון יענע יידן וואָס זענען אין 1492 אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שפּאַניע און זיך צעשפּרייט איבער צפון - אַפריקע, דרום - אייראָפּע (גריכנלאַנד, בולגאַריע, רומעניע) און נאָענטן מזרח — טערקיי, סיריע, לבנון. דער ערשטער דור אימיגראַנטן האָט גערעדט „לאַדינאָ". די דאָ־זיקע קהלה איז אויף דער גאַס בוענאָס איירעס. אין דער צאָל נפשות איז זי באַדייטנדיק קלענער ווי די „אַשכנזישע".

— און די אַנדערע קהלות ווער זענען?

— 1936 איז געגרינדעט געוואָרן די קהלה פון די דייטש - רעדנדיקע יידן, די „נייע יידישע קאָנגרעגאַציע"; יידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און אַמאָל אויך יידן פון פוילן, וואָס האָבן געלעבט אַ פּאָר צענדליק יאָר אין דייטשלאַנד אָדער עסטרייך.

די פּערטע קהלה איז פון יידן וואָס שטאַמען פון אונגאַרן. אַ באַדייטנדיקע טייל פון זיי רעדט יידיש, אָבער ניט אַלע. דאָס געמיינזאַמע ביי זיי איז די צוגעבונדנקייט צו דער אונגאַרישער שפּראַך און קולטור. זיי האָבן במשך פון יאָרהונדערטן געלעבט אין אונגאַרן און זיך גענצלעך „אינטעגרירט", חוץ רעליגיעז. עס איז, למשל, אַ פאַקט, אַז אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די אונגאַרישע אַרמיי געווען די איינציקע, וואָס הגם אַן אַליאירטע מיט דייטשלאַנד, האָט זי אין אירע רייען געהאַט יידן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן קעמפן אויפן רוסישן פראָנט אין אונגאַרישע אוניפאָרמען.

— דאָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז בעת די מזרח־אייראָפּעישע יידן האָבן אַלס געמיינזאַמס געהאַט זייער אייגענע שפּראַך, יידיש; און בעת די ספרדישע יידן האָבן אַלס געמיינזאַמס געהאַט זייער אייגענע שפּראַך, לאַדינאָ, איז דאָס געמיינזאַמע ביי די מיטגלידער פון דער „נייער יידישער קאָנגרעגאַציע" אָדער ביי די יידן פון דער אונגאַרישער קהלה — די שפּראַך פון לאַנד פון וואַנען זיי זענען געקומען. דאָס אַלץ — איז גערעדט ביים ערשטן דור. ביי דעם דור הי־געבוירענע ווערט די געמיינזאַמע שפּראַך — שפּאַניש.

— און ווען איז דאָ אויפגעקומען דער ציוניזם?

— דער ציוניזם איז אַהער געקומען צוזאַמען מיט די יידן. אין 1880 ווען יידן אין רוסלאַנד האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי שטרעמונגען לויט דער מיינונג וווּהין מע דאַרף עמיגרירן — קיין פּאַלעסטינע אָדער אַרגענטינע, האָבן עמיגרירט אויך קיין קיין אַרגענטינע יידן מיט פּאַלעסטינע אין הארצן. קיין אַרגענטינע איז פשוט געווען לייכטער. דאָס אייגענע איז געשען מיט יידן וואָס זענען געקומען אַהער. אין 1910 איז למשל אַהער געקומען אַ 14 יאָריק בחור פון רוסלאַנד, אברהם בריזגאַל, וועלכער האָט אין דער עלטער פון 17 יאָר באַוויזן אָפּצונאַרן די ציוניסטישע מנהיגים פון ב. איירעס און ביי זיי זיך איינגעשאַפט אַ „שקל" אַ מין קרעדענציאַל צו קענען ווילן צו אַ ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, הגם אַזאַ קרעדענציאַל ווערט פאַרקויפט נאָר צו 18 יעריקע לכה"פ. און אין 1911 האָט שוין דאָ עקזיסטירט די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „דורשי ציון", וועמענס פּראָטאָקאָל־בוך איז נאָך היינט פאַראַן.

— זענען אַלע ייִדן וואָס זענען אַהער געקומען געווען אַזעלכע ציוניסטן?

—דאָס קען מען ניט זאָגן. עס איז אַ פֿאַקט, אַז ייִדן האָבן געפֿירט מיט זיך אויף זייערע וואַנדער־וועגן די בענקשאַפֿט נאָך ארץ ישראל און די האָפֿענונג, אַז זי וועט אַמאָל אויסגעלייזט ווערן און אַז די פֿאַר־וויסטע ערד וועט ווידער באַלעבט ווערן פֿון ייִדישער האָרעוואַניע און פֿון ייִדישן שווייס. אָבער גלייכצייטיק זענען געווען אַסך ייִדן וואָס זענען באַווירקט געוואָרן פֿון ניט־ייִדישן אַרום און געאַרבעט אין די רייען פֿון די קעמפֿערס פֿון פֿאַרשידענע באַוועגונגען אין זייערע באַטרעפֿנדיקע לענדער. אויך קיין אורוגוויי זענען געקומען ייִדן פֿון לינקע אָרגאַניזאַ־ציעס פֿון פּוילן צי פֿון רומעניע, לענדער וואָס זענען געווען דורכגע־פּרעסן ניט נאָר מיט אַלגעמיינער רעאַקציע, נאָר אויך מיט גיפֿטיקן אַנ־טיסעמיטיזם. אין אַזעלכע לענדער פֿלעג דער ייִד ליידן אי אַלס אַרבע־טער אָדער אָרעמער קרעמער אי אַלס ייִד. עס איז ניט קיין וווּנדער וואָס ביים אָנקומען אין די אַמעריקאַנער לענדער זענען ייִדן געוואָרן אַ מין „הייוון״ אין די אַרבעטער ־ רייען און אין די יונגע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען. פֿאַראַן נאָך היינט אורוגווייער וואָס געדענקען, אַז בעת אַן ער־שטער־מאַי־מאַניפֿעסטאַציע פֿלעגן זיך הערן שטימען „וויוואַ לאַ פּאַר־טידאַ קאָמוניסטאַ״ („זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי״ — אין אַ פֿאַרגרייזטן שפּאַניש), ווייל „פּאַרטיי״ איז הן אויף ייִדיש, הן אויף כּלאָווישע שפּראַכן פֿון וואַנען די ייִדן זענען געקומען — לשון נקבה...

— האָבן ייִדן טאַקע בייגעטראָגן צו די קאַמפֿן פֿון דער היגער אַרבעטערשאַפֿט?

— אָן שום ספֿק. עס מסתּמא רעגיסטרירט געוואָרן אין פֿלוג־בלעט־לעך, אָדער אין ספּעציעלער פּרעסע. מיר האָבן דאָ אַ מין „אַלגעמיינעם אַרכיוו פֿון ישוב״, די אינסטיטוציע „ייוואָ״ וואָס היט אָפּ אַלע פּרעסע־אויסגאַבעס פֿון אַלע יאָרן. קאָן זיין, אַז דאָרט זאָלן זיך געפֿינען דאָקו־מענטן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן אויך דעם אָנטייל פֿון ייִדן אין די קאַמפֿן פֿון דער אורוגווייער אַרבעטערשאַפֿט. אויף יעדן פֿאַל איז דאָך נאָך היינט אויך דאָ אַ צייטונג אויף ייִדיש, וואָס איז אומקאָנדיציאָנעל פֿאַר ראַטנפֿאַרבאַנד, בעת דער רוב ייִדן איז געבונדן מיט די טיפֿענישן פֿון דער נשמה צו ארץ ישראל.

— אַזוי אַז ייִדן זענען דאָ געווען פּראָלעטאַריער?

— ניט נאָר געווען, נאָר זענען נאָך היינט. אָבער פֿאַרשטייט זיך,

אַז די יידישע אַרבעטער זעט מען ניט, ווי מען זעט די יידישע פאַברי־קאַנטן. אוודאי זענען פון זייער אַסך אַרבעטער פון די צוואַנציקער יאָרן געוואָרן בעלי בתים. אָבער ניט נאָר זענען נאָך פאַראַן יידישע אַרבע־טער, נאָר עס איז נאָך פאַראַן יידישע אָרעמשאַפט בכלל. געגוג צו זאָגן, אַז עס זענען נאָך פאַראַן עטלעכע אינסטיטוציעס וואָס גיבן זיך אָפּ מיט סאָציאַלער הילף, ווייל ניט נאָר הערן ניט אויף צו זיין קיין נויט־באַדערפטיקע. נאָר לײדער קומען לעצטנס צו אַלץ נייע. אָבער די קהלות און ספּעציעלע אינסטיטוציעס טוען ווי ווייט מעגלעך צו לינדערן די נויט.

— וואָס הייסט ספּעציעלע אינסטיטוציעס?

— למשל אַן אינסטיטוציע וואָס זאָרגט ספּעציעל פאַר נויטבאַ־דערפטיקע פרויען און באַשטייט אינגאַנצן פון פרויען אַלס מיטגלידע־רינס. אַ צווייטע אינסטיטוציע, אַ יידיש־טראַדיציאָנעלע — ווי אין די „אַלטע אייראָפּעישע היימען" גיט זיך אָפּ אויסשליסלעך מיט חתונה מאַכן אָרעמע מיידלעך, יתומות. זיי באַזאָרגן אויסשטייער, מעבל, כדי זייער אָרעמקייט זאָל ניט זיין קיין שטערונג צום קענען זיך אויפבויען אַ היים.

— אומקערנדיק זיך צו באַשעפטיקונגען: זענען פאַראַן אויך יידן אַגריקולטאָרן?

— יידן זענען במשך יאָרהונדערטן אָפּגעריסן געוואָרן פון דער ערד, מחמת ספּעציעלע געזעצן אין דעם זין אין די אייראָפּעישע לענדער. דאָך האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט די בענקשאַפט פון יידן צו ערד־אַרבעט. ווען אין צאַרישן רוסלאַנד האָט מען יידן ניט נאָר דערלויבט צו האָבן ערד, נאָר מע האָט זיי געהאָלפן זיך קאָלאָניזירן אין דרום־רוסלאַנד, אין קרים, זענען אויפגעקומען צענדליקער יידישע קאָלאָניעס, (מיט העברעישע נעמען — אַגב) און עס איז אַנטשטאַנען אַ שיכט יידי־שע אַגריקולטאָרן אין באַסאַראַביע, אין גאַליציע, אין קאַרפּאַטן־רוס־לאַנד, אין קאַנאַדע און אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

וואָס שייך אורוגוויי זענען דאָ געווען צוויי געזעלשאַפטלעכע פרוון צו שאַפן יידישע קאָלאָניעס. די ערשטע — 17 קמ. ווייט פון דער שטאָט פּאַיסאַנדו, זי איז דערעפנט געוואָרן דעם 19־טן אַפּריל 1914 און טאַקע באַקומען דעם נאָמען „דיעס אי נועווע דע אַבריל". עס זענען געווען אַמערסטן רוסישע און באַסאַראַבער יידן, אַ דרייסיק משפחות, וועלכע זענען געקומען אַהער פון אַ קאָלאָניע אין שכנותדיקן בראַזיל. יעדער

פאמיליע האט דאן באקומען פון דער רעגירונג פּערציק העקטאר ערד, א פּאר אָקסן, זריעה און ארבעט־מכשירים. די ערד האט באדארפט אויס־געצאָלט ווערן אין דרייסיק יאָר. מע האט אויך געדארפט צאָלן פּראָ־צענטן פאר די 93 פעזעס — די פּרייז פון איין העקטאר ערד, פאר דער פּרייז פון די בהמות און ארבעט־מכשירים. קיין וועגן צו דער שטאָט זענען נאָך ניט געווען. וואסער איז נאָך ניט געווען. א הײשעריק איז יאָ געקומען. מע האט געפּרוווט קולטיווירן ווייץ און מאַיס, אבער עס האט ניט געגעבן קיין גוטע רעזולטאטן. קיין סאַנעשניק און מאַני האט מען נאָך דעמאָלט ניט געקאנט הי. די קאָלאָניסטן זענען געגאנגען פון איין דורכפאַל צום צווייטן, ניט געקאנט צאָלן זייערע חובות און ביסלעכווייז געמוזט צוריק אָפּגעבן די פעלדער, זיי פארלאָזן.

אין 1938 איז געווען א צווייטער פּרוּוו פון גרינדן א יידישע קאָ־לאָניע, „טרעס ארבאָלעס" אבער ער איז אויך דורכגעפאלן.

יידן יחידים — אַגריקולטאָרן זענען יאָ פאראן אין א גאָר קליינער מאָס און זיי זענען אַן אמתער ביישפּיל פון עקשנות, אויסדויער און צו־געבונדנקייט צו דער ערד. דאָ איז כדאַי צו ברענגען דעם ביישפּיל פון יעקב זילבער, וועלכער האט אין 1943 זיך באזעצט מיט זיין פרוי און קינדער אין קאָלאָניא ווילסאָן, אויף צען העקטאר ערד. ער און זיין פרוי לעבן שוין היינט ניט. אבער דער איינציקער זון האלט נאָך די צען העקטאר ערד, וו עס איז דאָ א גוטער ווייננגאָרטן, פּרוכט־ביימער, א פּאָר קי. און עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אז עטלעכע און דרייסיק קילאָמעטער פון מאָנטעווידעאָ, האט יעקב און זיין פרוי, שרה־רייזל, ניט נאָר אויסגעהאלטן נויט און הונגער און זיך ניט אונטערגעגעבן, נאָר זיי האבן אויך באוויזן די גאנצע צייט אויפצוהיטן די יידישע רעליגיע, לויטן שטרענג - אָרטאָדאָקסישסטן זין: ניט געאַרבעט שבת, ניט געגעסן קיין פלייש, וואָס איז ניט געקומען פון קיין כשרער שחיטה, קיינמאָל ניט געמישט קיין מילכיקס מיט קיין פליישיקס, אָפּגעהיט אַלע יידישע יום־טובים און טראַדיציעס און זיך נאָך איינגעשאפט א פיינע ביבליאָטעק פון יידישע און אַלגעמיינע ביכער. דער זון, א בינען־ציכטלער און א וועגעטאַריער, ארבעט דאָרט ווייטער און עס לויפט שוין ארום א קליין יאנקעלע, דער דריטער דור יידן אין קאָלאָניע ווילסאָן.

— מיט וואָס באשעפטיקן זיך די מערסטע יידן?

— מיט קאָמערץ און אינדוסטריע. דער צווייטער דור — איז שוין פארטראָטן אין דער שיכט אוניווערסיטעט־פּראָפעסיאָנאַלן. דער דאָזיקער

דור אינטעגרירט זיך שנעל אין אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד. אָבער עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז אין 1949 האָט די היגע „אָרט" - שול דורכגעפירט אַ צענז אויף צוויי געביטן: א) פון וואַנען שטאַמען די על-טערן פון די תלמידים און ב) מיט וואָס באַשעפטיקן זיי זיך. איז אויב לויטן אַפּשטאַם זענען די יידן געווען פון איבער צען לענדער, זענען זיי לויט דער באַשעפטיקונג, געווען פון איבער צוואַנציק פאַרשידענע פראַפעסיעס חוץ געשעפטסלייט — דאָס הייסט בעלי מלאכות און פראָפעסיאָנאַלן. דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אין יענער צייט זענען נאָך געווען אַסך ווייניקער יידישע פּראָפעסיאָנאַלן ווי היינט און אין דער „אָרט"־שולע האָבן געלערנט 90 פּראָצ. יידישע תלמידים, ניט ווי היינט, ווען די צאָל ניט־יידישע תלמידים איז באַדייטנדיק גרעסער.

— און וואָס איז אַזוינס די „אָרט"?

— „אָרט" איז אַן אַלוועלטלעכע יידישע אינסטיטוציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1880 אין צאַרישן רוסלאַנד, כדי צו לערנען יידן מלאכות. אויך אין אורוגוויי איז אין אָנהייב פערציקער יאָרן געשאַפן געוואָרן אַזאַ שול, מיט פאָנדן פון דער צענטראַלע, וואָס איז אין דער שווייץ. היינט לערנט מען דאָרט אפילו עלעקטראָניק און שפּראַכן. און ווי געזאָגט איז דאָרט פאַראַן אַ גרויסע צאָל ניט־יידישע תלמידים.

— אַזוי אַז יידן האָבן דאָ אַמאָל געאַרבעט אַלס פּראָלעטאַריער אין אַ גרעסערער מאָס ווי היינט?

— זייער אַסך יידן זענען געווען בילעטן־פאַרקויפערס אין היגע טראַמווייען; אַסך האָבן געאַרבעט ביים פלאַסטערן די גאַסן אין די צוואַנציקער יאָרן. און פאַראַן יידן, היינטיקע קרעמערס, וואָס האָבן געאַרבעט אַלס שוואַרצאַרבעטער, ווען מע האָט געבויט דעם „פּאַלאַסיאָ סאַל־וואָ".

— וואָס איז געבליבן פון דער אַמאָליקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אָדער פון לינקיזם?

— עס איז קלאָר, אַז די סאָציאַלע ענדערונגען האָבן געווירקט, אין אַ געוויסער מאָס, אויך אידעאָלאָגיש. אָבער היינט איז בכלל דער באַגריף „לינקס" געוואָרן זייער אַ רעלאַטיווער. (פאַרן ראַטנפאַרבאַנד איז לינקס דאָס מצרים, אין וועלכן קאָמוניסטן זיצן אין די תפיסות און עס איז „רעכט" מדינת ישראל, ווו איבער אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג איז אָרגאַניזירט סינדיקאַל און ווו הונדערטער טויזנטער נפשות לעבן

אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, וואָס זענען אייגנווילִיק סאָציאַליסטיש). זענען דעריבער הײַנט דאָ פֿאַראַן ייִדן וואָס זענען סימפּאַטיזאַנטן פֿון דער ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג (הגם זיי אַליין זענען ניט קיין אַרבעטער); אַנדערע וואָס געהערן צו אַן אַמאָליקער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג „בונד" פֿון שטרענג לאָקאַליסטישן כאַראַקטער און אויך דאָ באַטראַכטן זיי זיך נאָענט (און דריקן עס מסתמא אויס ביי וואַלן) צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פֿון ד"ר פֿרוגאָני; און אַנדערע וואָס זענען אָפֿן אָנגעהעריק צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג; עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז עס זאָלן זיך געפֿינען אַ פּאָר ייִדן־טראָצקיסטן, אויך פֿון פֿעקינס שניט.

— מיט וואָס דריקט זיך אויס דער ציוניזם פֿון די אורוגווייער ייִדן?

— פּאָר אַלעמען — מיט עפּעס יעדן טאָג די צייטונג און זען צי עס איז שלום אויף די גרענעצן פֿון מדינת ישׂראל. אין די צוואַנציק יאָר מדינת ישׂראל, האָבן אַהין עמיגרירט אַ פּאָר טויזנט נפֿשות, פֿון וועלכע עס איז צוריקגעקומען אַן ערך צען פּראָצענט.

— וואָס הייסט „אַ פּאָר טויזנט"?

— קאָן זײַן צוויי און קאָן זײַן פֿיר טויזנט. אפֿשר עפּעס מער. מע גלייבט אַז, עס עמיגרירן ניט אַהין אַפֿילו אַזויפֿיל וויפֿל עס באַטרעפֿט דער עודף פֿון די געבוירענע איבער די נפֿטרים. און אַ געוויסע טייל פֿון ישוב גיט יערלעך אַ געוויסע געלט־שטיצע פֿאַר דער מדינה.

—ווי גרויס איז די שטיצע?

— זי איז אַזוי גרויס, אַז אין די יערלעכע באַריכטן פֿון ירושלים פֿיגורירט אַפֿילו גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע ניט צווישן די שורות ווו עס ווערן אויסגערעכנט די בײַטראַגן פּער קאַפּיטאַ. דער עיקר קומען די בײַטראַגן פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן, פֿון ענגלאַנד און פֿון דרום-אַפֿריקע.

— און וואָס הייסט ווייניק?

— קוק: ביי די פּראָטעסטאַנטן, למשל, דאַרף יעדער גלויביקער געבן יערלעך פֿאַר די מיסיאָנערישע אונטערנעמונגען פֿון זײַן סעקטע אָדער פֿאַרן דרוקן און פֿאַרשפּרייטן די ביבל — אַ צענטל פֿון זײַן פֿאַרמעגן, ווי עס שטייט אין חומש — מעשׂר. לאַטיין - אַמעריקאַנער ייִדן (און אַפֿילו די צפֿון - אַמעריקאַנער) גיבן ניט, ניט נאָר קיין מינדעסטן טייל פֿון זייער פֿאַרמעגן, נאָר אַפֿילו ניט קיין חלק פֿון זייערע פֿאַרדינסטן.

— און ווער זענען די עולים?

— די ערשטע צייט זענען עס געווען בעיקר יוגנטלעכע. איצט — שוין ווייניקער יוגנטלעכע. מיט צוואַנציק יאָר צוריק זענען דאָ גע־וועזן דריי הכשרה־פּונקטן. היינט איז נישטאָ אַפילו קיין איינער. איצט פאָרן שוין עלטערן צו קינדער און צו אייניקלעך. אַמאָל עמיצער וואָס עס גייט אים שווערער. אַמאָל אַן אוניווערסיטעט - פּראָפעסיאָנאַל. דער ענטוזיאַזם פון צוואַנציק יאָר צוריק איז זייער אָפּגעפאַלן.

— זענען יידן געוואָרן קאַלט צו מדינת ישראל?

—דאָס קאָן מען ניט זאָגן. אָבער עס ווירקט שוין די אינערציע און צוגעבונדנקייט צו פאַראַנענע פּאָזיציעס און לעבנס־שטייגער דאָ. אָבער ווען עס קומט אַ מלחמה - געפאַר פאַר מדינת ישראל — דעמאָלט טוט זיך די יוגנט אַ וואָרף, ווי מע האָט געקאָנט זען אין יוני 1967.

— זענען פאַראַן אורוגווייער יוגנטלעכע וואָס זענען געפאַלן אין שלאַכטן פאַר מדינת ישראל?

— יאָ. אָנהייבנדיק פון 1948 ביז היינט זענען זעקס אורוגווייער יוגנטלעכע געפאַלן אויף די גרענעצן פון מדינת ישראל. פינף מענער און איין מיידל. אַלע זענען זיי געפאָרן פריוויליק, מיטן אויסנאַם פון איינעם וואָס איז געהאַט געפאָרן אַלס קינד מיט זיינע עלטערן. לעצטנס איז דערהרגעט געוואָרן אַן אורוגווייער יידישער בחור פון אַ טעראָר - אַקט אין ירושלים.

— מיינסטו ניט, אַז אַזאַ מין פאָרן פריוויליק קעמפן און שטאַרבן פאַר מדינת ישראל איז אַן אויסדרוק פון אומלאָיאַליטעט צו אורוגוויי?

— ניין, איך גלייב ניט אַזוי. איך האָב שוין אַסך מאָל געהערט דעם באַגריף „דאָפּלטע לאָיאַליטעט" און די פראַגע וואָס מע שטעלט היגע יידן אין ראַדיאָ אָדער טעלעוויזיע — „וואָס וואָלסטו געטאָן אין פאַל פון אַ מלחמה צווישן אורוגוויי און מדינת ישראל? מיט וועמען וואָלסטו געווען?" — איז קודם - כל כדאי צו וויסן, אַז אַזאַ פראַגע איז גיכער צום אָנווענדן אויף אַרגענטינער אין אורוגוויי און אפשר אויף אַ מיליאָן אורוגווייער אין אַרגענטינע. דאַכט זיך, אַז צווישן צוויי לענ־דער וואָס גרענעצן זיך קאָן גיכער קומען צו אַ מלחמה ווי צווישן צוויי לענדער, צווישן וועלכע עס ליגט ניט נאָר אַן אָקעאַן, נאָר אויך אַ קאָנ־טינענט. וואָס שייך לאָיאַליטעט — גלייב איך ניט אין קיין „דאָפּלטער" צי „דרייפאַכער" לאָיאַליטעט. איך גלייב, אַז לאָיאַליטעט איז נישט עפּעס וואָס לאָזט זיך צעטיילן. לאָיאַליטעט איז אומצעטיילבאַר. עס איז פאַ־

ראַן די לאָיאַליטעט. אויב אַ מענטש איז ערלעך און לאָיאַל בכלל אין זײַן כאַראַקטער — וועט ער קײנעם ניט פאַראַטן און אויב ער קאָן זײַן אומלאָיאַל צו עמיצן, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער זאָל עס זײַן נאָך צו עמיצן. אַ ייד וואָס איז לאָיאַל צו זײַן פיר־טויזנטער יעריקן עבר — וועט בלײַבן לאָיאַל צו זײַן רעלאַטיוו יונגער אורוגווייאַישקייט. און ווער עס וועט פאַראַטן אַן אַנגעהעריקייט פון פיר טויזנט יאָר, גלייב איך ניט צו מען קען זיך פאַרלאָזן אַז ער וועט בלײַבן געטרײַ אַ צוגעבונדנקייט פון פופציק צי זיבעציק יאָר.

— וואָס זענען די מערסטע אורוגווייער יידן רעליגיעז צי וועלטלעך?

— דערצו איז נייטיק פריער צו דעפינירן וואָס עס איז אַזוינס רעליגיעזקייט און וואָס עס איז יידישע וועלטלעכקייט.

— איז דען יידישע וועלטלעכקייט אַנדערש ווי יעדער אַנדערע וועלטלעכקייט?

— כ'גלייב אַז יאָ. אויב ביי ניט־יידן איז וועלטלעכקייט גלייך צו אומרעליגיעזקייט, קאָן דאָס פּאַקטיש ביי יידן ניט זײַן. דער וועלטלעכער ייד — אפילו דער וואָס דערקלערט זיך אַלס אַטעיסט — איז ניט אינגאַנצן פריי פון יידישקייט. און יידישקייט איז אַ צונויפוועב פון רעליגיע, געשיכטע און צוגעבונדנקייט צו ארץ ישראל. כמעט אַלע יידישע ימים־טובים ציען זייער שורש פון געשיכטע, פון תנ״ך און פון אַמאָליקן לעבנס־שטייגער אין ארץ ישראל. אויב ניט קיין פאַרבינדונג מיט לעבנסשטייגער איז ארץ ישראל, איז אין אָנדענק פון חורבן ארץ ישראל צי פון קאַמף פון די מכבים פאַר ארץ ישראל אומאָפּהענגיקייט.

— איז יידישקייט פון אַ ריין עקסקלוסיוויסטישן כאַראַקטער?

— דווקא ניט. נעם נאָר אין אַכט, למשל, דעם כאַראַקטער פון יידישן ניי ־ יאָר. ביי קריסטן איז עס אַ ריין רעליגיעזער כאַראַקטער: דער געבורט פון ישון. ביי מאַכמעדאַנער — ווידער אַ רעליגיעזער כאַראַקטער: מוחמדס אַריבערפאָרן פון מעקאַ קיין מדינה. די העדזשיראַ איז דער אָנהייב פון דער מוסולמענישער עראַ. ביי יידן, וואָס זענען אַלט פיר טויזנט יאָר, בערך, זינט עס האָט געלעבט אברהם אבינו, איז די עראַ 5729 יאָר.— זינט עס איז לויטן חומש באַשאַפן געוואָרן די וועלט. דאָס הייסט, אַז דאָס נייע יאָר, לויט יידן, איז ניט קיין רעליגיעזס אָדער נאַציאָנאַלס און ניט נאָר זייערס. עס איז די אוניווערסאַלע באַנייונג פאַר יעדער אָרגאַניש און אומאָרגאַניש וועזן, פאַר דער בלום און פאַרן שטיין, פאַר יעדן מענטשן פון וועלכער הויט־פאַרב ער זאָל ניט

זיין און ווו ר׳זאָל ניט לעבן. אַ יידן איז דעריבער זייער באַקוועם ערב זיין ניי־יאָר צו באַגריסן מקרב לב אַלע זיינע ניט־יידישע פריינד, ווייל לויט זיין אמונה הייבט זיך דאַן אָן אַ ניי יאָר פאַר אַלע און פאַר אַלעמען.

— איז ווו זשע האַלטן מיר מיט די אורוגווייער יידן?

— כ׳גלייב, אַז זייער אַ גרויסער טייל, מסתמא פופציק פּראָצענט, איז וועלטלעך. אָבער יידיש — וועלטלעך, דאָס הייסט — מע לערנט אין די שולן יידישע געשיכטע וואָס ציט איר שורש פון תנ״ך (אַברהם אבינו — דער ערשטער מאָנאָטעיסט; משה רבנו דער באַפרייער און שעפער פון אַ פאָלק; יהושע וואָס שטעלט אַזוי פּאָעטיש־שיין אָפּ די זון אין גבעון און די לבנה אין טאָל פון אילון...) ס׳פעלט אפילו ניט איין נישט צו מלען די זין; „מע האַלט ניט פון די נאַרישקייטן״, אָבער מע שטעלט אַ חופּה און מע האָט אַן אייגענעם, יידישן בית־עולם...

דאָס איז וועגן די וועלטלעכע. וואָס שייך די רעליגיעזע — זענען פאַראַן פאַרשידענע טיפּן רעליגיעזע. מער און ווייניקער פאַנאַטישע. פאַראַן רעליגיעזע קעגן וועמען איך בין כמעט אַ „גוי״, ווייל איך גיי אַרום אָן אַ היטל און עס אָן אַ היטל און קוק אפילו אַריין אין אַ תנ״ך אָן אַ היטל (אין דער אמתן איז דאָס אָנטאָן אַ היטל נאָר אַ קאַנאָניזירטער מנהג, ווייל עס איז נישטאָ קיין שום רעליגיעזער אָנזאָג דערויף); אָבער דער זעלבער רעליגיעזער וואָס קוקט אַזוי אויף מיר — ווערט באַטראַכט ווי אַ רעליגיעזער פאַרפירער מצד די רעליגיעזע יידן אויף דער גאַס מאַלדאָנאַדאָ און קואַרעים, ווייל ער ראַזירט זיך די באָרד מיט אַן עלעקטרישער מאַשינקע, טראָגט ניט די אַמאָליקע טראַדיציאָנעלע קליידער און... לערנט זיינע קינדער רעדן דעם היינטיקן, ישראלדיקן העברעיש, בעת „העברעיש איז לשון קודש, וואָס מע מעג דערויף נאָר דאַווענען, רעדן מיטן רבונו של עולם, און אין וואָכעדיקן לעבן דאַרף מען רעדן יידיש״.

— זענען אויך אין אורוגווײַ פאַראַן די דריי הויפּט־איינטיילונגען פון די רעליגיעזע יידן, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן: אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמיסטן?

— ניין. אָבער עס הייבט אָן אַריינדרינגען.

דער רוב אָדער אַלע אורוגווייער יידן שטאַמען נאָך פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום און אויב זיי זענען עס ניט אויסגעהאַלטן אָרטאָדאָקסיש אין טאָג־טעגלעכן לעבן, זענען זיי עס אַזוי לכל הפחות „פילאָזאָפיש״ על פּי טראַדיציע און אינערציע. אָבער איך מוז זאָגן, אַז מען מוז האָבן

פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אַלעמען: א) מע טאָר ניט אויסשליסן דאָס רעלי־גיעזע פֿון קינדס דערציִונג. ווען ס׳וועט ווערן עלטער וועט ער אַליין אויס־קלײַבן זײַן וועג, אָבער דער שליסל צו דער ייִדישער רעליגיאָזיטעט און רעליגיעזע איבערלעבונגען דאַרף אים געגעבן ווערן; ב) מע דאַרף רעס־פּעקטירן אַלע רעליגיעזע פֿאָרמען.

— אויף וואָס פֿאַר אַ גרונט זאָגסטו דאָס?

— אין בוענאָס איירעס איז פֿאַראַן אַ באַלערנדיקער פֿאַל: אַ ייִדי־שער שרײַבער, אַ לינקער ציוניסט, האָט געהאַט אַ זון מיט אַ טאָכטער. אַ לינקער ציוניסט מיט דרײַסיק־פֿערציק יאָר צוריק איז געווען מער „וועלטלעך" ווי הײַנט. עס איז אין שטוב ניט געווען קיין סימן פֿון ייִדישער טראַדיציע, פֿון קיין ייִדישן יום־טוב, פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדי־שער פֿײַערלעכקייט; די קינדער, זעט אויס, זענען געבוירן געוואָרן מיט אַ געפֿיל פֿון רעליגיאָזיטעט, פּונקט ווי מע ווערט געבוירן מוזיקאַליש. נאָכן פֿאָטערס טויט האָבן זיך די קינדער געשמדט אויף קאַטויליש און דער זון איז הײַנט אַפֿילו אַ גלח. איז אויב יעדער מענטש קאָן געבוירן ווערן מיט אַ נייגונג צום רעליגיעז־מיסטישן (און דאָס קאָן זיך שאַרף אַרויסווײַזן ערשט ווען ער איז דערוואַקסן) — דאַרף אים אַלס קינד געגעבן ווערן דער שליסל צו דער רעליגיאָזיטעט אין די ראַמען פֿון דער אייגענער פֿאַמיליע, אייגענער סביבה, אייגענעם פֿאָלק.

און אָט האָב איך געהערט און געזען אין ב. איירעס, אויף דער גאַס ליבערטאַד, אַ תּפֿלה פֿון כּל נדרי און דעם חזן האָט באַגלייט אַ געמישטער כאָר פֿון מענער און פֿרויען. ווען מײַן זיידע זעט דאָס, שרײַט ער, אַז עס איז ריינע כּפֿירה; אָבער איך האָב מיר געטראַכט: אויב צו די הערצער פֿון די עטלעכע הונדערט ייִדן וואָס קומען דאַווענען אין דעם טעמפּל קאָן מען צוקומען נאָר מיט אַזאַ מין „שליסל" — טאָ זאָל זײַן אַזאַ שליסל, אַבי די הערצער זאָלן געעפֿנט ווערן פֿאַרן אַרײַנדרינג פֿון ייִדישע געפֿילן פֿון חשבון הנפש, וואָס דאָס איז דאָך די כּוונה פֿון יום כּפּור...

— זענען פֿאַראַן אַסך רעליגיעזע מנהיגים בײַ אורוגווייער ייִדן?

— אין דעם מאָמענט זענען פֿאַראַן פֿיר רבנים; חוץ זיי — שוח־טים, חזנים.

— האָבן די רעליגיעזע אַ גרויסע ווירקונג אויפֿן ישוב?

— כ׳גלויב ניט. ס׳איז אמת, אַז אַפֿילו הי־געבוירענע ייִדן קומען אין שיל אַרײַן ראש השנה און יום כּיפּור. עס איז פֿאַראַן אַ רעליגיעז

שול־וועזן, וואָס דערציט קינדער און יוגנטלעכע צו דאַווענען, אָפּצוהיטן טראַדיציאָנעלע דינים און מנהגים.

— באַקומט די דאָזיקע יוגנט אַ הויך־קולטורעלע יידישע דער־ציונג?

— די יידישע קולטור איז זייער אַן אַלטע. עס זענען ביי יידן פאַראַן שיכטן פון קולטור וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע תקופות. מען קען זיין יידיש־„קולטורעל" לויט פאַרשידענע באַגריפן. וואָס ביי איין יידן קאָן זיין עסענציעל — קאָן ביי אַ צווייטן אויסזען אומבאַדייטנדיק. די רעליגיעזע יידן הי לייגן ניט צופיל אַכט אויף לערנען אָדער פאַר־שטיין יידישע געשיכטע; זיי לערנען אוודאי ווייניק אָדער גאָרניט וועגן היינט־צייטיקן יידנטום אויף דער וועלט; יידישע שפּראַך און יידישע ליטעראַטור — בכלל ניט; דאָס וויכטיקסטע ביי דעם רוב היגע רעליגיעזע יידן זענען די אַלטע און קאַנאָניזירטע טראַדיציעס און מנהגים פון רע־ליגיעזן כאַראַקטער. און ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן זענען אויך ביי די רעליגיעזע פאַראַן צוויי ריכטונגען בנוגע דער שפּראַך: די אולטראַ־רעליגיעזע רעדן צווישן זיך און מיט זייערע קינדער יידיש און לערנען אויף העברעיש אָדער אַראַמעיש — תלמוד און אַנדערע הייליקע ספרים. אָבער די מערהייט באַמיט זיך צו דערציען מיט העברעיש אַלס געַ־רעדטע שפּראַך און שליסט אַבסאָלוט אויס די יידישע שפּראַך.

— און ווי איז אין די וועלטלעכע יידישע שולן?

— אין אַלע, מיטן אויסנאַם פון איינער, לערנט מען יידישע גע־שיכטע, תנ"ך, טראַדיציאָנעלע מנהגים, וועגן יידישע יום טובים און די העברעישע שפּראַך.

— און אין דער איינער, וואָס איז „אַן אויסנאַם"

— דאָס איז די שול אויפן נאָמען פון גרויסן קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, שלום עליכם. אין דער דאָזיקער שול לערנט מען אַלץ וואָס אין די אַנדערע וועלטלעכע שולן, אָבער חוץ דעם אַלעמען — אויך יידישע שפּראַך און ליטעראַטור.

— מיט וואָס דערקלערט זיך דער אונטערשיד?

— ווייל אַלע אַנדערע שולן זוכן צוצופּאַסן זייערע לערן־פּראָגראַ־מען צו די פּראָגראַמען אין די שולן פון מדינת ישראל, וווּ יידיש איז אויסגעשלאָסן.

— און די שלום עליכם־שול איז פּאָליטיש אָדער פילאָזאָפיש ניט קיין פּראָ־מדינת ישראלדיקע?

— זי איז עס אבסאָלוט ניט וויכטיקער ווי אַלע אַנדערע שולן. אַזוי ווי זי איז עלטער פון די אַנדערע, קען זי שוין אָנווייזן אויף אַסך אַבסאָל־ווענטן אירע, וואָס האָבן עולה געווען, ווייל זיי זענען דערצויגן געוואָרן, אַז מע דאַרף מיטבויען און מיטפאַרטיידיקן די יונגע יידישע מדינה. אָבער זי לערנט אויך יידיש. ווייל זי וויל ניט אָפּרייסן דעם נייעם דור פון די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר יידישער קולטור. זי וויל איבער גאַנישט איבעררהייסן. זי האַלט, אַז אַלץ וואָס יידן האָבן געשאַפן גייס־טיק, דאַרף זיין באַקאַנט דעם יידישן קינד. און זי האַלט, אַז מיט יידיש האָט מען אַ ברייטערן יידישן האָריזאָנט, אין דער טיף און אין דער ברייט, ווי מיט העברעיש אַליין.

—טאָ פאַרוואָס איז מדינת ישראל קעגן יידיש?

— די זיך בויענדיקע מדינת ישראל פון מיט 40־50 יאָר צוריק, דאַט פאַר זיך געהאַט אַן אויפגאַבע אויסצובילדן אַ העברעיש־רעדנדיקע באַפעלקערונג. העברעיש— ווייל דאָס איז געווען די אַלטע געמיינזאַמע שפּראַך פאַר יידן פון אייראָפּע, אַפריקע און אַזיע. די לעצטע האָבן דאָן קיין אַנונג ניט געהאַט פון יידיש. די דאָזיקע אויפגאַבע איז רעאַליזירט געוואָרן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען פאַר אַ „מדינה אין וועג” און הײנט — מיט די מיטלען פון אַ פּראַקטישער מלוכה. ניט נאָר איז געשאַפן געוואָרן אַן אַקאַדעמיע פאַר דער העברעישער שפּראַך (ניט וויכטיק וואָס אַמאָל האָט זי געטראָגן אַן אַנדערן נאָמען) וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שאַפן טויזנטער נייע ווערטער, אַרויסגעדרונגענע פון אַלטע וואָרצ־לען, נאָר אין די צוואַנציקער יאָרן פלעג מען אין ארץ ישראל, פאַר רעדן יידיש, אויך באַוואָרפן ווערן מיט שטיינער און כאַפּן קלעפּ. הײנט ווען דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן, איז מער ניט פאַראַן אַזאַ פאַנאַ־טיזם קעגן יידיש. אין לאַנד גופא, איז פאַראַן — ווי איך האָב ביים אָנהייב געזאָגט — אַ יידישע פּרעסע, פאַרלאַג־וועזן, טעאַטער און אפילו פּיעטעט, געמישט מיט חרטה־געפיל, צו דעם אונטערגייענדיקן יידיש. אָבער ניט נאָר ווערט אָפיציעל יידיש ניט געלערנט, נייערט עס ווערן גע־מאַכט באַמיונגען צו ווירקן אַז אויך אין די תפוצות זאָל מער קיין יידיש ניט געלערנט ווערן. מדינת ישראל וויל ניט נאָר, אַז איר באַפעל־קערונג זאָל זיין אַן איין־שפּראַכיקע, נאָר אַזוי זאָל ווערן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אויף דער וועלט.

אָבער ביז דאָס וועט דערגרייכט ווערן, שאַפט זיך אַ שרעקלעכער קולטורעלער בלויז, אַ ליידיקייט, דערמיט וואָס יידיש ווערט אויס שפּראַך

פון די נייע דורות. עס וועט איבערגעריסן די פאַרבינדונג פון נייעם דור מיט הונדערטער יאָרן יידיש לעבן פאַר אים.

— איז אין מדינת ישראל קיינער ניט קעגן דעם?

— יאָ. אפילו אסך פון די וואָס האָבן בייגעטראָגן צו דער אויס־וואָרצלונג פון יידיש, האָבן היינט —ווען יידיש איז מער ניט קיין „גע־פאַר" פאַר העברעיש — אַ פּאָזיטיווע, באַציונג צו דער זאַפטיקער שפּראַך, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַן אַ שיעור ווערטן און יידישן זין. נאָך מער: עס זענען אפילו פאַראַן יונגטלעכע, אין ישראל געבוירענע און דערצויגענע, וואָס הייבן דאָס אָן פאַרשטיין. אין אַ גימנאַזיע אין שטעטל קרית חיים האָבן די תלמידים אָפּגעשטימט און אויסגעקליבן אַלס דריטע שפּראַך צום לערנען (נאָך עברית און ענגליש) יידיש, אַנשטאָט פראַנצויזיש אָדער אַראַביש. עס זענען אויך פאַראַן אַ פּאָר צונאָב־שולן (נאָכמיטאָג) ווו מע לערנט קינדער יידיש. און עס לערנען אין זיי אויך קינדער פון אַפריקאַנישע יידן, וועלכע זעען אין יידיש אַ כוח.

— אַזוי אַז אין אורוגוויי גייט יידיש אונטער?

— דערווייל ניט, אָבער מע קען ניט וויסן וואָס עס וועט זיין מאָרגן. ווי לאַנג קען זיך האַלטן אַ מינדערהייט וואָס מוז גיין קעגן שטראָם?

— איז שווערער צו לערנען קינדער צוויי שפּראַכן (חוץ שפּאַניש) ווי איינע?

— איך גלייב, אַז ניין. מיין הי־געבוירענער זון איז דערצויגן גע־וואָרן מיט יידיש אַלס־מאַמע־לשון, געלערנט אין דער יידישער שול אי עברית אי יידיש. דאָס האָט אים ניט געשטערט צו באַקומען אין דער רעגירונגס־שול אויסגעצייכנטע מיינונגען אויף שפּאַנישער שפּראַך און לי־טעראַטור און שפּעטער צו באַקומען צוויי דיפּלאָמען פאַר זיינע ענגליש־קענטעניש. ער באַהערשט היינט אַלע פיר שפּראַכן אין וואָרט און שריפט. אַלץ אָפּגעשפּאַרט פון די פריסטע קינדער־יאָרן אָן. קינדער זע־נען אויסערגעוויינלעך פעיק זיך אויסצולערנען שפּראַכן דווקא אין די פריע יאָרן. אין קאַנאַדע לערנען יידישע קינדער חוץ ענגליש און פראַנצוי־זיש, העברעיש און יידיש און עס „שאַדט" זיי ניט. אין אַ קינדער־גאָרטן אין אוקראַינע (דאָס האָב איך זיך דערוווּסט פון אַ ישראלדיקן שרייבער וואָס איז דאָרט געווען) לערנט מען דריי־יעריקע קינדער אי אוקראַיניש, אי רוסיש, אי ענגליש און עס „גייט אַריין". גראָד מיר יידן,

אַ פֿאָלק, וואָס איז במשך יאָרהונדערטן געווען באַקאַנט מיט זיין פּער־קייט זיך צו לערנען זוכט היינט וואָס עס זעט אויס צו זיין לייכטער.

— אָבער אַז מע לערנט אין שול אויך יידיש, איז עס אין אַ גע־וויסן זין ניט אויפֿן חשבון פֿון אויסלערנען זיך מער העברעיש?

דאָס איז פּאָר אַלעמען געווענדט אין די לערערס און זייערע מע־טאָדן. אָבער אויב אפֿילו עס איז יאָ אַזוי, איז די דיפֿערענץ אין די דערגרייכטע העברעיש־קענטענישן פֿון אַ פּיל קלענערער באַדייטונג ווי בכלל ניט קענען נאָך איין שפּראַך. נאָך מער ווען עס האַנדלט זיך אין אַ לשון, וואָס טראָגט אין זיך אַזויפֿיל נאַציאָנאַלע ווערטן. און חוץ דעם — קען מען דאָך, אויב מע האָט אַ ווירקלעכן אינטערעס — שטענ־דיק שפּעטער אויסברייטערן די העברעיש - קענטענישן. בעת אויב מע לערנט ניט די יסודות פֿון יידיש, איז עס שוין פֿאַרלוירן אויפֿן גאַנצן לעבן. דאָס הייסט אומברענגען אַ שפּראַך און די גאַנצע קולטור אויף איר. דער איין מאָל שוין ציטירטער פּאָעט, יעקב גלאַטשטיין, האָט געשריבן אַז ווער עס טראָגט ביי פּאַרן פֿאַרשווינדן פֿון יידיש, באַגייט דעם פֿאַר־ברעכן פֿון גייסטיקן גענאָסיד. ווען אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אים בן גוריון פֿאַרבעטן צו זיך אויף אַ שמועס, האָט דער אַלטער שטאַטס־מאַן ניט געהאַט עפּעס אַנדערש וואָס צו פֿרעגן גלאַטשטיינען, נאָר „פֿאַר־וואָס ער קומט זיך ניט באַזעצן אין מדינת ישראל" עס איז אַן ענין פֿון זען אַנדערש וואָס עס איז וויכטיק.

— נאָר אַן ענין פֿון זען?

— ביי אַ פּאָעט איז עס נאָר אַן ענין פֿון זען. ביי אַ פּאָליטיקער און מלוכה־מאַן איז עס אויך אַן ענין פֿון קענען רעאַליזירן דאָס וואָס ער האַלט פֿאַר ריכטיק. ער האָט צו זיין רשות די נייטיקע מיטלען צו באַלעבן און לאָזן אויסגיין. דאָס איז די טראַגעדיע פֿון אַ קולטור ווען זי איז אָפּהענגיק פֿון טענדענציעזער פּאָליטיק. דאָס איז כלל ניט קיין נייס. דאָס איינציקע נייע איז דאָ וואָס עס טוען דאָס יידן מיט אַ טייל פֿון זייער אייגענער קולטור. ביי יידן איז פֿאַראַן דער באַגריף פֿון „פֿירן דעם איינציקן זון צו דער עקדה", ווי אברהם האָט געפֿירט יצחקן. האָבן אַמאָל געזאָגט העברעישע שרייבער, אַז מע דאַרף פֿירן יידיש צו דער עקדה. אָבער זיי האָבן פֿאַרגעסן, אַז דאָרט האָט באַפֿוילן גאָט אַליין, וואָס האָט נאָר אויסגעפּרוווט אברהמען און דאָ הייסן עס מענטשן, וואָס זענען אי עלול צו באַגיין טעותים, אי זיי האָבן ניט אָנגעגרייט קיין שום באַראַן. ס'איז דער פּרייז וואָס דער גייסט דאַרף צאָלן דעם סצעפּ־

טער. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון יידישקייט איז, אַז דאָס גייסטיקע זאָל ניט זיין אונטערגעוואָרפן דעם לווינלעכן. אָבער היינט מאַכן אויך יידן קאָנצעסיעס אויפן חשבון פון גייסט לטובת דער מלוכה. עס איז אוודאי דערפאַר, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט שווידערלעך געליטן מחמת שטאַטלאָזיקייט.

— מיינסטו ניט, אַז דו ביסט בנוגע יידיש — איינזייטיק?

— בשום אופן ניט! ניט נאָר איך, נאָר גרויסע יידישע שרייבערס און פובליציסטן וואָס באַהערשן ביידע שפּראַכן, האָבן זיי ביידע ליב, לייענען אין ביידע און האָבן ליב זיך אויסצודריקן אין ביידע. עברית איז אונדז טייער היסטאָריש, תנכיש און אַלס פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל, בעת יידיש איז פאַר אונדז די שפּראַך וואָס לערנט ליב צו האָבן דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.

— דו האָסט פריער געזאָגט, אַז מקריב זיין יידיש איז מקריב זיין נשמהדיקס פאַר דער פּרייז פון מלוכהדיקייט. איז עס דער איינציקער קרבן?

— מסתמא ניט. א צווייטער וויכטיקער קרבן איז דאָס שלום מאַכן מיט דייטשלאַנד אויף אַזאַ אָפענעם, אויגן-שטעכנדיקן אופן. דאָס איז די טיפסטע באַליידיקונג פאַרן אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זענען ניט נאָר אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן ווי אינזעקטן, נאָר זענען נאָך פריער אויף די שווידערלעכסטע אופנים דערנידעריקט געוואָרן און מע האָט צעריבן זייער מענטשלעכע פערזענלעכקייט. דאָס נעמען שילומים, דאָס שיקן יוגנטלעכע דעלעגאַציעס קיין דייטשלאַנד, לערערס אויף קורסן פון פעדאַגאָגיע, און דאָס אויפנעמען אַלערליי דייטשן, איינשליסלעך מיט נאַציש עבר, אין דער מדינה — דאָס איז א שווידערלעכע באַליידיקונג פאַר די טויטע און פאַר די לעבנגעבליבענע. אָפט איז דערין דאָ עפּעס „מיר זענען ניט ווי יענע וואָס זיי האָבן אומגעבראַכט; מיר זענען אַנדערש” אָדער „מיר זענען העכער”. איך בין ניט קיין אָנהענגער פון שנאה אויף אייביק, אָבער איך פיל ביז היינט טיפן דרך ארץ פאַר מיינע ספרדישע ברידער וואָס האָבן אין 1492 געשוווירן זיך מער ניטצוריקצוקערן קיין שפּאַניע און דעם פאַרבאָט אָנגעהאַלטן 400 יאָר. דאָס זענען געווען יידן מיט א געפיל פון זעלבסט-חשיבות. דעריבער האָט לכל הפחות דער היינטיקער דור יידן בשום אופן ניט געטאָרט שלום מאַכן און ניט האָבן קיין שום באַציונגען — און אַמוויניקסטן פאָרמעלע — מיטן היינטיקן דור דייטשן.

— דענקען אסך ייִדן אַזוי ווי דו?

— מע האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פּלעביסציט בײַם פֿאָלק און מע האָט עס ניט געפֿרעגט.

זייער אסך ייִדישע שרײַבערס האָבן נישט געוואָלט, אַז זייערע נעמען זאָלן פֿיגורירן אין אַ לעקסיקאָן פֿון ייִדישער ליטעראַטור, אַרויסגעגעבן מיט געלטער וואָס די דײַטשן האָבן מיט זיי „פֿאַרגיטיקט". אָבער די דאָזיקע ייִדישע שרײַבער זענען אַ מינדערהייט צו וועלכער אויך איך געהער. עס איז בכלל אַן ענין פֿון אינדיווידועלן פֿילן. דער גרויסער דענקער מאַרטין בובער איז געפֿאָרן קיין האַמבורג נעמען בײַ די דײַטשן אַ פּרעמיע אין 1946, ווען אין דער לופֿטן האָט נאָך געשוועבט דאָס אַש פֿון די פֿאַרברענטע אין די דײַטשישע פֿאַרטיליקונגס - לאַגערן. אָבער אַלבערט איינשטיין האָט פֿאַרויסגעזען, אַז די דײַטשן וועלן אַמאָל וועלן אַרויסלאָזן אַ מאַרקע מיט זײַן פּנים און ער האָט עס פֿאַרבאָטן אין זײַן צוואה. ווען עס איז טאַקע דערצו געקומען אין דײַטשלאַנד, האָבן די דײַטשן זיך געמוזט רעכענען מיט זײַן צוואה און אַזאַ מאַרקע ניט געקאָנט אַרויסגעבן. שוין אָפּגערעדט אַז ער האָט אַהין קיינמאָל ניט געוואָלט פֿאָרן. עס זענען נאָך דאָ טויזנטער ייִדן אויף דער וועלט, איינשליסלעך אין אורוגווײַ, וואָס האָבן נאָך ביז הײַנט ניט געקויפֿט קיין דײַטש אַרטיקל. זיי קענען דאָס ניט אָרגאַניש. דײַטשלאַנד איז פֿאַר מיר מאָראַליש טויט. ניט איך האָב עס פֿײַנט, נאָר איך פֿיל דערצו ווידערווילן. דאָס מוז מען פֿילן. איך באַוווּנדער די אַרמעניער וואָס אין זייער גלות האָבן זיי ניט קיין שום קאָנטאַקט מיט טערקן. און איך גלייב, אַז דער פֿאַקט פֿון באַשטעטיקן אָפֿיציעל, דורך אַ ישׂראל-רעגירונג, די באַציִונגען מיט דײַטשן, האָט אַרײַנגעבראַכט אַ גרויסע דעמאָראַליזאַציע בכלל אין הײַנטיקן דור ישׂראלים. „יעדער מעג טאָן וואָס אים לוינט זיך". נישטאָ מער קיין „לאו", ווי ייִדן פֿלעגן זײַן געוווינט. דאָס רעכנט זיך אָפּ מיט אונדז אויף אַן אַ שיעור געביטן, מער ווי מע קען זיך פֿאָרשטעלן.

— דאָס איז אַן ענין פֿון די אַלגעמיינע באַציִונגען צווישן ייִדן און דײַטשן אין הײַנטיקן דור. אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו ייִדן אין אורוגווײַ.

— מיר וועלן קיינמאָל ניט קענען רעדן וועגן ייִדן אין אורוגווײַ, אַן איבערגיין אַלע מאָל די דאָזיקע קליינע „טעריטאָריע" און אַרײַנקומען אין דער טעריטאָריע פֿון ייִדן אַלס גאַנץ פֿאָלק.

— גוט, וועמיר זען שפּעטער. אָבער אין אורוגווײַ — זענען פֿאַ-

ראַן מער רעליגיעזע יידישע אינסטיטוציעס, צי וועלטלעכע?

— איך גלייב, אַז אינסטיטוציעס זענען פאַראַן **מער רעליגיעזע**, אָבער דאָס איז ניט רעלעוואַנט. אויב עס זענען פאַראַן צוואַנציק שילן, זענען מסתמא צען געשלאָסן אין אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך און אַלע צוואַנציק זענען איבערפולט נאָר ראש השנה און יום כיפור. אַ גאַנץ יאָר האָבן די מערסטע קוים אַ מנין צו קענען אָפּריכטן די תפלות. דער גרעס־טע טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג באַגייט זיך אָן פליישׁ וואָס קומט פון כשרער שחיטה. פון דער אַנדערער זייט איז זייער גרויס דער פּראָצענטאַזש פאַמיליעס וואָס פראַוועז זייערע דרייצן־יעריקע יינגלעך אַ בר־מצווה־פייערונג, פון ווען אָן דאָס יינגל ווערט גערעכנט פאַר אַ רייפן יידן, וועמען מע קען צורעכענען צום פריער־דערמאָנטן מנין. אָבער אין דער שטוב פון יינגלס עלטערן היט מען ניט אָפּ קיין שבת און מע עסט אפילו חזיר־פליישׁ, וואָס איז רעליגיעז פאַרבאָטן. עס באַ־קומט זיך, אַז אַ מערהייט האַלטן נאָר פון אַ פּאָר טראַדיציאָנעלע איינפי־רונגען, אָבער ניט פון אַלעמען וואָס איז דערלויבט אָדער פאַרבאָטן רע־ליגיעז.

— און וואָס פאַר אַן אינסטיטוציעס פון וועלטלעכער קולטור האָבן דאָ יידן?

— חוץ די דערמאָנטע שולן, האָט דער ישוב אַ 2 ־ 3 ביבליאָ־טעקן. די גרעסטע איז פון „ייוואָ" אין הויז פון דער קהלה. די דאָזיקע ביבליאָטעק באַמיט זיך איינצושאַפן יעדער ניי ־ דערשינען בוך אויף יידיש. דער „ייוואָ" זאַמלט אויך עקזעמפּלאַרן פון דער היגער פרעסע, פון יעדער מין פובליקאַציע און בכלל אַלץ וואָס קען דינען אַלס מאַ-טעריאַל פאַר דער געשיכטע פון יידן אין לאַנד. די צווייטע איז אויפן נאָמען פון באַרימטן דערציער „ש. מענדעלסאָן".

— איז פאַראַן אַ יידישע פרעסע דאָ הי?

— אין דעם מאָמענט דערשיינען צוויי טעגלעכע צייטונגען אויף יידיש: דער ציוניסטישער „היינט" און דער קאָמוניסטישער „אונזער פריינט", אָבער צווישן די היגע יידן האָבן די בוענאָס איירעסער יידישע צייטונגען אסך מער לייענער ווי די לאָקאַלע צייטונגען. פאַראַן אויך אַ וואָכנבלאַט פון רעליגיעזע יידן, „דער מאָמענט": אַ וואָכנבלאַט אויף שפּאַניש — „סעמאַנאַריאָ העברעאָ"; איין יידישע ראַדיאָ־שעה, צווישן 12.30 און 14.30 — „קול ציון באורוגואי".

— און יידישע שרייבערס זענען פאראַן אין אורוגוויי? עס דערשינען דאָ יידישע ביכער?

—אָנהייבנדיק פון 1932 ביז היינט זענען אין אורוגוויי דערשינען אַן ערך פערציק ביכער מיט פירעקיקע אותיות. אַ פינף אויף העברעיש און דאָס איבעריקע אויף יידיש. אַ פּאָר פון די אויטאָרן לעבן היינט אין מדינת ישראל: דער דערציילער שלמה זיטנער און דער פּאָעט עליע ווערבלון. פון אַ היגן רב, אַ ספרדי, הרב איסאַק אַלגאַזי, זענען אונדז געבליבן צוויי וויכטיקע ווערק אויף שפּאַניש — „סאַבידוריאַ העברעאַ" און „כּודאַיסמאָ — רעליכיאָן דע אַמאָר". היינט זענען אָפּגעשוואַכט די שעפערישע קוואַלן פון היגע יידן. קיין יונגע שרייבערס און פּאָעטן זענען ניט צוגעקומען. דאָך האָבן היגע יידישע שרייבערס און פּאָעטן —און שוין אָפּגערעדט פון זשורנאַליסטן און פּובליציסטן — אַרויסגעשטעלט אורוגוויי אויף דער וועלט־מאַפּע פון שאַפונגען אויף יידיש. אין אַלוועלטלעכע יידישע אַנטאָלאָגיעס, אָדער אַרבעטן וועגן יידישער ליטעראַטור אויף דער וועלט, פאַרמאָגט שוין אורוגוויי זיין פּלאַץ.

— און צי האָבן יידן שוין אָנגעהויבן ביישטייערן אויך פאַר אורוגווייער קולטור?

— כ׳גליב, אַז זייער באַדייטנדיק. קאָן זיין אַמוויגציקסטן אויפן פּאָליטישן געביט. דער טשילענער ישוב צ. ביישפּיל, מיט אַן ענלעכער צאָל נפשות, האָט עטלעכע יידישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן. ביי אונדז — נאָך ניט. אָבער יידן זענען הי זייער פאַרטראָטן אין טעאַטער, אין אַנדערע קונסטן ווי טאַנץ און מוזיק, מאָלעריי. אויך יעודזשען רעלדזשים מאַכט היינט באַרימט דעם נאָמען פון אורוגוויי מיט זיין אוניווערסאַליסטישער באַרימטקייט. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן דרייסיק ביכער, זינט ער האָט זיך הי באַזעצט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. און מער ווי אַלס שעפער פון אורוגווייער קולטור, ווערן יידן אינטעגרירט אַלס קאָנסומענטן פון אורוגווייער קולטור. דאָס הייבט זיך אָן אַפילו אין די ווענט פון דער יידישער אינטעגראַלער צי קאָמפּלעמענטאַרער יידישער שול, ווו יעדער יידיש קינד איז „אָבליגאַטאָריש" אָדער פון „נאַסיאָנאַל" אָדער פון „פּעניאַראָל", ביז די הונדערטער יונגע יידן וואָס אין זייערע יידישע אָרגאַניזאַציעס רעדן זיי שפּאַניש, לייענען אין דער היים די שפּאַנישע פּרעסע און ליטעראַטור, פאַרבעטן אורוגווייער שרייבערס און דענקערס — אַפילו גלחים און פּאַסטאָרן — אַלס לעקטאָרן און זענען גרויסע קאָנסומירערס פון אורוגווייער טעאַטער, און לעבן בכלל איבער

אַלץ וואָס איז אורוגווייאיש, ווי זייער אייגנס. זיי זענען אורוגווייער און פאַראַן אַסך פון זיי, ביי וועמען עס קומט אויף די פראַגע מיט וואָס זענען זיי יידן.

— דאָס הייסט, אַז עס גייט צו דעם אַז די יידן אין אורוגוויי זאָלן זיך אינטעגרירן דורך אסימילירט ווערן?

— פונקט ווי אַ טייך-שטראָם רייסט אָפּ שטיקער פון בערג, אַזוי רייסט במילא דאָס לעבן אָפּ שטיקער פון יידישן פאָלק אין יעדן לאַנד.

— איז די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל ניט קיין פאַקטאָר פון אָפּהאַלטן יידן פון ווערן אויס יידן?

— אַמאָל יאָ און אַמאָל ניט. פאַראַן יידן וואָס פלעגן זיך שעמען מיט זייער האָבן געבוירן געוואָרן יידן, אָבער מדינת ישראל האָט זיי צוריקגעגעבן זייער יידישע חשיבות און זיי דערנענטערן זיך איצט צו זייער אָפּשטאַם. פאַראַן, פאַרקערט, אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז איצט וואָן עס איז שוין דאָ אַ יידישע מדינה — דאַרפן די אַלע וואָס ווילן בלייבן יידן פאָרן אַהין און די וואָס בלייבן דאָ דאַרפן זיך רעזיגנירן צו ווערן אויס יידן. מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף די יידן פון ישראל, אַז זיי וועלן שוין זיין יידן און יידן פון דער גאַרער וועלט מעגן זיך שוין האַלטן באַפרייט פון דער זאָרג פאַר יידישער קאָנטינואיטעט.

— ביסטו קעגן דעם אַז יידן זאָלן זיך אינטעגרירן אין אורוגוויי?

— אַבסאָלוט ניט. אָבער איך האַלט, אַז דאָס איז ניט אין סתירה מיט זייער בלייבן געטריי זייער אָפּשטאַם און זייער אור־אַלטער קולטור. מען קען זייןביידע זאַכן. און דעריבער האַלט איך פאַר אומבאַרעכטיקט דאָס וועלן אינטעגרירן יידן קינסטלעך. זיי אינטעגרירן זיך במילא. אַזוי גייט דער שטראָם. קעגן שטראָם איז בלייבן יידן און גיין קעגן שטראָם איז די אויפגאַבע פון דער גייסטיקער יידישער אָנפירונג, פון יידישע שרייבערס און פובליציסטן, שול־טוערס און רעליגיעזע פירערס.

— הייסט עס, אַז זיין אַ ייד איז זיין אַ נאָן־קאָנפאָרמיסט?

— אַבסאָלוט! דער ערשטער און באַרימטסטער נאָן־קאָנפאָרמיסט איז מסתמא געווען אברהם אבינו און פון אים האָט די גאַנצע וועלט באַקומען מאָנאָטעיזם. אַ צווייטער באַרימטער נאָן־קאָנפאָרמיסט איז געווען משה און דערמיט געוויזן אַ ביישפּיל דער וועלט, ווי פון שקלאַפן קען ווערן אַ פאָלק. יידן זענען דורך דער גאַנצער געשיכטע זייערער געווען נאָן-קאָנפאָרמיסטן. אויך דאָס שאַפן אַ יידישע מדינה איז אַן אַקט פון ניט משלים זיין מיטן סטאַטוס קוואָ.

— קומען פֿאָר ביי אורוגווייער יידן געמישטע חתונות?

— אָן שום ספק, פּונקט ווי ביי יידן אין אַלע לענדער. אפשר איז דער פּראָצענטאַזש אַ קלענערער ווי אין ענגלאַנד צי פֿאַראייניקטע שטאַטן, אָבער עס קומט פֿאָר.

— ביסטו קעגן דעם?

— קען אַ בוים זיין קעגן דעם וואָס עס פֿאַלן אָפּ בלעטער? וויכטיק איז אַז דער שטאַם זאָל ווייטער בלייבן אַזעלכער. הגם לעצטנס —זינט דער אנטשטייונג פֿון מדינת ישראל, איז שוין ניט שטענדיק דער יידישער צד דער וואָס פֿאַלירט ביי אַ געמישטער חתונה. אַסך קריסטלעכע מיידלעך ווערן יידישקעס. און אויך קריסטלעכע מענער זענען זיך מגייר. אָבער איך דערמאָן זיך, אַז אַ פּאַסטאָר האָט אַמאָל געענטפֿערט אויף אַזאַ פֿראַגע: „חתונה האָבן איז סיווי פֿאַרבונדן מיט אָן אַ שיעור פּראָבלעמען, און צופּאַסונג - שוועריקייטן. צו וואָס דאַרפֿן מיר דערצו צוגעבן נאָך אַנדערע?" און אַזוי איז עס אוודאי צווישן יידן און קריסטן, אויב עס איז צווישן קאַטוילּיקן און פּראָטעסטאַנטן. אָפּט ליידן דערפֿון די קינדער. עס איז אַ פֿראַגע פֿון גרויסער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. יידן זענען אַזוי דערצויגן געוואָרן זיך שטענדיק צו פֿילן ניט נאָר אַלס יחידים, נאָר ווי מיטגלידער פֿון אַ כּלל וואָס זענען אָבליגירט צו דעם דאָזיקן כּלל, אָפֿט מיט זייער אייגענעם פּריוואַטן לעבן און אַסך מאָל האָט אַ יידישער בחור אָדער אַ יידישע מיידל געדאַרפֿט מקריב זיין זיין ליבע פֿאַר אָט דעם כּלל.

— ווי איז אויף דעם געביט די לאַגע פֿון יידן אויף דער וועלט? איז פֿאַראַן אַ טענדענץ פֿון ווערן אויס יידן?

— אין אַ געוויסער מאָס יאָ, הגם אומעטום ווערן געמאַכט באַמיונגען קעגן דעם. ליידער זענען ניט אומעטום אָט די באַמיונגען מעגלעך. אין ראַטנפֿאַרבאַנד זענען זיי כּמעט פֿאַרבאָטן. עס ווערט אונטערדריקט די יידישע רעליגיע און יידישע קולטור בכּלל, אפילו די וועלטלעכע; און דאָס איז ניט קיין מוז פֿון סאָוועטישן שטאַנדפּונקט. אין קאָמוניסטישן רומעניע זענען יידן ניט נאָר פֿריי אָפּצוהיטן זייער רעליגיע, נאָר די רבנים און שוחטים זענען מלוכה-אָנגעשטעלטע און די שילן באַקומען סובסידיעס פֿון דער מלוכה־קאַסע.

עס איז קלאָר, אַז אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס איז אַ מלוכה פֿון אַסך נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, זענען די אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציעס אַ רעזולטאַט פֿון דער רעגירונגס אויסערן-פּאָליטיק, וועמענס נאָפט-אינטע־

רעסן דיקטירן איר זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון די אַראַבישע לענדער.

וואָס שייך אין די פּאַרייניקטע שטאַטן, ווו עס לעבט דער גרעס־טער יידישער ישוב אויף דער וועלט — צווישן זעקסטהאַלבן און זעקס מיליאָן יידן — זענען זיי פריי צו לעבן אַבסאָלוט פריי לויט זייער געוויסן און דאָ איז עס אַ פראַגע פון אייגנעם יידישן באַוווסטזיין און פון אייגנעם ווילן צו בלייבן יידן אין אַ סביבה פון אַבסאָלוטער פרייהייט און צוטריט צו דער אַרומיקער סביבה און קולטור, וועמענס גראַווי־טאַציע־קראַפט איז אויסערגעוויינלעך שטאַרק. דאָס זעלבע קומט פאָר אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, דרום־אַפריקע, אויסטראַליע און וואָס אַמאָל מער אויך אין די רעלאַטיוו ־ יונגע ישובים פון לאַטיין ־ אַמעריקע.

— האָסט דערמאָנט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאַראַן אַנטי ־ יידישע דיסקרימינאַציע.

ווי איז עס בכלל מיט אַנטיסעמיטיזם אויף דער וועלט און אין אורוגוויי באַזונדערס?

— יידן ליידן היינט ניט פון קיין אַנטיסעמיטישער אונטערדריקונג ווי, למשל, מיט הונדערט יאָר צוריק אין צאַרישן רוסלאַנד צי אין אַנ־דערע לענדער. אין ראַטנפאַרבאַנד גופא זענען יידן סאָציאַל ־ עקאָנאָ־מיט כמעט אינגאַנצן אינטעגרירט אין לעבן פון לאַנד, עס איז זיי נאָר פאַרבאָטן דער צוטריט צו הויכע מיליטערישע ראַנגען אָדער אין דער דיפּלאָמאַטיע. עס זענען אָבער נאָך אַלץ ניט פאַרשטאָפּט די קוואַלן פון אַנטי־יידישער העצע אויף דער וועלט. חוץ דעם נעאָ־נאַציזם וואָס פּרוווט זיך אויסצושפּרייטן זיין ווירקונג אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב און וואָס קומט צום אויסדרוק אין דייטשלאַנד דורך די לעכערלעך ־ קליינע שטראָף ־ אורטיילן וואָס די דאָרטיקע טריבונאַלן טראָגן אַרויס קעגן קריגס ־ מערדער און אומברענגער פון מאַסן יידן, זענען נאָך צוגעקומען נייע קוואַלן. אויב בעבל האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַנטי־סעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון די נאַראָנים" — האָט זיך די דאָ־זיקע „נאַרישקייט" אַריינגעכאַפּט אין די העכסטע קרייזן פון דער קאָ־מוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אַ ווירקונג אויף די לינקע קרייזן פון דער גאַרער וועלט, איינשליסלעך אורוגוויי. געפּאַרט מיט דעם דאָ־זיקן אַלוועלטלעכן מקור גייט אַ צווייטער: די אַזוי גערופענע אַראַבישע ליגע — אַט דאָס דריילינג — נעאָ ־ נאַציזם, אינטערנאַציאָנאַלער קאָ־מוניזם און אַראַבישע ליגע — דרינגען אַריין אין פאַרשידענע קרייזן

אין אסך לענדער און פארשפרייטן האָס קעגן יידן. אַמאָל קומט עס צום אויסדרוק דורך אַ צייטונג אָדער פּאַסקוויל. אַמאָל דורך שמירן האַקנ־קרייצן אויף די ווענט אָדער שרייבן אַנטי־יידישע לאָזונגען. אַזוי איז עס געווען אויך מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען מיט דער הילף פון דער וועלט־פּרעסע, האָט זיך עס אויסגעשפּרייט ווי די „אַזיאַטישע גריפּע" אָדער אַן אַנדער עפּידעמיע און געהאַט געגרייכט אויך קיין אורוגוויי.

— זענען קיין אַנדערע אויסדרוקן פון אַנטיסעמיטיזם נישטאָ אָדער ניט געווען אין אורוגוויי?

— היינט איז אין אורוגוויי נישטאָ קיין שום מאַניפעסטירונג פון אַנטיסעמיטיזם און הלוואי וואָלט אין ערגעץ ניט געווען. אַוודאי קאָנען מיר מאַרגן אויפשטיין און טרעפן אויסגעמאָלטע סוואַסטיקאַס אויף די ווענט, אָבער מיר ווייסן, אַז דאָס איז ניט דער אויסדרוק פון דעם וואָס עס פילט און טראַכט דאָס אורוגווייער פאָלק. עס איז דער רעזולטאַט פון דער אַריינדרינגונג פון די אויבן־דערמאָנטע העץ־פאַקטאָרן.

וואָס שייך אַמאָל, איז אין אורוגוויי געווען אַנטיסעמיטיזם, ווען דער נאַציזם איז געגאַנגען באַרג־אַרויף אין דייטשלאַנד און דאָס האָט געהאַט זיינע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָיעקטירונגען. אין יעדן לאַנד האָבן זיך דאַן געפונען עלעמענטן, וואָס האָבן געמיינט, אַז אָט־אָט וועט היטלער'ס אָרעם גרייכן אויך צו זיי און מיט זיין הילף וועט זיי זיין לייכט צו קומען צו דער מאַכט. איך געדענק אויך, אַז אין 1939 האָט געוואַנדערט פון איין לאַטיין־אַמעריקאַנער פּאָרט צו אַן אַנדערן אַ שיף מיט יידן, פּליטים פון דייטשלאַנד. אויף דער שיף האָבן די דייטשן געהאַט אויסגעמאָלט אַ שאַרבן מיט צוויי איבערגעקרייצטע ביינער, ווי מע מאָלט אויס אויף אַ פלעשעלע מיט פליסיקייט דעם סימבאָל פון טויטלעכן גיפט. די פּאַסאַזשירן פון דער דאָזיקער שיף האָבן זיך ניט געהאַט באַזאָרגט זיך מיט קיין וויזעס אין קיין שום לאַנד און עס איז זיי אין קיין שום פּאָרט ניט דערלויבט געוואָרן אויסצושטייגן. אויך ניט אין מאָנטעווידעאָ.

אָבער דאָס איז פאַרגאַנגענהייט. און מיר האַלטן דאָס ניט פאַר אורוגווייאיש. מיר האַלטן פאַר אורוגווייאיש די רייד פון פּראָפ' ענריקע וועסקאָווי אין זיין לערן־בוך פון „עדוקאַסיאָן סיוויקאַ" פאַר ליסעאָס, ווו ער דעפינירט יידן אַלס נאַציע, הגם זיי האָבן קאַרגע צוויי טויזנט יאָר ניט געהאַט קיין אייגענע מלוכה. אורוגווייאיש זענען פאַר אונדז די

רייד פון לײדער יונג־פאַרשטאָרבענעם זשורנאַליסט האַראַסיאָ אַסיאַין מאַרקעז, אין זיין ביכעלע „איך בין געווען אַן אַנטיסעמיט"; און אַוודאי איז פאַר אונדז אַן אויסדרוק פון אורוגווייער גייסט, דער געבראַכטער מאָטאָ פאַר אַט דער ארבעט פון אויטאָר פון אורוגווייער נאַציאָנאַלן הימן, און וועלכן עס ווערט געבראַכט אַלס ביישפּיל די לאָיאַלקייט פון יידן צו די עשרת הדברות, אויסגעקריצטע אויף די צוויי לוחות, וואָס זיי האָבן מיט זיך געפירט בעת זייער פערציק־יאָריקן וואַנדער אין מד־בר. עס איז אפשר די בעסטע דעפיניציע פון יידישקייט: בלייבן לאָיאַל די אָנזאָגן פון מאָראַל און עטיק, בעתן הונדערטער־יאָרן – לאַנגן וואַנ־דערן איבער לענדער און תקופות, וואָס האָבן זייער אָפט געטראָגן אין זיך אַסך מער פיין און מאַטער ווי אַ מדבר. דאָס איז אורוגוויי פאַר אונדז. דאָס דערהויבן זיך צו אַזאַ אָפּשאַצונג, אויסגעדריקט אַזוי קאָנ־דענסירט ווי ביי פראַנסיסקאָ אַקוניאַ דע פיגעראָאַ.

—דאַכט זיך, אַז עס האַלטן זיך ביים אויסשעפּן אַלע פראַגעס וועגן יידן אין אורוגוויי. אָבער וואָלסטן ניט געוואָלט זאָגן עפּעס וועגן יידן בכלל. וועגן מהות פון יידישקייט. היינט ווען יידן האָבן שוין אַן אייגענעם שטאַט, איז ניט כדאי צו דעפינירן דעם כאַראַקטער פון יידן און יידישקייט, ווי עס האָט זיך קריסטאַליזירט דורך דורות און ווי ער הייבט אָן קומען צום אויסדרוק אין זיין אייגענער מדינה?

— יידן אין זייער אייגענעם לאַנד זענען היינט אַזוי באַדראָט פון דער שנאה קעגן זיי און פון קרענקלעכן ווילן זיי אויסצוראָטן, פונקט ווי זיי זענען עס געווען אין די ערגסטע תקופות פון זייער געשיכטע אין גלות. דאָס ווירקט אַז די גאַנצע ענערגיע און אינטערעס פון יידן אין זייער אייגענער מדינה זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף פאַרטיידיקונג, אויף באַשיצן דאָס לעבן פון זייערע קינדער בוכשטעבלעך. יעדער פאָלק קאָן אַמאָל פאַרלירן אַ מלחמה, אָבער דאָס באַטייט ניט קיין אונטערגאַנג פאַר דעם דאָזיקן פאָלק. נאָר די שונאים פון מדינת ישראל צעפּויקן דורך אַלע מיטלען, אַז ווען זיי וועלן זיגן, וועט ניט בלייבן לעבן קיין איין און איינציקער ייד. זיי זאָגן עס אָפן און אומפאַרשעמט דורך פרע־סע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע אין די אויערן און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. עס וואָלט דעריבער ניט געווען קיין וואונדער ווען דאָס ליגן אַכט מצד דעם יידן פון מדינת ישראל אויף זיין פיזישער פאַר־טיידיקונג זאָל אָפּציען זיין אויפמערקזאַמקייט פון זיין טויזנטער - יע־ריקן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דאָס מערקט זיך זייער ביים יונגן דור,

וואָס איז געקומען צו זײן באַוווסטזײן צווישן די מלחמות פון 1948 און די ווײטערדיקע. אָבער גײסטיקע מנהיגים פון מדינת ישראל פאַר־שטײען דאָס און עס איז גרױס די זאָרג פאַר דעם, אַז דער ייִד פון דער מדינה זאָל זיך ניט אָפּרײסן פון דער מערהײט פון ייִדישן פאָלק אין די תפוצות און ניט ווערן קײן באַזונדער פאָלק.

אוודאי איז אָט דאָס פּראָבלעם כמעט נישט פאַראַן פאַרן רעליגיעזן ייִד פון דער מדינה. אָבער די רעליגיעזע זענען אַ מינדערהײט פון 18 ביז 20 פּראָצענט. די געפאַר איז מער פאַר דער מערהײט אַזוי גערופע־נע וועלטלעכע. און אין דער מדינה גראָד באַקומט די ייִדישע וועלט־לעכקײט דעם אוניווערסאַלן כאַראַקטער פון וועלטלעכקײט. דאָס הײסט, אַז דער יונגער וועלטלעכער ייִד דאַרט הײבט זיך אָן אונטערשײדן פון ניט־ייִדן אויף דער וועלט ניט מער ווי מיט זײן שפּראַך. דער תּוכן ווערט אָבער וואָס אַמאָל מער אַן אוניווערסאַלער;

— אויב אַזוי טאָ וואָס זשע איז פּאָרט דער ייִדישער כאַראַקטער?

— פאַראַן אַסך דעפיניציעס און ייִדן אַלײן זענען צווישן זיך ניט אײנשטימיק.

אפשר דעפינירן אַלע אין אײנעם דעם כאַראַקטער פון ייִדן. אפשר אײנע פון זײ מער און אַרומנעמענדיקער.

פאַראַן אַ מײנונג, אַז דאָס טיפּיש־ייִדישע איז קענען זאָגן „נײן!". זיבן פון די עשׂרת הדיברות זענען פאָרמולירט אין נעגאַטיוון זין: „זאָלסט ניט!".. די מענטשלעכע קולטור הײבט זיך אָן מיט קענען זאָגן „נײן!". אָבער די עשׂרת הדיברות, פּונקט ווי אַלע מאָראַלישע אָנ־זאָגן זענען, אפילו פּאָרמעל, איבערגענומען געוואָרן אויך פון ניט־ייִדן.

אַ ייִד איז פאַר מיר דער זון פון אַ פאָלק, וואָס במשך דורות אַקו־מולירט ער גײסטיקע, עטישע און קולטור־ווערטן, אָבער בײם צובאַקו־מען נײע, זאָגט ער זיך ניט אָפּ פון די פריערדיקע, שוין אָנגעזאַמלטע פון די פריערדיקע דורות, נאָר בלײבט זײ געטרײ.

און דאָ דערמאָן איך זיך אַ זאָג פון נאָך אַ גרױסן לאַטײן־אַמערי־קאַנער, סאַן מאַרטין: „סעראַס טו אַ נאַ סעראַס נאַדיע!" — „דו וועסט זײן דו, אָדער דו וועסט ניט זײן קײנער!".

און ווײל אורוגוויי איז דאָס לאַנד פון פּערפעקטער פרײהײט, לויט דער דעפיניציע פון אָרטיגאַסן; דאָס לאַנד וואָס שאַצט אָפּ לאָיאַלקײט —

אורוגוואָרצלען

ווי מיר זעען דאָס ביי פראַנסיסקאָ אַקוניאַ דע פיגעראָאַ, גלייב איך, אַז ס'נישטאָ קיין בעסער פעלד פאַר יידן צו בלייבן געטריי דעם אייגענעם כאַראַקטער וואָס רעדוצירט זיך צו „בלייבן לאָיאַל דער לאָיאַלקייט”, ווי אורוגוויי. עס זענען פאַראַן אַלע אָביעקטיווע מעגלעכקייטן.

דאָס איבעריקע איז שוין אָפּהענגיק פון די אורוגווייער יידן אַליין.

אַ ייד האָט געזוכט כינעזער

„נעגער און כינעזער, ייד —
אַלע דריי פון לעבן מיד".
נעגער און כינעזער, ייד —
זינגען מיר דאָס ראַסן-ליד".

דער דאָזיקער פּערז גייט מיר נאָך צענדליקער יאָרן. כמעט אַ האַלב לעבן מיינס. איך האָב אים געהערט פון מויל פון אַקטיאָרן אויף אַ בינע פון יידישן טעאַטער אין טשערנאָוויץ. עס איז געווען בעת אַ רעוויי־אויפפירונג, „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", אונטערן רעזשי פון יעקב שטערנבערג.

עס זענען דאַן געווען די פריע 30־ער יאָרן. „ווי געווייינלעך" איז אויך אין יענעם מאָמענט פאָרגעקומען אַ מלחמה צווישן יאַפּאַנער און כינעזער. ווי געוויינלעך, האָבן מיר יונגטלעכע, געוווּסט אַז נעגערס ווערן נאָך מער פאַרשוואַרצט ווי זיי זענען מצד ווייסע און אוודאי ווי געוויינ־לעך האָבן יידן דעמלט זייער, זייער אַסך געליטן אין פאַרשידענע לענדער אויף דער וועלט.

און צוזאַמען מיט דער פאַרביטערונג איבער די ליידן פון מיין פאָלק, צוזאַמען מיט דעם עקשנותדיקן גלויבן, אַז עס וועט אַזוי ניט בלייבן און אַז מיר וועלן זיך ניט לאָזן — צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן געפיל האָט זיך ביי מיר דאַן איינגעשטעלט אַ געפיל פון סאָלידאַריטעט מיט נעגערס און כינעזער. צוויי פעלקער וואָס ליידן אויך, נאָר מחמת זייער ראַסישן חותם.

און ווען איך האָב אַנגעהייבן באַמערקן אין אורוגוויי, אַז סע ווויי־נען דאָ פאַרשידענערליי עטנישע גרופּעס און עס איז מיר איינגעפאַלן, אַז סע וואָלט געווען שיין זיך מיט זיי צו באַקענען און זיי צו באַשרייבן, האָב איך מיר פירגענומען, צו גיין זוכן אויך די כינעזער.

***

ווען דער צאָל כינעזער אין אורוגוויי האָב איך ניט געהאַט קיין אַנונג. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אין מאָנטעווידעאָ (און אין גאַנץ אור־רוגוויי) זענען פאַראַן בערך 200 כינעזישע נפשות.

די ערשטע כינעזער צו וועלכע איך האָב זיך געווענדעט וועגן אינפאָרמאַציע, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס זייער צוריקגעצויגענע און אין זיך איינגעשלאָסענע. איך האָב געמוזט איינזען, אַז פּונקט ווי מיר, יידן, האָבן מיט זיך מיטגענומען אין גלות אַריין דעם כותל המערבי אין אונדזערע הערצער און אים אַרומגעטראָגן איבער אַלע אונדזערע וואָגלוועגן, אַזוי האָבן אויך די כינעזער מיט זיך מיטגענומען די כינעזישע מויער אין זייער כאַראַקטער און ווען דו ווילסט זיך צו זיי צורירן — שטויסטו זיך טאַקע אָן אין איר, אין דער דאָזיקער ריזיקער כינעזישער מויער. איך ווייס ניט ווי עס האַלט מיט יענער כינעזישער מויער, אין כינע, מיט דער ערדישער. צי איז זי נאָך בכוח צו זיין די אומצעברעכלעכע מחיצה צווישן כינע און דעם מחוץ לכינע. אָבער די מויער וועלכע די כינעזער טראָגן אין זיך — איז זייער אַ דיקע און האַרטע און אין די רוב פאַלן — אַן אומדורכדרינגלעכע.

אָנגעהויבן האָב איך כמעט פון ערשטן כינעזער וואָס איז מיר אַנטקעגן געקומען. דאָס איז געווען אַ כינעזער, אַ קליידער - פּוצער אין מיין שטאָט־געגנט. איך פלעג אים אָפט זען זיצן און לייענען אַ כינעזישע צייטונג. האָב איך מיר פאָרגעשטעלט אַז אַ מענטש וועלכער לייענט אַ צייטונג איז קאַפּאַבל צו ענטפערן אויף עטלעכע פראַגעס אין שייכות מיט זיינע נאָענטע הי. ווייס איך ניט צי איז ער עס אָדער ניט געווען קאַפּאַבל, אָבער געענטפערט האָט ער מיר גאָרניט.

לויט אים זענען פאַראַן געציילטע עטלעכע כינעזער אין מאָנטעווידעאָ. ווער זיי זענען און ווי זיי הייסן ווייסט ער ניט. אַלדאָס אַנדערע וואָס איך האָב אים געפרעגט, האָט ער געגעבן אָנצוהערן מיט קורצע אָפּגעהאַקטע קלאַנגען, אַז אָדער ער פאַרשטייט ניט, אָדער אַז „ניין". אַלדינגס — ניין. דאָס איינציקע וואָס ער האָט מיר יאָ געזאָגט איז געווען, אַז אויף אונדזער צענטראַלער גאַס. דיעס אי אָטשאָ דע כוליאָ, איז פאַראַן אַ קאַפע־הויז וואָס געהערט צו אַ כינעזער און יענער ווייסט אַלץ.

בין איך אַוועק צו יענעם.

איך בין אַריין אין קאַפע, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ באַשיידן ווינקל. געמאָנט עפּעס צום טרינקען און געזאָגט דעם קעלנער, אַז איך בין אַ זשורנאַליסט און וויל רעדן מיטן בעל הבית מצד אַ צייטונג. אָבער אין יענעם אָוונט האָב איך אומזיסט אויסגעטרונקען אַ פּאָר פלעשלעך קילע

געטראַנקען און אָפּגעזעסן אַ קאַרגע שעה. קיינער איז צו מיר ניט צוגע־קומען, דער בעל הבית האָט זיך ניט באַוויזן און איך האָב נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַרומצוקוקן ווו איך בין. אין אַ ווינקל פון אַ גרויסן לאָקאַל איז געשטאַנען אַ גרופּע פון זעקס כינעזישע יונגטלעכע און שטאַרק לעבהאַפטיק גערעדט און הויך געלאַכט. מען האָט געזען אויף זיי, אַז זיי פילן זיך דאָ זייער גוט, אויף אַן אייגענעם פּיצעלע טעריטאָריע. ווי אַ פּיצעלע — אָבער אייגנס. מען האָט בפירוש דערקענט, אַז אַז זייער אויפגעהייטערטקייט איז צו פאַרדאַנקען דעם זיין צווישן אייגענע. ס׳זענען גאָר ניט געווען די זעלבע כינעזער וואָס אין אָמניבוס, אַזעלכע שטילע, פאַרשלאָסענע, ערנסטע.

די קעלנער אין קאַפּע־הויז — צופעליק אַלע אורוגווייער הויבע געזונטע חברה. מען האָט קלאָר געקענט זען דעם אונטערשיד צווישן די פאַרשמייעטע צורות פון די קעלנערס. צורות פון מענטשן וואָס אַרבעטן. וועלכע שטייען אויף זייערע פּאָסטנס — און צווישן די צורות פון די כינעזער — רואיקע, זיכערע ביי זיך און וועלכע ווייסן צו שעצן זייער אייגענע ווערט. עס האָט אויסגעזען ווי אַ קליין פאַנטאַסטיש אינדזעלע, ווו גרויסע דינגען צו קליינע, אָדער ווו קליינע באַהערשן גרויסע און פירן מיט זיי אָן, ציען זיי מיט דער הילף פון כישופדיק - פאַרבאַהאַלטענע דראָטלעך.

צו דעם איינדרוק פון אַ באַזונדער אינדזעלע האָט אויך געווירקט דער אַרום.די ווענטלעך וואָס שאַפן סעפּאַראַטע צימערלעך, ווו און ווי מען וויל נאָר; די ווענט באַצירט מיט כינעזישע מאָטיוון — דראַגאָנען, פיר־זייטיקע לאַמטערנס, בלומען, שמעטערלינגען, „וויינענדיקע" ווער־בעס. בילדער פון פרויען און גערטנער. בילדער פון כינעזישע מענער און קינדער. און עפּעס גאַנצע טאַוולען מיט כינעזישע פּסוקים, געשריבן מיט אַ שיינער כינעזישער קאַליגראַפיע, ווו יעדעס וואָרט זעט אויס ווי אַ באַזונדער שטיבעלע־וועלטעלע פאַר זיך. אַלץ כינעזישע מאָטיוון, וואָס דאַרפן אָנווייזן אויפן כינעזער היים - לופט, היימישקייט, היים - דער־מאָנונג און טרייסט ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר אַהיים - בענקעניש.

ערשט אין אַ צווייטן אָוונט. נאָך דעם ווי איך האָב פּאַוואָלינקע און צעצויגן אויסגעזופּט אַ פלעשל קאַלט געטראַנק, איז דער בעל הבית צו מיר צוגעקומען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט. מיר האָבן זיך ביידע פאַר־געשטעלט און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ

ביסעלע אומצוטרוילעך און זיין העפלעכקייט איז געווען אַן אַרויפגע־צווונגענע. אָבער ערגער איז געווען דאָס וואָס עס האָט זיך געמערקט, אַז ער איז אויפריכטיק אין זיין אומוויסן בנוגע די מערסטע פראַגעס מיינע בנוגע כינעזער און כינעזישקייט.

איך האָב קוים פון אים אַרויסגעריסן׳ אַז אין מאָנטעווידעאָ, דאָס הייסט אין גאַנץ אורוגוויי, זענען דאָ ניט מער ווי אַ הונדערט מיט צוואַנ־ציק כינעזישע נפשות. רעדן רעדן ז יי צווישן זיך אויף צוויי דיאַלעקטן. דער צפונדיקער און דער דרומדיקער. די כינעזישע פסוקים דאָ אויף די ווענט — זענען שוין געשריבן ניט פון אויבן אַראָפּ, נאָר פון לינקס צו רעכטס.

דער נאָמען לין יו טאַנג איז אים דווקא יאָ באַקאַנט און ער שמייכלט צופרידן און שטאָלץ, ווען איך ווייז אים, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט לין׳ס אַ בוך. יאָ, לין יו טאַנג איז שוין אַלט 60 ביז 70 יאָר, ווייסט ער. (כ׳שטעל מיך פאָר, אַז ביי לין יו טאַנגען איז שוין דווקא יאָ דאָ אַ חילוק צווישן אַלט זיין 60 אָדער 70 יאָר). געפינען. געפינט זיך איצט דער באַרימטער כינעזישער דענקער און שרייבער אין ניו יאָרק, נאָכן האָבן צוריקגעקומען פון פראַנקרייך.

די היגע כינעזער האָבן אַלע פעסער וואָס עס האָט זיי אַרויסגעגעבן טשאַנג קאַי שעקס קאָנסול אין האָנג קאָנג. זייער אָפיציעלער קאָנטאַקט איז מיט פאָרמאָסאַ, אָבער מיט אַנדערע כינעזער פון די כינעזישע תפוצות, אַזוי ווי ביי אונדז יידן, איז ביי זיי כמעט ניט פאַראַן קיין קאָנטאַקט.

— וויפל כינעזער זענען בכלל דאָ?

— אין פאָרמאָסאַ — זענען דאָ אַכט מיליאָן כינעזער; איבער דער גאָרער וועלט, מחוץ לכינע, — 12 מיליאָן! און אין כינע אַליין — פיר הונדערט אַכציק מיליאָן.

— און מיטן קאָנטינענטאַלן, אייגנטלעכן כינע, האָבן היגע כינע־זער קאָנטאַקט?

— יאָ, אָבער בלויז אַ פערזענלעכן צווישן צעטיילטע משפחה־מיטגלידער. מען שרייבט זיך איבער. פון כינע קומען אָן קורצע בריוו. פון פאָרמאָסאַ — נאָרמאַלע, מיט פאַרשידענע פרטים וועגן לעבן.

— האָט איר דאָ אַ קירכע, אַ טעמפּל?

— ניין. די מערסטע כינעזער זענען גאָר קאָנפוציוס־אָנהענגער.

— האָט איר דאָ עפּעס אַ קלוב. אַן אָרט פאַר געזעלשאַפטלעכן צו־נויפקום?

— ניין. כינעזער זענען בכלל ניט געוווינט זיך צונויפצוקומען אין געזעלשאַפטלעכע צענטערן. אין כינע אַליין הייבט מען ערשט איצט אָן זיך צוצוגעוווינען צו אַזעלכע צונויפקומען. ביז איצט, איז דאָס גאַנצן אַזוי גערופענע געזעלשאַפטלעכע לעבן פֿאָרגעקומען נאָר אין די ראַמען פֿון דער אייגענער משפּחה. אין קרייז פֿון דער פֿאַמיליע־היים.

צום סוף האָט מיר נאָך מיין אינטערוויואירטער צוגעגעבן, אַז דאָ הי איז פֿאַראַן אַ כינעזישע ביבליאָטעק און אַ כינעזישער פּראָפֿעסאָר, וועלכער פֿירט מיט איר אָן. אפשר וואָלט מיר דער דאָזיקער פּראָפֿעסאָר, ד״ר סיאָ יו, געקענט זאָגן מער.

אין אַ שיינעם נאָך מיטאָג בין איך אוועק צו ד״ר סיאָ יו. געטראָפֿן האָב איך אים אין אַן אָפּטיילונג, אין דעם נייעם בנין פֿון דער אורוג־ווייער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. עס איז אַ ריזיק גרויס צימער, ווי אַ מין אונטערערדישער דעפּאָזיט. אָבער פֿון דעם גאַנצן ריזיקן צימער. זע־נען געווען פֿריי בלויז עטלעכע קוואַדראַט מעטער, פֿאַרנט ביים אריינ־גאַנג. דאָס גאַנצע צימער, אין דער גאַנצער לענג און ברייט און הייך, ביז צו דער סטעליע, איז געווען פֿול מיט נאָך פֿאַרהאַקטע קאַסטנס: די נאָך ניט אויסגעפּאַקעוועטע כינעזישע אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, ווי זי הייסט אָפֿיציעל.

ד״ר סיאָ יו איז געזעסן צווישן עטלעכע אורוגווייער יינגלעך און מיידלעך — זיינע היגע תּלמידים.

אָבער לאָמיר ניט כאַפּן. ד״ר סיאָ יו — אַ זייער סימפּאַטישער מענטש, פֿון מיטעלן עלטער, און מיט אַ צורה פֿון אַ ראַפֿינירטן אינטע-לעקטואַל וואָס פֿילט זיך אין דער היים אין דער מערב-אייראָפּעישער וועלט, האָט מיך אויפֿגענומען זייער פֿריינדלעך און זייער... נאַטירלעך, גלייך ווי אַ מענטש וואָס איז געוווינט אינטערוויואירט צו ווערן. איך האָב שוין פֿון פֿריער געוווּסט, אַז ווען איך רעד צו אים דאַרף איך אים רופֿן „ד״ר סיאָ״ און ניט ד״ר יו, און דאָס איז אים געפֿעלן. כינעזער רופֿן זיך און שרייבן זיך צו ערשט מיטן פֿאַמיליען־נאָמען און ערשט דערנאָך מיטן נאָמען. לין יו טאַנגס נאָמען, למשל, איז „יו טאַנג״ און די פֿאַמיליע „לין״.

ד״ר סיאָ, אַן אַרומגערינגלטער מיט קאַסטנס, מיט עטלעכע יוגנט־לעכע, און מיט אַן אַ שיעור כינעזישע בילדער אויף די ווענט, אויפֿן טיש און אויף דער פּאָל, האָט מיך געבעטן זיך אַוועקזעצן באַקוועם און

מיט זיין בראָדערישער אויסשפּראַך מיך פאַרבעטן אָנצוהייבן פרעגן. ער איז גרייט צו ענטפערן. דאָס רעדן בראדעריש האָט ער זיך אַ פּנים אויס־געלערנט ביים דערווערבן די פראַנצויזישע שפּראַך און דאָס איז זייער אַ פיינער אופן פאַר כינעזער ארויסצוריידן די רייש. ווען ניט אַ פראַנ־צויזישע „כ" וואָלט ער דאָך, במקום „ר" געמוזט זאָגן „ל", ווי דער רוב צי ווי אַלע כינעזער. ער וואָלט, אַ שטייגער, געמוזט זאָגן „אולוגואַי" אַנשטאָט „אורוגואַי".

און דאָס איז גאָרנישט צום לאַכן. גלייכער איז דאָס צו פאַרשטיין. עס איז לייכט צו באַמערקן אַ שטייגער, ווי „גרינע" איטאַליענער הי, קענען ניט אויסרעדן די „כ", ווייל אַזאַ קלאַנג איז בכלל נישט פאַראַן אין דער איטאַליענישער שפּראַך. במקום אַ „כ" נוצן די איטאַליענער אַ „ק" און איך בין זיי גאָר ניט מקנא ווען זיי מוזן אַרויסרעדן אַזעלכע ווערטער ווי „לע כורא פאַר מי היכאָ", אָדער אַנדערע. פונקט ווי עס איז נישט מקנא צו זיין דעם רוב פון אונדז, אימיגרירטע יידן, וועלכע זאָגן „בוינאַס" אַנשטאָט „בוענאַס" און „כוינע" אַנשטאָט „כועגאָ". אָדער פונקט ווי אורוגווייער, ווי אַלע שפּאַניש־רעדנדיקע פעלקער, קענען נישט זאָגן בשום אופן „ספּאָרטינג" נאָר „עספּאָרטינג", נישט „ספּילמאַן" נאָר „עספּילמאַן", נישט „שטראַסבורג" נאָר „עסטראַסבורגאָ" און נאָך אַזעל־כע ווערטער. עס איז לייכט צו זען אַז דאָס איז אַ מין ענין פון נאַציאָ־נאַלער „רעלאַטיוויטעט". יעדער פאָלק האָט זיך זייערע אייגענע פאָנעטישע פורעמס. און יעדעס פאָלק, ווען עס טרעפט אָן פרעמדע ווערטער וואָס עס מוז אַרויסרעדן, פרעסט עס זיי אַריין אין די אייגענע, נאַציאָנאַלע פאָנעטישע פורעמס. אָבער יענץ פאָלק, וועמענס ווערטער עס זענען אויף אַזאַ אופן צוגעאייגנט געוואָרן פון אַן אַנדער פאָלק, זעט נאָר דערין דע־פאָרמירונג, פאַרקריפּלונג. עס זעט אים אויס קאָמיש און די קאָמישע סיטואַציעס וואָס באַקומען זיך דערפון ווערן אָפט אַזוי פאַרשאַרפט, אַז זיי ווערן אַזש פאַרוואַנדלט אין טראַגיק. איז וואָסזשע איז דאָ פאַראַן וואָס צו לאַכן?

איך האָב זיך נישט געלאָזט קיין סך בעטן און איך האָב זיך באַלד אָנגעהייבן צו דערוויסן:

יאָ, אין אורוגוויי זענען דאָ אַ 200 כינעזער. פון פריער אַ הונדערט און אַ 100 — „גרינע", געקומענע ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק.

— און וויפל כינעזער זענען פאַראַן אין אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער?

— אין אַרגענטינע — 2.000; אין בראַזיל — 8.000; און אין פּערו — 80.000 —

איך דרוק אויס מײַן פאַרוווּנדערונג: אַזעלכע מאַסן כינעזער אין אַ בראַזיל צי פּערו אין פאַרגלײַך מיט קוים 200 אין אורוגוויי!

— יאָ, ענטפערט ער מיר, מיר זענען געקומען אַהער נישט וועגן כינעזער, נײַערט וועגן כינעזישער קולטור („כינעזישקייט" אויף פּראָסט יידיש גערעדט). און כינעזישקייט, זעט אויס, קען מען מרביץ זײַן ניט דווקא צווישן כינעזער. אויך אורוגווייער קענען דערצו זײַן אַ פּרוכט־באַר פעלד.

— איז פאַראַן אין אורוגוויי עפּעס אַ כינעזישע אָרגאַניזאַציע?

— יאָ, איצט איז שוין פאַראַן איינע. ערשט נישט לאַנג האָט זי זיך געגרינדעט.

— ווי ריידן די היגע כינעזער? אַלע איין שפּראַך?

— יאָ, אַלע ריידן די געמיינזאַמע אָפיציעלע שפּראַך. און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז עס איז פאַראַן אויך „כלל־כינעזיש" פּונקט ווי עס איז פאַראַן אויך „כלל־יידיש" ווי אונדזער ייווא רופט עס אָן. וואָס שייך שריפטלעך — פאַרשטייען זיך כינעזער אַוודאי איין, פון וואַנען זיי זאָלן ניט שטאַמען.

— איז דאָ הי פאַראַן אַ כינעזישע צײַטונג?

— יאָ. מײַן פרוי רעדאַקטירט הי אַ העקטאָגראַפירטן כינעזישן זשורנאַל. איך בעט אים אַן עקזעמפּלאַר און ער שענקט מיר איינעם. דער דאָזיקער זשורנאַל הייסט „נאָן פאָן" — דרום־ווינט. מיט דרום־ווינט מיינט מען אויף כינעזיש: זיסער ווינט, לינדער ווינט — סימבאָל פון פרײַהייט און דעמאָקראַטיע.

און ער גיט צו: צוריק מיט דרײַ יאָר האָט נאָך מײַן פרוי געאַרבעט צוזאַמען מיט לין יו טאַנג בײַ אַ זשורנאַל וואָס האָט געהייסן „טין פאָן" — „הימל־ווינט". היינט רעדאַגירט זי אַליין אַ זשורנאַל.

— אַזוי? לין יו טאַנג? וווּ געפינט ער זיך איצט?

— ביז נישט לאַנג איז ער געווען אין סינגאַפּור אַלס רעקטאָר פון אוניווערזיטעט אין נאַ ניאַנג. ער האָט אונדז געשריבן אַז ער פאָרט קיין פראַנקרײַך. פון דאָרט קיין ניו־יאָרק, זײַן פאַמיליע וווינט פערמאַנענט אין ניו־יאָרק.

— וואָס־זשע שטייט עפּעס געשריבן אין דעם דאָזיקן נומער „נאָן־פאָן"?

— אין דעם היגן זשורנאַל שרייבן אַרטיקלען אַ כינעזישער גע־וועזענער בילדונגס - מיניסטער, דער איצטיקער כינעזישער אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע, ער אַליין — ד"ר סיאָ יו און זיין פרוי. עס זענען פאַראַן אין זשורנאַל אַסך לידער. אַ ליד מוז נישט זיין לאַנג און יעדער פּאָעט־מחבר האָט צו מער ווי איין ליד. דאָס ערשטע אַרטיקל פון דעם דאָזיקן נומער איז געווידמעט דעם ערשטן מאַי. מיין פרוים ליד הייסט: „האַרבסט־ליד". מיין פרוי איז אַ פּאָעטעסע און אַ מאָלערין. אַ באַקאַנטע מאָלערין, ספּעציעל אין פּאַריז. זי האָט זיבן יאָר שטודירט אין נאָרדאַ־מעריקאַנער אוניווערסיטעט. זי איז עקס־פּראָפעסאָרשע פון דעם צענ־טראַלן אוניווערסיטעט אין נאַנקינג. שפּעטער האָט זי שטודירט מאָלעריי אין פראַנקרייך און דאָרט דערנאָך געהאַט אַסך אויסשטעלונגען.

— און ווי מאַכט איר דעם זשורנאַל? איר האָט אַ כינעזישע שרייב־מאַשינקע?

— יאָ.

— וויפל צייכנס, אותיות, האָט זי?

— צוויי טויזנט. ער טוט זיך דאָס אַ זאָג גאַנץ רואיק. פּונקט ווי איך וואָלט געזאָגט אַז אונדזער א"ב האָט 22 צייכנס.

און ער גיט צו: לין יו טאַנג האָט דערפונדן אַן איינפאַכע, קלענערע שרייב - מאַשינקע, אָבער זי ווערט נאָך ניט פּראָדוצירט, ווייל ער וויל נישט געבן די דערפינדונג דער קאָמוניסטישער כינע.

— איך מעג דאָס פאַרצייכענען?

— יאָ.

— איז וויפל זשע צייכנס וואָלט מען געקענט שרייבן מיט לין יו טאַנגס שרייב - מאַשינקע?

— אָ, אַסך מער. אָן אַ צאָל. דערפאַר ווייל זי איז געמאַכט אַזוי, אַז מען זאָל קענען קאָמבינירן צייכנס מיט צייכנס.

— און וואָס הערט זיך מכוח אָנהייבן שרייבן כינעזיש מיט לאַטיי־נישע אותיות?

— ניין, דאָס וואָלט געווען אַ שאָד.

— האָט איר דאָ אויך אַ כינעזישן לינאָטיפּ?

— יאָ. אָבער ער ווערט נאָך נישט באַנוצט.

— זענען פאַראַן אין דרום־אַמעריקע אויך אַנדערע כינעזישע אויס־גאַבעס?

— יאָ. אין לימאַ, פּערו, גייט אַרויס אַ חודש־שריפט „על אַריענ-טאַל״, האַלב אויף שפּאַניש, האַלב אויף כינעזיש. דער דירעקטאָר הייסט אַלפּרעדאָ טשאַנג ק.

איך בעט אים ער זאָל מיר ווייזן אַ נומער. ער ווייזט מיר. אַ גאַנץ דיקלעכער זשורנאַל מיט שיינע אילוסטרירטע טעוועלעך, ענלעך צו אַ נאָרדאַמעריקאַנער זשורנאַל ־ טיפּ. אינעווייניק — אַסך פאָטאָגראַפישער מאַטעריאַל. נייעסן פון דער „סאָציאַלער וועלט״: אַ באַל, אַ פייערונג פון אַ מיידלס 15־יעריקן געבוירנטאָג, חתונות. מע זעט בפירוש אַז די כינעזער אין פּערו זענען מקיים דעם „ווי עס פּערואַנעוועט זיך — אַזוי כינעזעוועט זיך״. עס דערמאָנט מיך אין אונדזער היימישן יידישן וועל-טעלע. און נאָך עפּעס דערמאָנט מיך אין אונדזער היימישן יידישן וועל-טעלע: די פאַמיליעס פון די מחברים פון די אַרטיקלען אָדער פון די פּריילנס וואָס ווערן דאָרט פאָטאָגראַפירט זענען טאַקע כינעזישע, אָבער די נעמען — שפּאַנישע: אַלפּרעדאָ טשאַנג אָדער סאַנטיאַגאָ כהן — קלינגט עס נישט ענלעך?

מיר פאַרגלוסט זיך צו זען בפירוש ווי מען שרייבט פאַר מיינע אויגן כינעזיש און איך בעט אים ער זאָל מיר עפּעס אָנשרייבן. פרעגט ער מיך וואָס. זאָג איך אים ער זאָל אָנשרייבן דעם נאָמען פון דער צייטונג; „פאָלקסבלאַט״.

ער פאַרטראַכט זיך אַביסל. און ער שרייבט מיר אָן פיר צייכנס.

אַזוי ווי איך האָב געזען, אַז ער האָט געמוזט אַ טראַכט טון פאַר יעדן צייכן אָנשרייבן, פאַלט מיר איין, אַז מסתמא האָט ער נישט געשריבן בלויז קלאַנגען, נאָר הירעאָגליפן, וואָס סימבאָליזירן גאַנצע ווערטער. טו איך אים אַ פרעג: וואָס באַדייטן די פיר ווערטער. און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז איך האָב געטראָפן: די פיר צייכנס וואָס ער האָט אָנגעשריבן זענען פיר טראָפן אָבער יעדער איינס איז אַ וואָרט ווייל די כינעזישע שפּראַך איז דאָך אַ מאָנאָסילאַבישע, און יעדער וואָרט באַדייט עפּעס. און אָט וואָס ער האָט אָנגעשריבן: בלומען, פּאָעזיע, נאָמען אַוועקגעוואָרפן.

איך בין גאָרנישט געבליבן באַגייסטערט פון דער אויסדרוק ־ מעג-לעכקייט פון די כינעזישע טויזנטער צו צענדליקער טויזנטער צייכנס. צייכנס פון באַגריפן אַנשטאָט אונדזערע פּשוטע אותיות־קלאַנגען מיט וועלכע מען קען געווים אויסדרוקן יעדעס וואָרט פון וועלכער ס'נישט איז שפּראַך אויף דער וועלט. און מיט „אונדזערע אותיות״ מיין איך

נישט דווקא אונדזערע העברעיש - יידישע, נאָר בכלל די אַלע שפּראַכן וואָס באַנוצן זיך מיט אותיות און נישט מיט קיין באַגריפן־סימנים.

דאָס אַלץ איז לייכט צו טראַכטן פאַר מיר, אַ נישט־כינעזער. אָבער ווען איך האָב זיך געטון אַדערמאָן אין אונדזער אייגענעם אלף־בית — אין וועלכן דורות יידישע געלערנטע דענקער און טרוימער האָבן אַריינ־געטייטשט פילאָזאָפישע אַריינטייטשונגען און כוונות, פון די חכמי התל־מוד און ביז די היינטצייטיקע יידישע וואָרט־מייסטערס, ווי אַן אליעזר שטיינבאַרג; ווען איך האָב זיך אין דעם אַלעמען דערמאָנט, האָב איך מיר אָנגעהייבן פאָרשטעלן אַז ווער ווייסט וויפל פילאָזאָפיע און לעבנס־חכמה דורות כינעזישע געלערנטע האָבן אַריינגעטייטשט און איבערגע־געבן במסורה, אויף יעדן באַזונדער כינעזישן אות, יעדער שטיבעלע־ווענטעלע פאַר זיך. איז דען אָפּט נישט שווער אויף העברעיש אויסצו־דרוקן אַ קלאַנג, אַ וואָרט, ווערטער, אָן די „וואָקאַלן” און דאָך — האָט דאָך אָט אָ דער, לכאורה אומבאַהאָלפענער העברעיש אלף־בית אונדז דערהאַלטן ביים לעבן דורך יאָרהונדערטן צעוואָרפנקייט און צעשפּרייט־קייט און ער, דער אלף־בית, איז אפשר דער פעסטסטער פון אַלע ווינקל־שטיינער אין די יסודות פון מדינת ישראל.

איך הויב אָן ווייטער אויסצופרעגן:

— מיט וואָס באַשעפטיקן זיך בעיקר די כינעזער הי ?

— די מערסטע — מיט כעמישן פוצן קליידער. די גרעסטע כעמי־שע קליידער־פוצעריי הי איז אַ כינעזערס. איר בעל הבית איז אויך דער גרעסטער גביר פון דער כינעזישער קאָלאָניע. ער איז אַהער אָנגעקומען מיט פיר פעזעס אין קעשענע. היינט איז ער רייך ווי קורח.

— זענען ביי אייך פאַראַן קינדער אין שול - עלטער ? האָט איר פאַר זיי אַ כינעזישע שול ?

— יאָ עס זענען ביי אונדז דאָ אַ פערציק קינדער אין שול־עלטער. קיין כינעזישע שול האָבן מיר נישט, אָבער זי פעלט אונדז אויך נישט אויס. אַלע כינעזישע קינדער קענען סיי־ווי ריידן כינעזיש און אַבסאָלוט אַלע לערנען אויך לייענען און שרייבן כינעזיש.

— ווי אַזוי איז עס מעגלעך אויב איר האָט נישט קיין שול ?

— ווייל זייערע מאַמעס זענען אַלע געבילדעטע פרויען. די מערסטע האָבן געענדיקט אוניווערסיטעטן, און זיי אַליין לערנען מיט זייערע קינ־דער כינעזיש.

— די קינדער גייען אין אורוגווייער שולן?

— יאָ. איך קען דיר אויסרעכענען גענוי: צוויי קינדער גייען אין אַ פראַנצויזישער שול; 5 — אין דער אַמעריקאַנער; 3 — אין דער ענגלישער; 2 — אין דער דייטשישער און די איבעריקע — אַלע אין אורוגווייער שולן.

— און וואָס איז מיט רעליגיע? זענען די היגע כינעזער קריסטן?

— יאָ. אָבער אַ קליינער טייל. פאַראַן פּראָטעסטאַנטן און קאַטאָ-ליקן. אָבער די מערסטע האָבן נישט קיין שום רעליגיע. זיי זענען אָנ-הענגער פון קאָנפוציוס.

— הייסט עס, אַז זיי זענען אָנהענגער פון קאָנפוציוסעס רעליגיע?

— פּרווו איך אים פאַריכטן.

— ניין, קאָנפוציאַניזם איז נישט קיין רעליגיע. ס'איז אַ לעבנספי-לאָזאָפיע.

דאָ דערמאָן איך זיך ווי לין יו טאַנג רעדט טאַקע וועגן כינעזער און וועגן דער ווירקונג פון קאָנפוציאַניזם אויף זיי. לין יו טאַנג איז דער באַרימטסטער כינעזישער שרייבער אויף דער וועלט. אויף דער מחוץ לכינעדיקער וועלט. אין כינע זענען אפשר פאַראַן גרעסערע כינעזישע שרייבער ווי ער. אָבער קיינער איז ניט אַזוי וועלט - באַרימט ווי לין יו טאַנג. דאָס איז פּשוט דערפאַר ווייל ער שרייבט אויף ענגליש און חוץ דעם שרייבט ער נאָך אַזאַ שיינעם ענגליש, מיט וועלכן נישט איין ענג-לישער שרייבער איז אים מקנא.

דער דאָזיקער לין יו טאַנג איז חוץ אַן אולטראַ - מאָדערנער דענקער און שרייבער אויך אַ גרויסער כינעזישער פאָלקיסט. ווען מע זאָל וועלן רעדן מיט יידישע קולטור - היסטאָרישע טערמינען — איז ער שוין אַריבערגעוואַקסן דעם כינעזישן משכיליזם. ער איז שוין — לויט עס דעפינירט אים פּוירל בעק — דער אויסדרוק פון אַ דור, וואָס האָט זיך שוין צוריקגעקערט פון דער לעפּישער באַגייסטערונג מיט אַלץ וואָס איז מערב-אייראָפּעיש און אומכינעזיש צום אייגענעם, צום טיף - נאַציאָנאַלן. צו דעם וואָס וואָרצלט אין עבר און וואָס האָט אָבער שטענדיק פרישע זאַפטיקייט פאַר נייע פאָרמען פאַר דעם אַלטן, עכטן אינהאַלט.

וואָס שייך זיין באַציונג צו כינעזער איז זי אַוודאי פול מיט ליב-שאַפט אָבער גלייכצייטיק — מיט בייסיקער איראָניע און סאַטירע. אָפּט-מאָל דערמאָנט ער אין אונדזער מענדעלע מוכר ספרים. ווען אַ נישט כינע-

זער זאָל שרייבן אזוי ווי לין יו טאַנג וועגן כינעזער, וואָלט מען אפשר געזאָגט, אז ער איז אַן „אַנטיכינעזיט” (ווי אַנטיסעמיט), אָבער לין יו טאַנג שרייבט עס אויס טיפער ליבשאַפט. ער שטראָפט און מוסרט מתוך אהבה.

ער זאָגט למשל, צווישן אַנדערן, אַז אין כינעזער איז שוין פאַראַן מיטגעבוירענע בטלנות וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ לעבנס־פילאָ־זאָפיע. ביי אַ כינעזער איז נאַטירלעך צו לאָזן זיך באַעוולה'ן באַליידיקן, און דערביי אָפּשווייגן און שמייכלען פילאָזאָפיש. דער כינעזער איז אַ אַ שמח בחלקו. באַגנוגנגט זיך מיט זייער ווייניק. אבי אַ זאַטע וועטשע־רע, אַ פולער בויך און אַ וואַרעם בעט — זאָרגט ער מער נישט. דער כינעזער איז אויך בטבע אַ קאָנסערוואַטיווער. יאָגט זיך נישט נאָך נייעס ווייל ער האָט מורא, אַז ער קען נאָך פאַרלירן דעם ביסעלע באַקוועמע עולם הזה. וואָס שייך רעליגיע — פאַרמאָגן ניט די כינעזער קיין גלויבן אין אַ יענער וועלט. דעריבער איז זיי אַזוי ליב דאָס ביסעלע היינט מיטן פולן מאָגן. דאָס ביסעלע ערדישע לעבן. לעבן פאַר יעדער פּרייז. דער אייראָפּייער איז פעיק צו שאַפן זאַכן, אָבער ער איז נים פעיק פון זיי צו געניסן. דער כינעזער דערפינדעט און שאַפט ווייניק באַקוועמלעכ־קייטן, אָבער ער האָט שכל צו געניסן פון דעם ביסעלע וואָס ער פאַר־מאָגט. דער כינעזער איז דעריבער פאַרליבט אין ערדישן לעבן און איז נישט גרייט עס אויסצובייטן אויף אַ פּראָבלעמאַטישער יענער - וועלט.

אוודאי זאָגט דער זעלבער לין יו טאַנג מיט עטלעכע זייטן ווייטער, אַז ביי דעם כינעזער פאַרנעמט פּאָעזיע דאָס פּלאַץ פון רעליגיע. דאָס שרייבן און לייענען פערזן אין וועלכע עס ווערט אויסגעדרוקט אומעט, בענקשאַפט, פאַרליבטקייט און די שיינקייט פון דער נאַטור — פון אַ צעצוויטעטן בוים, אָדער אַ צונויפקום פון פריינד ביי אַ טשייניקל טיי — דאָס אַליץ איז דערפירט ביז צו שלמות און גייט אָפט אַריבער אין פאַנטאַזיעס. אָבער דאָס איז נישט קיין רעליגיע אין דעם אַלגעמיין אָנגע־נומענעם זין.

די כינעזער האָבן דעריבער הי נישט, נישט נאָר קיין קלויסטער, נאָר זיי האָבן אויך נישט אַזוינס, וואָס אונדז איז עס שווער צו באַ־נעמען: זיי האָבן נישט קיין זונטיק, קיין שבת, נישט קיין שום וועכנט־לעכן אָפּרו־טאָג. פאַר אונדז יידן אויף וועמען עס זאָגט זיך, אַז נאָך מער ווי מיר האָבן אָפּגעהיט דעם שבת, האָט דער שבת אונדז אויפגע־

היט, פֿאַר אונדז איז שווער צו באַגרײַפֿן אַזוינס — אַ פֿאָלק וואָס זאָל נישט האָבן קיין וועכנטלעכן אָפּרו־טאָג. מיר לעבן כמעט אויף דער גאַנ־צער וועלט אָדער צווישן זונטיקדיקע קריסטן, אָדער צווישן פֿרײַטיקדיקע מאַכמעדאַנער — איז אונדז שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַזעלכע מענטשן, וואָס עס איז נישטאָ בײַ זײ קיין איין טאָג, סײַ פֿאַר פֿיזישן אָפּרו, ווי פֿאַר גײַסטיקער, נשמהדיקער איבערפֿרישונג.

דער פּראָפֿעסאָר סיאַאָ דערקלערט מיר, אַז לויט קאָנפֿוציוסעס פֿי־לאָזאָפֿיע זענען פֿאַראַן בײַ די כינעזער בלויז צוויי טעג אין יאָר — אײנער אין פֿרילינג און דער צווייטער אין הארבסט — ווען עס קומען פֿאָר מאַסן־צערעמאָניעס אויף די פֿעלדער, אין זין פֿון קאָנפֿוציוסעס לערע. און דאָס איז אַלץ. ער אַליין, פּראָפֿ׳ סיאַאָ, איז אויך אַן אָנהענגער פֿון קאָנפֿוציוסעס תורה און ער פֿילט זיך גאָרנישט שלעכט. פֿאַרקערט, אין זײַן רײדן פֿילט זיך עפּעס אַ פֿילאָזאָפֿישער טאָן פֿון אײנעם וואָס קוקט ווי אויף קינדער אויף אונדז אַלע, די באַשווערטע מיט רעליגיעס אָנשטאָט באַוואָפֿנטע מיט אַ פֿילאָזאָפֿישן צוגאַנג צום לעבן.

— און וואָס איז מכּוח אַ נאַציאָנאַלן פֿאָלקס־טראַכט? טראָגן אײַ־ערע פֿרויען הי דעם נאַציאָנאַלן טראַכט?

— ניין. — זאָגט ער מיר מיט באַדויערן. הגם ער איז אַזוי שיין. שענער ווי די פּראָוואַישע קליידער בײַ די אײראָפּעערינס. נישט אמת?

— טוט ער זיך אַ ווענד מיט אַ שמייכל צו אײנער פֿון זײַנע שילערינס. ער איז זיכער, אַז עס איז אַזוי. דער אײנציקער כינעזער וואָס טראָגט דאָ הי אַ כינעזישן טראַכט איז אַן אַלטער מאַן פֿון 75 יאָר. טשו הייסט ער. ער האָט הי אַ ברייט־צעווייגטע משפּחה פֿון דריי זין מיט עפּעס אַריבער צוואַנציק נפֿשות. ער האָט אַסך אייניקלעך. ער איז אַ שטרענגער קאַטאָ־ליקער און יעדן פֿאַרטאָג גייט ער אין קלויסטער אַרײַן. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב שוין טאָקע דעם דאָזיקן אַלטן כינעזער געזען אַסך מאָל. ער וווינט אין מײַן געגנט. טראָגט אַ לאַנגן כאַלאַט מיט אַ כינעזיש מיצל. אַ שפּיציק בערדל. אַן אויסגעבויגענע פֿלייצע. אַ פֿרום פֿאַראײנזיכטע צורה. שטענדיק טראָגט ער אין די הענט אַ בייטשל טונקעלע קרעלן און ציילט זײ, רוקט זײ איבער דורכאַנאַנד. „ער איז ניט קיין אינטעלעקטו־אַל", דערקלערט מיר פּראָפֿ׳ סיאַאָ, ער ווייסט גאָרנישט מער, חוץ וועגן קאַטאָליציזם. אין זײַן טאָן איז דאָ עפּעס פֿון באַדויערן לגבי יענעם. דאכט זיך אַזוי פֿלעג אַמאָל בײַ אונדז רעדן אַ ליטווישער מתנגד וועגן אַ גאַליציאַנער חסיד.

— וואָס הערט זיך מיט איבערזעצונגען פון כינעזיש אויף שפּאַניש? פאַראַן קלאַסישע ווערק וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף שפּאַניש?

— פאַראַן קלאַסישע ווערק וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף שפּאַניש אין פּאַריז. אַ טייל פון זיי האָט ער דאָ אין ביבליאָטעק. פאַראַן אויך איבערזעצונגען פון שפּאַניש אויף כינעזיש. „דאָן קיכאָטע" איז איבערזעצט אויף כינעזיש, פּונקט ווי אַלע אַנדערע גרויסע שרייבערס. פון אַ טייל קלאַסישע אייראָפּעישע ווערק זענען דאָ מער ווי צו איין איבערזעצונג, פון פאַרשידענע איבערזעצערס - איבערשאַפערס. ער גלויבט אַז פון יידן אויך. אָבער ער געדענקט נישט צו האָבן געלייענט עפּעס.

— ווייסט איר עפּעס פרעג איך, וועגן יידן אין כינע?

איך נוץ דערביי דאָס שפּאַנישע וואָרט „כודיאָס" און ער, נאָך אַ קנאַפּער קענער פון שפּאַניש, ווייסט ניט וואָס דאָס הייסט. איך זאָג אים איבער דאָס וואָרט אויפן פראַנצויזישן „זשוויף" און ער שרייבט זיך אויף ביידע ווערטער זייט ביי זייט פאַר זיך, און דאַנקט מיר דערפאַר.

— יאָ, זאָגט ער מיר, צוריק מיט אַ צוויי הונדערט יאָר זענען געווען אַסך יידן אין כינע, אָבער דערנאָך זענען זיי אַלע געוואָרן כינעזער, אין דער פּראָווינץ האָ־טאָן, אין צענטראַל־כינע, זענען דאָ אַ צוויי הונדערט יידישע פאַמיליעס, אָבער זיי אַסימילירן זיך אויס; ווערן אויסגעמישט מיט די כינעזער. ער זאָגט עס מיר מיט אַ נישט - באַהאַלטענעם צופרידענעם שמייכל: ביי אונדז איז אַ דעמאָקראַטיש פאָלק און מען איז פריי זיך צו אַסימילירן. חוץ דעם זענען מיר אַ פאָלק מיט אַן אַלטער קולטור. די יידן (אין כינע — מיינט ער אוודאי) האָבן נישט געהאַט קיין קולטור, האָבן זיי זיך אויסגעמישט און אַסימילירט געוואָרן. עס איז ניט קיין חריפות — מיר זענען אַ פאָלק מיט אַ 5000־יעריקער קולטור. חוץ דעם זענען מיר ספּעציאַליסטן צו אַסימילירן. מיר האָבן געהאַט די אינוואַזיעס פון די מאַנטשוס און פון די מאָנגאָלן, האָבן זיי אונדז אַזוי לאַנג באַהערשט, ביז זיי אַליין זענען געוואָרן כינעזער. וואָס דאַרפסטו מער: אין 16־טן און 17־טן יאָרהונדערט זענען געקומען יעזואיטישע מיסיאָנערן און אָפּגעאַרבעט ביי אונדז אַ שטיק צייט. אָבער ווען זיי זענען אין אַ צייט אַרום צוריקגעקומען קיין אייראָפּע, האָבן זיי אַזויפיל גערעדט און דערציילט וועגן קאָנפוציוסעס לערע, אַז מען האָט זיי אַזש

חושר געווען, אַז אַנשטאָט אָפּצושמדן קינעזער אויף קריסטלעך, זענען גאָר זיי אַליין די אָפּגעשמדטע אויף תורת קאָנפוציוס.

אָבער ווען איך באַמערק פּראָפ׳ סיאַאָ, אַז אויך אורוגווײַ איז זייער אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, און אַזוי ווי קינעזער זענען דאָ פאַראַן זייער ווייניק וואָלט, דעריבער געווען זייער לאָגיש צו דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן זיך דאָ אַסימילירן, ענטפערט ער מיר מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין". איך האָט פאַרשטאַנען, אַז זײַן „ניין" איז אפשר אַזויפיל נישט קיין רעזול־טאַט פון איבערצייגטקייט, ווי פון ... ווילן. איך האָב אים דעריבער נישט דערציילט, אַז אויך יידן אין כינע האָבן זיך נישט געוואָלט אַסי־מילירן; אַז זיי האָבן יאָ מיטגעבראַכט זייערע מנהגים און טראַדיציעס. אַז זיי פלעגן, למשל, ביי שמונה עשרה שטיין מיטן פנים צו מערב, פונקט ווי מיר דאָ — קיין מזרח. דערפאַר ווייל ארץ ישראל איז פאַר כינע אין מערב. איך האָב אים נישט דערציילט, אַז כינעזישע יידן פלעגן אין זייער מקום קדוש רייכערן ווייראַך פאַר די נשמות פון אברהם, יצחק און יעקב פאַר זיינע 12 זין און פאַר יהושען און עזראן. אַז דער יידישער רייזנדער פון 19־טן י"ה, בנימין השני, וועמענס אמתער נאָמען איז גאָר געווען ישראל יוסף, אַ רומענישער ייד פון שטעטל פאַלטיטשעני, אַז דער דאָזיקער „בנימין" האָט נאָך געטראָפן יידן בעת זיין אָנקום קיין כינע. איך האָב זיך אויך איינגעהאַלטן און נישט דערציילט דעם פּראָפ׳ סיאַאָ אַן עפּיזאָד וועגן וועלכן איך האָב געלייענט אין אַ תל אביבער זשורנאַל און וואָס ווייזט, אַז אַ כינעזישע נשמה קען זיך אויך אַסימי־לירן, אויב זי געפינט זיך פאַרן נסיון פון זיין אַ יחיד צווישן אַ רבים:

אויף אַ צענטראַלער גאַס פון תל אביב גייט אַ שיינע און שיין־גע־שטאַלטיקע כינעזערין. אין דער אמתן איז זי אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין שאַנכיי אין אַ דייטשיש־יידישן דאָקטאָר מעדיצין, מיט אים חתונה געהאַט און אים געהאַט צוויי קינדער. איינס הייסט „מאָרגן־זון" און דאָס צווייטע „פרילינג־ווינט". אַז דער מאַן, דער ייד, איז איצט געקומען קיין מדינת ישראל, נאָך אַזויפיל יאָרן וואָגלען, האָט זי געזאָגט פונקט ווי רות פון מואב: „דיין פאָלק איז מיין פאָלק און דיין היים איז מיין היים" און אָט איז זי אין תל אביב, הינטער איר גייט איר אָבער נאָך אַ תל־אביבער דענדי און ער זעט איינס: אַ שיינע פרוי וואָס רייצט אים מיט איר שלאַנקייט און עקזאָטישקייט. און ער הויבט זיך אָן פרווון דאָס מזל אויף כל המינים לשונות: „ביוטיפול

אורוגוואַרצלען

טשיין גערל" „בעל שינעז" און נאָך. און ער גייט און גייט און שעפּ־טשעט און ווערט נישט מיד צו שעפּטשען לאָקנדיקע זאַצן. און מיטאַמאָל גיט זיך די עקזאָטישע פרוי אַ דריי אויס, שטעלט זיך אָפּ, מעסט אים אָפּ פון אויבן אַראָפּ און דערלאַנגט אים גלייך אין פּנים אַריין: „מה יש, טפּש ?! " די דאָזיקע כינעזערין וועט שוין באַשטימט נישט דערציען קיין כינעזער אין ישראל.

— האָבן כינעזער חתונה מיט אורוגווייערינס אָדער פאַרקערט, פרעג איך.

— אַלס ענטפער — ווידער אַמאָל אַ קאַטעגאָרישער „ניין".

— און ווי איז מיט יאַפּאַנער, פרעג איך ווייטער. האָט איר קאָנ־טאַקט מיט זיי?

זענען נישט פאַראַן ביי כינעזער קיין „איינגעוואָרצלטע" געפילן קעגן יאַפּאַנער, אַזוי צ"ב ווי ביי רומענער קעגן אונגאַרן, אָדער ביי פראַנ־צויזן קעגן דייטשן?

— ניין, ענטפערט ער מיר. היינט זענען ביידע פאַרבונדן קעגן אַ דריטן.

— און וואָס איז מכוח דער באַרימטער כינעזישער ביבליאָטעק וואָס געפינט זיך אין מאָנטעווידעאָ?

און דאָ דערציילט ער מיר אַזוינס וואָס איז באמת זייער אינטע־רעסאַנט:

אין 1932 האָט זיך אין גענף געגרינדעט די „אינטערנאַציאָנאַלע כינעזישע ביבליאָטעק". ווען די שווייץ האָט אָנערקענט דאָס קאָמוניס־טישע כינע, איז אין די קרייזן פון כינעזישע פּערזענלעכקייטן אין דער שווייץ, באַשלאָסן געוואָרן איבערצופירן די ביבליאָטעק ערגעץ אַנדערש־ווו. עס זענען געווען פאַרשידענע פּראָיעקטן, אָבער ער אַליין, ד"ר סיאָאָ יו, דער דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק האָט באַשלאָסן אָנצונעמען די אורוגווייער איינלאַדונג איבערצופירן די ביבליאָטעק דווקא אַהער. ער־שטנס — קיין דרום־אַמעריקע, ווייל אין גאַנץ דרום־אַמעריקע איז נאָך נישט געווען קיין שום צענטער פון כינעזישער קולטור. און צווייטנס — דווקא קיין אורוגווויי — ווייל דאָ איז פאַראַן רואיקייט, סטאַביליטעט און דעמאָקראַטיע. כינעזישע קולטור־צענטערס, שפּראַך און ליטעראַטור־קורסן, ביבליאָטעקן, זענען פאַראַן אין ניו יאָרק און אויך אין אייראָפּע, ווי למשל ביים סאָרבאָנאַ - אוניווערסיטעט אין פּאַריז. ער אַליין איז דאָרט געווען דער פּרעזידענט פון אינסטיטוט פאַר העכערע כינעזישע

שטודיומס. אויך אין לאָנדאָן און אין אַן אַנדערער אײראָפּעישער שטאָט זענען פאַראַן כינעזישע ביבליאָטעקן. אין די פּאַרײניקטע שטאַטן לערנט מען כינעזיש אין מער װי הונדערט שולן. עס זענען דאָרט פאַראַן זיבן גרויסע כינעזישע הויך־שולן. נאָר אין דרום־אַמעריקע איז נאָך גאָרנישט געװען אויף דעם געביט. איז דעריבער באַשלאָסן געװאָרן דאָ אײנצו־אָרדענען דעם ערשטן און דערװײל אײנציקן צענטער פון כינעזישער קולטור פאַר גאַנץ לאַטײן־אַמעריקע.

— און װאָס פאַר אַ כינעזישע קורסן זענען דאָ פאַראַן?

— עס װערט געלערנט: כינעזישע שפּראַך, ליטעראַטור, מאָלערײ, קאַליגראַפיע און אויך כינעזיש... קאָכן.

די לערערס זענען פּראָפ. סיאַאָ יו און זײן פרוי. אַלץ װערט גע־לערנט אַבסאָלוט אומזיסט. „איך פיל זיך װי אַ טאַטע צװישן זײנע קינדער, מיט מײנע תלמידים און תלמידות" דערקלערט פּראָפ׳ סיאַאָ יו. איך באַקום ניט קײן געצאָלט און איך נײטיק זיך ניט אין דעם. איך נײטיק זיך אין גײסטיקער באַפרידיקטקײט און דאָס האָב איך פון מײן אַרבעט. אַז די תלמידים און תלמידות האָבן אים ליב — זעט מען פון זײער אַרומדרײען זיך אַרום אים, פון זײער רעדן צו אים. עס שײנט פון זײ אַרויס באַציונג, רעספּעקט און סימפּאַטיע.

אַרום און אַרום זענען פאַראַן 148 יוגנטלעכע — אורוגװײער ייִנג־לעך און מײדלעך און אויך עטלעכע אויסלענדער — װעלכע קומען צו די פאַרשידענע קורסן. פּראָפ׳ סיאַאָ יו זאָגט מיר אַז זײנע שילער רעדן שוין פרײ כינעזיש. װאָס שײך קאַליגראַפיע און מאָלערײ — זע איך עס אַלײן. אַרום און אַרום בילדער אָדער אַזעלכע מיני מגילות מיט כינעזישע אױפשריפטן, פאַרשידענע פּסוקים. אָט איז אויף אײנעם, למשל אויפגעשריבן: אַזוי האָט געזאָגט קאָנפוציוס: אַלע מענטשן אויף דער ערד זענען ברידער.

— אַלע בילדער װאָס דו זעסט דאָ, דערקלערט מיר פּראָפ׳ סיאַאָ יו, דאָס האָב איך ניט געבראַכט פון כינע. דאָס האָבן געמאָלן מײנע תלמי־דים. אָט איז פרײלן עלענאַ ראַמירעז — זי װעט אַמאָל זײן אַ גרויסע אורוגװײער מאָלערין. און אָט איז דער בלאָנדער מאַריאָ זשאַגלין — אויך אַן אורוגװײער מאָלער. בײדע זענען פײנע מאָלערס פון כינעזישע פּײסאַזשן, כינעזישע טיפּן און כינעזישער קאַליגראַפיע. איך קוק זיך אַרום און באַטראַכט די בילדער, איך װאָלט געװען געשװוירן אַז דאָס אַלץ איז פּראָדוצירט געװאָרן אין כינע. אָט איז אַ בילד װוּ מען זעט

פיר כינעזישע פּאָעטעסעס. זיי זענען זיך צונויפגעקומען לייענען זייערע אייגענע שאַפונגען, אויפן גראָז אונטערן פרייען הימל. זיי זענען אָנגעטון אין זייערע ספּעציעלע טראַכטן. טיפּישע פּאַרקעמונגען. אויף די פּנימער — ערגסט און צאַרטקייט. אין הינטערגרונט — צעצווייטעטע ביימער. אויף אַ טישל — אַ טשיינקל. ווייטער אַ ביסל — אַ בושל אויף איין פוס און אַ לאַנגן האַלדז. אַלץ צוזאַמען — אַ שטיק בינע. און דאָס אַלץ האָט אַזוי צאַרט געמאָלט אַן אורוגווייער יונגטלעכער. דאָס טוט אַזוי שטילערהייט ד"ר סיאַאָ יו פּאַרפּלאַנצן כינעזישקייט, אַזוי ווייט פון בינע.

ער ווייזט מיר נאָך פאַרשידענערליי בילדער און קלערט מיר אויך אַ ביסל אויף. עס ווייזט זיך, למשל, אַרויס, אַז כינעזישע מאָלעריי איז ניט נאָר אַ קונסט נאָר אויך אַ קונץ. מען דאַרף די גאַנצע צייט מאָלן מיט איינמאָליקע, ניט - איבערגעריסענע פּענדזל־שטריכן. עס איז ניט פאַראַן דאָ קיין מעקן אָדער פאַריכטן. יעדער ליניע דאַרף געמאַכט ווערן מיט איין מאָל. אָרקידעאַ מאַליאָ איז אַ ספּעציאַליסטקע צו צייכענען בריקן, פרויען מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אין די הענט. פּיסאַזשן. קאַליגראַפיע איז ביי די כינעזער אַ קונסט, וואָס ווערט קולטיווירט פון יעדן געבילדעטן מענטשן.

איך דריי זיך אַרום אין אַ גרויסן זאַל, וווּ אַלץ איז כינעזיש. אויף די ווענט, אויף די טישן, אויף ספּעציעלע געשטעלן. בילדער, מגילות, גראַווירונגען, ביכער, אַלטע פּאַרמעטן, זעלטן־שיינע איינבונדן, וועבערייען און געשטיקטע שטאָפן.

איך דאַנק דעם פּראָפ׳ סיאַאָ פאַר אַלעמען. אַנטשולדיק זיך פאַר האָבן ביי אים צוגענומען אַן אַנדערהאַלבן שעה און געזעגן זיך מיט אים האַרציק. ער איז צו מיר זייער גוט און גיט מיר נאָך אַפילו מיט, אויף מיין בקשה, זיינס אַ בילד. עווענטועל זאָל איך דערמיט באַקענען מיינע לייענער.

ב׳בין אַוועק פון אים — אין אַ געוויסער מאָס אַ מער אויפגעקלערטער וועגן כינעזישקייט, אָבער אויך אַ ביסל אַ צעטומלטער. עס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט עפּעס אַזוינס וועגן וועלכן איך האָב מיר קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן. איך האָב אַנטדעקט אַ גאַנץ נייע באַציונג צווישן מיר, אַ יידן, און צווישן אַ ניט-יידן. עפּעס שטענדיק ווען איך קום אין קאָנטאַקט מיט ניט־יידן, האָב איך דאָס געפיל פון איינעם וואָס געהערט צו אַ מינדערהייט און געפינט זיך כסדר צווישן

זין פון א מערהייט - באפעלקערונג. איצט האב איך געפילט אינגאנצן עפעס אנדערש. הגם ד"ר סיאא יו געהערט צו א פאלק פון 600 מיליאן מענטשן, האב איך געהאט דאס געפיל, אז ער געהערט צו א מינדערהייט און איך צו א מערהייט. און כ'האב געפילט, אז ער אליין האט אויך געפילט אזוי. פונקט ווי מיר יידן מיינען אמאל אז פון איין זייט זענען מיר, און פון דער אנדערער זייט — די גאנצע וועלט, פונקט אזוי פילט דאכט זיך א כינעזער, אז פון איין זייט זענען זיי, די כינעזער און פון דער אנדערער זייט—מיר, אלע מענטשן פון דער ערד. „מיר און זיי" קען א רום פילן לגבי פאליאקן, דייטשן, רומענער, אבער ניט מיט אמאל לגבי דער גארער וועלט. און איצט טראכט איך שוין, אז אפשר פילן אזוי ניט נאר יידן און כינעזער, נאר אויך אנדערע פעלקער, אלטע און איינגעטוליעטע אין זייער אייגנטימלעכער קולטור, ווי שנעקן אין זייערע שטיבעלעך.

און נאך עפעס האב איך לעבן אים דערפילט. איך האב דערשפירט, אז ד"ר סיאא יו באזיצט אזוינס וואס מיר יידן האבן שוין פארלוירן. דאס איז דאס געפיל, אז הגם מען איז איינער פון א מינדערהייט און מען איז אנדערש ראסיש און מען ווערט אפשר אפילו מצד די ארומיקע באטראכט אלס מינדערוויכטיק — איז מען אבער ביי זיך אינערלעך זיבער, אז מען שטייט הויך, אט אזוי ווי א מין פרינץ וואס איז פארטריבן געווארן אין דער פרעמד, קען ליגן אין שטויב און דאך ניט פארלירן זיין געפיל פון אייגענער חשיבות, די חשיבות און ווירדע פון א פרינץ.

און ווען איך קער זיך אום צום אנהייב מוז איך אנערקענען: געגאנגען בין איך וועגן עפעס אנדערש און צוריק קום איך מיט אינגאנצן עפעס אנדערש. איך בין געגאנגען זוכן כינעזער מיט וועמען זיך צו פאלידאריזירן. איך האב אזעלכע ניט געטראפן. און ווער ווייסט צי נאר דערפאר, ווייל אין אורוגוויי איז קיינער ניט מיד פון לעבן מחמת ראסישע מאטיוון. אויף יעדן פאל — געטראפן האב איך אזעלכע ניט. דער, פאר וועמען מען קען גארניט אויסבאהאלטן, און אפשר אויך איר, מיינע לייענער, זענט עדות, אז איך האב זיי אבער געזוכט.

„גאסעטא איסראעליטא"
16־טער סעפט. 1955.

„ווי אַ צעדערבוים אין לבנון"

איך האָב גענומען די קאָנקאָרדאַנץ און איבערגעציילט וויפל מאָל דאָס וואָרט לבנון איז דאָ אין תנ"ך. אויב איך האָב ניט געהאַט קיין טעות — ניט ווייניקער ווי זיבן און זעכציק מאָל! און אויב אַ פּאָר מאָל ווייניקער — איז עס ניט זייער אסך?

ניט נאָר ווי אַ נאָמען פון אַ לאַנד ווערט אין תנ"ך דערמאָנט לבנון, נאָר אויך ווי אַן אַדיעקטיוו. ווי אַ ביישפּיל פון פּראַכט און שיינקייט.

וויל דער בעל התהלים זאָגן עפּעס גוטס וועגן צדיק, איז ניטאָ קיין בעסערס ווי „דער צדיק וועט בליען ווי אַ טייטלבוים, ווי אַ צעדערבוים אין לבנון וועט ער וואַקסן": אַז דער נביא הושע וויל טרייסטן ישראל און שילדערן ווי גוט עס קאָן נאָך זיין דעם פאָלק, ווען עס וועט זיך צוריקקערן צום דרך הישר, באַנוצט ער זיך ניט ווייניקער ווי דריי מאָל דורכאַנאַנד מיטן באַגריף לבנון: „איך וועל זיין ווי דער טוי צו ישראל: ער וועט בליען ווי אַ ליליע און שלאָגן זיינע וואָרצלען ווי דער לבנון... און אַ ריח וועט ער האָבן ווי דער לבנון... זיין דופט ווי דער ווין פון לבנון".

און די קעגנזייטיקע קאָמפּלימענטן אין שיר השירים!

ער צו איר: „... דער ריח פון דיינע קליידער ווי דער ריח פון לבנון". אָדער „דיין נאָז ווי דער טורעם פון לבנון וואָס קוקט צו דמשק". און זי וועגן אים: „זיין אָנבליק ווי דער לבנון, אויסדערוויילט ווי די צעדערן".

און בכלל איז דאָך געווען דאָס לעבן אַ נחת צווישן יידן און די באַוווינער פון לבנון — די צידונים, די אַמאָליקע פעניקיער. אַז שלמה המלך האָט געדאַרפט בויען דעם המקדש, האָט ער אימפּאָרטירט צעדער־האָלץ פון לבנון. די פעניקיער, די אוראַלטע איינוואוינער פון לבנון זענען די דערפינדער פון דעם אַלף־בית, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אויך אונדזערע. פעניקיש און העברעיש זענען זייער ענלעך.

און אפילו היינט — קען מען דען ניט אָנווענדן אויף די באַציונגען צווישן מדינת ישראל און לבנון דעם פּאַראַפראַזירטן אויסדרוק: „מע קען צוזאַמענלעבן, נאָר מע לאָזט ניט!״?...

אָבער לאָמיר ניט פאַרלויפן דעם וועג און מיט די באַציונגען צווי־שן מדינת ישראל און מדינת לבנון. איך האָב מיר פּירגענומען ווי ווייט מעגלעך אויסצומיידן „פּאָליטיק״ אין אָט דעם קאַפּיטל. פּאָליטיק איז אַ „זאַך״ וואָס ענדערט זיך. ניט אַלע צייטן גייען אַוועק אין איין צייט. און ארץ ישראל און ארץ הלבנון זענען אַזוי אַלט! אַז זייער ביידנס מעט־ריקע איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי דער תנ״ך אַליין — טאָ וואָס קען נאָך זיין עלטער און געמיינזאַם־יחוסדיקער?!

***

אין דעם מאָמענט איז לבנון איינס פון די געפּיצעשטעטסטע לענ־דער אויף דער וועלט. ניט נאָר איז די נאַטור אַליין צו אָט דעם קליינעם לענדעלע מילד און גוט, נאָר אויך אַנדערע לענדער — „די וועלט״. אויך די לבנונער זענען אַ פאָלק, וואָס האָבן געהאַט גענוג ליידן אין זייער געשיכטע און זיי פאַרדינען זיך כשר צו לעבן רואיק, ניט זיין אַריינ־געצויגן אין אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן און געניסן פון אַנטוויקלונג און פּראָגרעס. אַוודאי זענען זיי ניט די איינציקע אויף דער וועלט וואָס פאַרדינען זיך דאָס, אָבער זיי זענען פון די געציילטע וואָס האָבן עס טאַקע דערגרייכט.

די טעריטאָריע פון לאַנד האָט קאַרגע עלף טויזנט קוואַדראַט קילאָ-מעטער. דאָס לאַנד ליגט אין צפון פון ארץ ישראל. אויף מזרח און צפון גרענעצט עס זיך מיט סיריע און אין מערב האָט עס בערך 200 קילאָ-מעטער „גרענעץ״ אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים. דער קלימאַט איז פון די בעסטע אויף דער וועלט און מע רופט עס „די שווייץ פון מיטעלן מזרח״. ס׳האָט בערג וואָס זענען באַדעקט מיט שניי און דאָס וואָרט „לבנון״ זאָל שטאַמען פון העברעישן „לבן״ — ווייס, און ס׳האָט אַ טאָל פון זעכציק קילאָמ. די לענג און 15 די ברייט. האָט עס דעריבער אויך וויינגערטנער און תבואות, כלערליי פּרוכטן און טאַבאַק-קולטיוון; שטיין-האַקערייען און אַן אַנטוויקלטע טוריזם-„אינדוסטריע״.

ס׳איז אַ לאַנד וועמענס באַפעלקערונג — קאַרגע צוויי מיליאָן איינ־וווינער — איז צעטיילט אויף אַ פופצן פאַרשידענע רעליגיעזע שאַטירונ־גען. איין און פופציק אָדער צוויי און פופציק פּראָצענט קריסטן און דאָס

איבעריקע — מאַכמעדאַנער, דרוזן און אַ דריי טויזנט יידן. אָבער די קריסטן טיילן זיך אויף אַ צענדליק באַזונדערע „קירכן" און די מאַכ־מעדאַנער — אויף לכל הפחות צוויי גרויסע אָפּצווייגונגען — „שיאיטן" און „סוניטן". אַבסאָלוט אָן וואָלקנס איז לבנונס פּאָליטישער הימל אויך ניט: די קריסטן וואָלטן געוואָלט, אַז דאָס לאַנד זאָל זיין דאָס וואָס עס איז — אַ לאַנד פון קריסטלעך - מאַכמעדאַנישער קאָעקזיסטענץ, גע־נייגט צום מערב. די מאַכמעדאַנער זענען נוטה צו סיריע און צו מצרים און זענען פאַר דער השפּעה פון די דאָזיקע צוויי „גרויסע" אויף זייער אייגן לענדעלע. ביז ניט לאַנג איז אַפילו געווען אַ לעגאַלע פּאַרטיי, וועמענס אָפן־דערקלערטער פּאָליטישער ציל איז געווען דאָס ווידער־אַנעקסירט ווערן אַלס „סירישע פּראָווינץ".

אָבער ווי דו זאָלסט ניט־ווילנדיק אַלע מאָל צוקומען צו לבנונס היינט, ציט דיך, זיך נאָך ניט צו שיידן פון איר אור־אַלטן אַמאָל.

לבנונס אַמאָל איז איינגעהילט אין דעם מין געשיכטע וואָס איז צונויפגעוואַקסן מיט לעגענדע און מיט פאַנטאַסטיק. פאַר אונדז, יידן, איז עס ניט קיין אויסטערלישע זאַך. אויב איך האָב אַמאָל געלייענט אין אַ בוך פון אַ בראַזיליאַנער יידן ד"ר משה כהן, (וועלכער באַזירט זיך אויף בראַזיליאַנער פאָרשערס), אַז שוין אין שלמה המלכס צייטן זענען געווען יידן אין בראַזיל און אין פּערו און פון דאָרט געבראַכט גאָלד, איז דאָ אַן אַנדער פאָרשער וואָס האָט עפּעס צו זאָגן „אויף דעם געביט" וועגן פעניקיער. דהיינו: אַ ווינער פּראָפעסאָר, לודוויג שונהאַל־קען, האָט אין אַ רעפעראַט וואָס ער האָט געהאַלטן אין סאַן - פּאַולאָ, געזאָגט צווישן אַנדערע שיינע זאַכן, אַז אין 1892 האָט מען אין מאָנ־טעווידעאָ געפונען אַן אַלטן קבר מיט אַ גריכישער אויפשריפט. לויט אָט דער אויפשריפט האָט אַלכסנדר מוקדון געשיקט אַן עקספּעדיציע, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל פּטאלאמיי אין די לענדער וואָס זענען היינט באַקאַנט אַלס דרום - אַמעריקע און די מאַנשאַפט איז בעיקר באַשטאַנען פון פעניקיער, וואָס זענען אין יענע צייטן געווען די בעסטע נאַוויגאַטאָרן.

אָבער די לבנונער באַשטייען ניט נאָר פון פעניקיער. עס האָבן דאָרט זיך אַלע מאָל געטוישט די אָקופּאַנטן און הערשערס און אַלע האָבן געלאָזט השפּעות. עס האָבן זיך געמישט ראַסן און פעלקער און אויך לשונות, קולטורן און אמונות. האָט זיך באַקומען אַ גאַנצער קאַ־לײדעסקאָפּ. און דאָס איז היינט לבנון. ווען די אַראַבער זענען אהין

אָנגעקומען אין זיבעטן יאָרהונדערט, איז שוין די באַפעלקערונג געווען אַ באַקערטע צום קריסטנטום. און עס האָבן זיך אָנגעהויבן קאַמפן און געראַנגלענישן פאַר אויטאָנאָמיע. פאַרן לאַזן זיין דעם אָרטיקן מענטש דאָס וואָס ער איז, איז דער לבנונער אַ „רעזולטאַט" לכל הפחות פון דריי פאַקטאָרן: פעניקיער, אַראַבער, (מאַכמעדאַנער) און קריסטנטום. אָבער צו די דריי דאַרפן צוגעגעבן ווערן — לשם „אַקטואַליזירונג" — פראַנקרייך און... די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע.

איבערן לאַנד קענט איר טרעפן פעלדזן מיט אויפשריפטן אויף פאַרשידענע לשונות. אָבער עס זענען פאַראַן פעלדזן, וואָס אויף יעדן איינעם פון זיי זענען פאַראַן אויפשריפטן ניט אויף איין לשון פון די פאַרשידענע לשונות, נייערט — אויף דעם זעלבן פעלדז — אויפשריפטן אויף די וויטער־אויסגערעכנטע לשונות: אַשוריש, בבליש, מצריש, גריכיש, לאַטיין, אַראַביש, פראַנצויזיש און ענגליש. איר זעט דאָ בפי־רות ווי יעדער נייער אָקופּאַנט האָט געוואָלט לאָזן פון זיך אַ זכר אויף דעם זעלבן אָרט, ממש זייט ביי זייט, ווי דער וואָס האָט דאָ געהערשט פאַר אים. און אַפילו דער פראַנצויז און דער ענגלענדער זענען אויך געווען אָפּטימיסטן און זיך „אָנגעגרייט אייביקייט", ווי די אייביקייט וואָס זיי האָבן פאַר זיך געזען אין די אַסירישע אָדער עגיפּטישע אויפ־שריפטן.

און נאָך אַ ביישפּיל ווי עס האָט זיך געמישט תקופה מיט תקופה: פאַראַן אַ טייך וואָס הייסט אויף דעם לשון פון לאַנד, אויף אַראַביש, „אולקאַלאַב", ד"ה דער טייך פון הונט — פאַרוואָס? — ווייל ערגעץ ניט ווייט שטייט אַ מאָנומענט פון דער באַרימטער רוימישער וואָלפעכע וואָס האָט זיך מרחם געווען און געגעבן צו זייגן פון איר מילך צוויי פּיצלעך קינדער — די אור־אבות פון די שפּעטערדיקע רוימער; האָבן אַראַבער אין דער דאָזיקער וואָלפעכע געזען אַ הונט (מסתמא איז דעם סקולפּטאָר ניט געלונגען עפּעס אַ פּרט אין זיין יצירה) און דערפון איז אַרויסגעקו־מען „דער טייך פון כלב".

דאָס אַלץ זענען ניט מער ווי אַ פּאָר פּרטים וואָס באַצייכענען אויפן מיקראָסקאָפּישסטן אופן די שיכטן געשיכטע פון לבנונער פאָלק. פון דעם פאָלק וואָס האָט אָנגעהויבן אַלס פעניקיער און איז היינט אַ געמיש פון קולטורן און... טענדענצן. פון יענע פעניקיער וואָס האָבן דערפונדן גלאָז און געבויט די שטעט צור און צידון און ביבלאָס (פון וואַנען עס קומט דאָס וואָרט „ביבל"!) ביז די היינטיקע וואָס אַ טייל פון זיי האַלט

זיך מער פאַר פראַנצויזן ווי פאַר לבנונער און אַ צווייטע טייל האַלט זיך פשוט און פּראָסט פאַר אַראַבער „ווי אַלע אַראַבער אויף דער וועלט".

און אויב שוין דערמאָנען ווייטע, פאַרגאַנגענע צייטן:

אין דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אויף יידיש ווערט געזאָגט, אַז אומעטום ווו פעניקיער האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט יידן, ווי למשל אין שפּאַניע האָבן זיי זיך אַריינגעגאָסן אין דער יידישער מאַסע.

און נאָך איין „אַגב":

דער באַרימטער פראַנצויזישער דענקער ערנסט רענאַן (1823—1892) האָט דאָס אַמאָליקע פעניקישע ביבלאָס גערופן ניט מער און ניט ווייניקער ווי „ירושלים פון לבנון". און דאָס האָב איך זיך דערוווסט פון אַ בוך וועגן לבנון, וועמענס מחבר איז אַ יונגע אורוגווייערין, אַ טאָכטער פון לבנונער עלטערן — לאַילאַ נעפאַ.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צום היינט: די שטאָט וואָס האָט אַמאָל געהייסן ביבלאָס הייסט היינט זשובאַלי, ווייל אַזוי קלינגט עס אויף אַראַביש. און נאָך עפּעס: פאַראַן מיינונגען, אַז אין לבנון זענען היינט דאָ צעדערביימער, וואָס זענען אַלט ניט ווייניקער ווי דריי טויזנט יאָר, אָבער דערווייל הערט מען זיך אַפילו צו זייער שטום געשריי ניט צו; צום געשריי: „באַדענקט איך, מענטשן! אונדזערע ברידער זענען איינגעמויערט געוואָרן אין בית המקדש אין ירושלים! אין הויז וואָס האָט געזאָלט זיין אַ קוואַל פון שלום און האַרמאָניש צוזאַמענלעבן פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט!"

דערווייל הערט זיך קיינער ניט צו צו אָט דעם געשריי. און אפשר הערט עס עמיצער יאָ, אַפילו אין לבנון? און אפשר האָט יענער עמיצער מורא צו זאָגן הויך, וואָס ער הערט? ניאָ וויכטיק וואָס דערווייל ווערט איבערגעשריגן יענעם עמיצנס הערן אָדער שעפּטשען. אינגאַנצן איבערגעשריגן ווערט עס ניט. אַ סימן: אָט האָב איך עס דערהערט! און אפשר הערסטו עס אויך איצט, מיין לייענער? ! לאָמיר ניט אונטערשעצן אַזעלכע איבעררופן. איך גלייב, אַז זיי זענען די וואָס לעבן-איבער דורות און יאָרהונדערטן און... פאַרבלייבן אויף אייביק.

***

פון באַהערשטקייט צו אומאָפּהענגיקייט

די פראַנצויזישע השפּעה אויף לבנון ציט זיך נאָך פון מיטלאַלטער. ווען עס זענען אַהין אָנגעקומען די קרייצטרעגערס, האָבן זיך די לבנונער

אין זיי אָנגעשלאָסן, געהאָלפֿן אײַננעמען ירושלים און דערנאָך אין איי־נעם מיט זיי געליטן די מפּלה. ווען די קרייצטרעגער זענען באַזיגט גע־וואָרן און אַנטלאָפֿן אין די בערג, האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט די לבנונער און זיך „אויפֿגעלייזט" צווישן דער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד. אַזוי ווי מיט יאָרהונדערטן צוריק האָבן זיך אויפֿגעלייזט צווישן דער געבירטיקער באַפֿעלקערונג די רוימישע זעלנערס־אָקופּאַנטן....

לבנון האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ קריסטלעך אינדזעלע אין אַ ים איסלאַמיזם און טערקיש־אַראַביזירטן אַרום. דאָס דאָזיקע קריסטלע־כע אינדזעלע האָט געהאַט אַן אָנשפּאַר בעיקר אין פֿראַנקרייך. דאָס איז געווען אי אַ גייסטיקער אָנשפּאַר אי אָפֿט אַ ממשות־מיליטערישער. די השפּעה איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז פֿראַנצויזן פֿלעגן רופֿן לבנון „דאָס פֿראַנקרייך פֿון מזרח".

די דאָזיקע קרובהשאַפֿט און „ליבע" האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויסגעוועפּט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פֿראַנקרייך האָט באַקומען דעם מאַנדאַט אויף לבנון. דאָס פֿראַנקרייך פֿון „פֿרייהייט, ברידערלעכקייט און גלייכקייט" האָט דאָ געהערשט זייער פֿראַזאיש־אָקו-פּאַנטיש. דער אינסטרומענט פֿאַר אָט דער אָקופּאַנטישער מאַכט זענען געווען נעגערישע סאָלדאַטן פֿון סענעגאַל. אונטער דעם דאָזיקן מאַנדאַ־טאַרישן רעזשים איז אין לבנון ניט געווען קיין פּרעסע־פֿרייהייט. לבנו־נישע פּרעסע האָט געבליט אין אויסלאַנד אָבער ניט געטאָרט אַרייננגע־פֿירט ווערן אין לאַנד אַריין. אין יעדן מלוכה־ביוראָ זענען געזעסן פֿראַנ־צויזישע באַאַמטע וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר די בעלי בתים פֿון לאַנד. עס זענען געווען אויך לבנונער באַאַמטע אין לבנון. אָבער ניט נאָר האָט אַ פֿראַנצויזישער באַאַמטער, וואָס האָט געאַרבעט ערגער ווי אַן אָרטיקער, באַקומען אַ טאָפּלטן געהאַלט אין פֿאַרגלייך מיט אַ לבנונער, נאָר אַפֿילו אַ פֿראַנצויזישן באַאַמטנס פֿערד האָט באַקומען אַ טאָפּלטע פֿאַרציע עסן, הגם עס איז געווען אַ ריינבלוטיק אַראַביש פֿערד !".

אַזוי האָבן געהאַנדלט די זעלבע פֿראַנצויזן, וואָס זענען אַמאָל גע־ווען די „רעטערס" פֿון אַ לאַנד וואָס האָט געליטן פֿון פֿרעמד־קולטו־רעלע, פֿרעמד־רעליגיעזע און פֿרעמד־„ראַסישע" טערקן, אָדער פֿון דרו־זישע שחיטות איבער לבנונער קריסטן !

אַן אַלטע מעשה וועגן באַפֿרייערס, וואָס האַלטן, אַז פֿאַר דער פּרייז פֿון באַפֿרייען קומט זיי צו ווערן... די אונטערדריקערס !

***

היינט פאַרמאָגט דאָס לאַנד ביי די צוויי מיליאָן איינוווינערס. אזוי־פיל, בערך, לבנונער זענען פאַראַן אויך איבער דער וועלט.

אזוי ווי אַלע קריסטן אין איינעם זענען אַ רוב (51 אָדער 52 פראָצ.) איז פאַראַן אַזאַ אָפּמאַך לויט וועלכן דער מלוכה־פּרעזידענט איז שטענדיק אַ קריסט; דער פּרעמיער אַ סוניטישער מאַכמעדאַנער; דער פּאַרלאַמענט־פּרעזידענט — אַ שיאיטישער מאַכמעדאַנער; דער אויסערן־מיניסטער — אַ גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קריסט; דער אַרמיי־קאָמענדאַנט — אַ מאַראָניט (פון דעם זעלבן קריסטלעכן אָפּצווייג וואָס דער מלוכה־פּרעזידענט) און דער קריגס־מיניסטער — אַ דרוז.

פון דער דאָזיקער איינטיילונג אַליין קען מען שוין זען, אַז דאָס לאַנד פאַרמאָגט ניט קיין רעפּרעזענטאַטיווקייט־סיסטעם לויט פּאַרטייען און אידעאָלאָגיעס, נייערט לויט רעליגיעזער אָנגעהעריקייט. אויך אין פּאַרלאַמענט ווערט אָנגעהאַלטן אַ פּראָפּאָרץ פון זעקס קעגן פינף לטובת די קריסטן.

פאַראַן טיילווייז מיליטאַריזירטע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — זעט אויס לויטן מוסטער פון די סקויטישע אָרגאַניזאַציעס אויף דער וועלט. בעת דער מלחמה פון די זעקס טעג האָבן גרופּעס פון די דאָזיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס באַוואַכט די יידישע געגנט אין לבנונס הויפּט־שטאָט, ביידוט, אַז עס זאָל זיך אַהין ניט אַריינרייסן דער צערייצטער מאַכמעדאַנישער המון.

עס איז קלאָר אַז אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַזאַ העטעראָגענישע באַפעלקערונג און ווו די בילדונג איז זייער פאַרשפּרייט (אַן אומבאַדייטנדיקער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטן; אַן אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט אויף אַ הויכן ניוואָ; אַ גאַר פיינע פּרעסע) פאַרדינט עס זיך צו הייסן „די שווייץ פון מיטעלן מזרח". הוץ דעם איז שוין אַ „נאַטירלעכע דערשיינונג", אַז קיין לבנון אַנטלויפן אַראָפּגעזעצטע פּאָליטיקער און אָפיציערן פון די אַנדערע אַראַבישע לענדער, נאָך די אַלע שטאַטס־קלעפּ פון יעדן מאַנטיק און דאָנערשטיק. אין לבנון זענען אויך פאַראַן אינוועסטירט ריזיקע אויסלענדישע קאַפּיטאַלן. אזוי אַז עס איז ניט נאָר אַן אָרץ־מקלט, ווי אורוגוויי אין דרום־אַמעריקע, נאָר אויך די „באַנק פון מיטעלן מזרח".

ביי דעם אַלעמען איז לבנון אַ לאַנד פון „געבוירענע" עמיגראַנטן. אפשר ווירקט נאָך דאָ דער אוראַלטער גייסט פון פעניקישע ים־רייזנדער?

לבנונער אַקלימאַטיזירן זיך לײַכט אין די לענדער אין וועלכע זיי וואַנדערן־אײַן. פּאַסן זיך לײַכט אַרײַן אין די נײַע סביבות. בדרך כּלל גיבן זיי זיך אָפּ מיט קאָמערץ און אינדוסטריע. אין מעקסיקע, למשל, זאָלן זיי פאַרנעמען דאָס ערשטע פּלאַץ אויף די דאָזיקע געביטן. אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, — דאָס צווייטע אָרט. אין אַסך שטעט אויף דער וועלט, זאָגט לאַילאַ נעפּאַ, זענען פאַראַן לבנונישע צײַטונגען און זשורנאַלן.

***

גײַסטיקע ספערע

לבנון האָט זיך מיט וועמען פאַרצושטעלן און צו שטאָלצירן אויך אויף דעם געביט. דאָס פאָלק האָט פאַרמאָגט גרויסע געלערנטע און פּאָעטן. אַ לבנונישער גײַסטלעכער, יוסף ס. אַס־סימכּאַן (1687-1768) איז געווען דער מחבר פון „אַלגעמײַנעם אינדעקס פון דער לבנונישער ביבליאָטעק" אויף לאַטײַן און האָט געקענט רעדן אויף ניט ווייניקער ווי צוויי און זיבעציק שפּראַכן און דיאַלעקטן (לאַילאַ נעפּאַ).

אין 19־טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַ רענעסאַנס פון דער אַראַבישער קולטור און ליטעראַטור און דאָס איז געקומען באַזונדערס צום אויסדרוק אין לבנון און אין מצרים.

איבער אַכציק פּראָצענט פון אַלע אַראַבישע צײַטונגען און זשור־נאַלן אויף דער וועלט זאָלן רעדאַקטירט ווערן אין לבנון.

אַראַבער האָבן בכלל אַ טראַדיציע פון פּאָעזיע. אַ שפּאַנישער פּאָעט, פראַנסיסקאָ ווילאַעספּעסאַ, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז קיין שום פאָלק איז אַזוי ניט באַשאָנקען מיט דער געטלעכער גאָב פון פּאָעזיע ווי דאָס אַראַבישע פאָלק. (ביז אַהער איז געדעדט געוואָרן וועגן יצירות אויף אַראַביש).

אין 1935 האָט אַ לבנונער פּאָעט, שאַרל קאָרם, זיך באַטייליקט אין אַ פּאָעזיע - קאָנקורס פאַר אַ ליטעראַטור - פּרעמיע אויפן נאָמען פון נאָרד־אַמעריקאַנער פּאָעט עדגאַר עלען פּאָ און צווישן אַזויפיל אייראָ־פּעיִשע און אַנדערע פּאָעטן, געוווּנען די פּרעמיע מיט זײַן בוך „דער אינספּיראַציעס־באַרג".

און אחרון־אחרון: דער גרויסער לבנונער פּאָעט גיבראַן כאַליל גיבראַן, וואָס איז חוץ פּאָעט, געווען (1883 - 1931) אויך אַ שרײַבער, אַ פילאָסאָף און אַ מאָלער.

אורוגוואַרצלען

לאילא נעפּא אליין, אַ טאָכטער פון לבנונישע עלטערן, אַ געבוי־רענע אין אורוגוויי, דריקט זיך אויס פּאַטעטיש וועגן פאָלק פון וועלכן זי שטאַמט: „צווישן אַלע אַראַבישע פעלקער, פאַרנעמט דאָס לבנונישע פאָלק דאָס ערשטע אָרט, פאַר זיין בונטאַרישקייט און מיט ווייטיק אָנ־געלאָדענעם פּראָטעסט־אויסרוף, ווייל עס געלינגט אים ניט צו דערגרייכן די שטערן...״

אין אורוגוויי

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַן אַראַביש מעשהלע, וואָס איך האָב געלייענט נאָך אַלס קינד:

דאָס איז געשען אַמאָל, אַמאָל, ווען מענטשן פלעגן זיך נאָך פיינט האָבן, זיך נאָכיאָגן, זיך הרגענען. און שפּעטער פלעגן קרובים פון גע־הרגעטן נאָכיאָגן דעם רוצח און אים פּאַקן און הרגענען. און דערנאָך האָבן קרובים פון נאָרוואָס געהרגעטן נאָכגעיאָגט דעם נייעם רוצח כדי אים צו הרגענען און אַזוי אָן אַ סוף. אַזוי איז אַמאָל געווען און גוט וואָס עס איז שוין אַזוי ניט מער.

איז אָט האָט זיך אין אַ נאַכט געיאָגט אַ יונגער אַראַבער אויף זיין פלינק אַראַביש פערד איבער בערג און איבער טאָלן. ער האָט מיט אַ פּאָר שעה צוריק, ערגעץ אין אַ דאָרף, געהרגעט אַ חבר און ער ווייסט, אַז מע וועט זיך באַלד דערוויסן און אים נעמען נאָכיאָגן אויף מקיים פּסק צו זיין. און אָט קומט ער אָן צו אַ הויז. ער איז הונגעריק, דורשטיק און שרעקלעך מיד. ער מוז דאָ אָנקלאַפּן און בעטן מע זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן און זיך אָפּרוען. ער קלאַפּט אָן. מע עפנט אים. דער בעל־הבית הייסט אים געבן וואַסער זיך צו וואַשן. מע גיט אים אַ גוטע וועט־משערע. מע גיט אים באַקוועם געלעגער. ער שלאָפט איבער די נאַכט און שטייט אויף אַן אויסגערוטער און אָפּגעפרישטער. און דעמאָלט קומט צו אים צו דער בעל־הבית און זאָגט אים: „דאָ האָסטו דיין פערד, אַן אויסגערוטס און אָנגעהאָדעוועטס. זעץ זיך אויף און אַנטלויף. אַנטלויף גיך און ווייט. אין מיין הויז האָב איך זיך נוהג געווען מיט דיר ווי מע דאַרף זיך נוהג זיין מיט אַ גאַסט. מקיים געווען די מצווה פון הכנסת־אורחים. אָבער איצט אַנטלויף. אַנטלויף כדי איך זאָל דיך ניט קענען כאַפּן. דו — מערדער פון מיין זון!״.

איך האָב קיינעם ניט געהרגעט און האַלט, אַז איך בין ניט קיין ברודער פון קיין מערדערס. אָבער אַ היגער לבנונער, וואָס האַלט, אַז

ער איז אן אראבער, האט מיך אריינגענומען אין זיין ביוראָ; זיך באַ־צווגן צו מיר איידל און מיט מיר גערעדט אבסאלוט אפנהאַרציק. מיר געענטפערט אויף אלץ וואס איך האב אויסגעפרעגט. פאַרלאָירן מיט מיר אַ שעה און דערנאָך מיך ארויסבאַגלייט ביז צום טראָטואר אויפן איידלסטן און פיינסטן אופן. אָבער פאַרן געזעגענען זיך, האט ער מיר געזאָגט: „אין דיין בוך —דערמאָן ניט מיין נאָמען. אסך שונאים אונד־זערע ווילן שאַפן דעם איינדרוק, אז לבנון איז אנדערש ווי די אי־בעריקע אראבישע לענדער. אז זי וויל שלום מיט מדינת ישראל. מע קען נאָך מיינען אז איך געהער אויך צו אזעלכע לבנונער. ווער ווייסט וואס דו וועסט נאָך אריינלייגן אין מיין מויל אין דיין בוך. בעסער דערמאָן ניט מיין נאָמען."

האלט איך פאר מיין חוב צוליב צו טון דעם דאָזיקן איידעלן מענ־טשן, הגם איך בין זייער ווייט פון מסכים זיין מיט זיינע מיינונגען און געדאַנקען וועגן פאַרשידענע ענינים. אָבער ווי ווייט איך זאָל ניט זיין פון מסכים צו זיין מיט אים — בין איך גרייט איינצושטעלן מיין לעבן, ווען איך דערוויס זיך, אז זיין לעבן איז איינגעשטעלט מחמת עפעס אַ שלעכט־פאַרשטייעניש וואס האט זיך באקומען וועגן אים פון מיין בוך. יאָ, אין דעם פאַל וואלט איך געלאָפן געבן מיין לעבן פאר זיינעם. אָבער איך וועל אזוי שרייבן, אז קיינער זאָל אים ניט דערקענען; קיינער זאָל ניט וויסן ווער ער איז און ווו איך האב זיך מיט אים געטראָפן; און אזוי וועט ניט קומען צו קיין שום סכנה פאר זיין לעבן.

***

ב׳גליוב, אז די גרענעץ צווישן מדינת ישראל און מדינת לבנון איז אַ במעט הונדערט - פּראָצענטיק דעפינירטע און פעסטגעשטעלטע. די „גרענעץ" צווישן יידן און לבנונער אין מאָנטעווידעאָ... עקזיסטירט ניט. איך ווייס ניט צי עס איז פאַראן עפעס אַ לבנונער וואס זאָל זיך אָפּ־זאָגן צו האנדלען מיט יידן, ווייל... זיי קערן זיך אָן מיט מדינת ישראל. פאַרקערט — עס זענען פאַראן זייער „געדיכטע" געשעפטלעכע באַציונ־גען צווישן אורוגווייער לבנונער און יידן און אפילו „געאָגראַפיש" גע־פינען זיך זייערע „טעריטאָריעס" אָפט אין אבסאָלוטער שכנות, פונקט ווי דאָס איז אין בוענאָס איירעס, צי אין סאָן פּאַולאָ, אָדער אין אנדערע שטעט אויף דער וועלט.

איז דעריבער ניט געווען אזוי שווער זיך צו טרעפן מיט אַ מענטש

וואָס איז געבוירן געוואָרן אין לבנון, נאָך מיט עטלעכע יאָר פריער, איי־דער איך בין געבוירן געוואָרן אין באַסאַראַביע און געקומען קיין או־רוגווײַ בערך צווישן 1900 און 1920.

פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין גאַנץ אורוגוויי זאָלן זײַן אַ צען ביז פופצן טויזנט לבנונער, שוין צוזאַמען מעט זייערע היי־געבוי־רענע קינדער.

די מערהייט לבנונער אין אורוגוויי וווינט אין מאָנטעווידעאָ, אָבער אין דער פּראָווינץ זענען אויך פאַראַן אָנגעזעענע קאָלאָניעס. אויף יעדן פאַל גרעסערע ווי די יידישע באַפעלקערונג אין די אורוגווייער פּראָווינץ־שטעט.

ביז דער ערשטער וועלט ־ מלחמה איז דער אורוגווייער קאָמערץ כמעט בעיקר געווען אין הענט פון לבנונער. נאָך יענער מלחמה האָט זיך עס אָנגעהויבן ענדערן און היינט איז עס ווייט ניט אַזוי.

פון יונגן דור זענען פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל אוניווערסיטעט־פּראָפעסיאָנאַלן. אַ טייל פון זיי — זייער אָנגעזעענע, הן אין מאָנטעווי־דעאָ און נאָך מער אין פּראָווינץ. . . — אָבער, גיט ־ צו מיין אינטער־וויואירטער לשם קלאָרקייט — די לבנונער פון צווייטן דור אפילו ווען זיי זענען די הויפּט-תושבים פון אַ פּראָווינץ ־ ישוב, זיינע מיטגרינדער אפילו, זענען זיידאָס אַלס אורוגווייער. זיי האָבן אַוודאי זייערע אַראַבי־שע פאַמיליע ־ נעמען, אָבער זיי האַלטן זיך פאַר אורוגווייער, ווי אַלע אורוגווייער. און איך גלייב, אַז אַזוי דאַרף זיין.

— עס זענען פאַראַן אַסך לבנונישע אינסטיטוציעס? פאַראַן לבנו־נישע לאַנדסמאַנשאַפטן?

— ניט קיין סך. עטלעכע. איך וועל דיר אָנרופן די וויכטיקסטע: „באַסיעדאַד ליבאַנעסאַ" איז אַן אינסטיטוציע פאַר קעגנזייטיקער הילף; „קלוב ליבאַנעס" איז די רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט פון אַלע לבּ־נונער אין לאַנד. דאַן איז פאַראַן אַ פרויען ־ פאַריין און אַנדערע פאַר־שידענע גרופּירונגען. עס זענען פאַראַן אויך אַ פאָר פאַריינען פון לבנו־נער — לויט די אָפּשטאַם ־ ערטער.

— קומט אויך די יוגנט אין די לבנונישע קלובן?

— יאָ. עס קומען נאָך קינדער פון לבנונער. דאָס הייסט — דער ערשטער דור הי ־ געבוירענע. אָבער דאָס באַטייט ניט פאַר זיי אין קיין שום זין, אַז זיי זענען דערמיט אויפן מינימאַלסטן אופן ווייניקער או־רוגווייער. זאָל זיין קלאָר: זייער אורוגווייאישקייט לײַדט אַבסאָלוט ניט

מחמת זייער קומען אין לבנונער קלוב. זיי זענען זין פון לבנונער, אָבער — אורוגווייער.

— צי קענען די הי - געבוירענע קינדער פון לבנונער אַראַביש?

צי זענען פאַראַן דאָ לבנונישע שולן אָדער קורסן פאַר אַראַביש?

— אַמאָל פלעגן זיין קורסן פאַר אַראַביש אין „קלוב ליבאַנעס"; אין בראַזיל און אין אַרגענטינע קען די יוגנט יאָ אַראַביש. אין סאַן פּאַולאָ זענען פאַראַן קינדער פון לבנונער, שוין דאָרט געבוירענע, וואָס רעדן אַ פּרעכטיקן אַראַביש.

— וואָס איז מיט פּרעסע אויף אַראַביש?

— דאָ איז קיין אַראַבישע פּרעסע נישטאָ. אין בוענאָס איירעס זענען אַמאָל געווען צייטונגען. אַ זשורנאַל. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווען עס איז שוואַך געוואָרן די אימיגראַציע פון נייע אַראַביש - רעדנדיקע. היינט — איז כמעט נישטאָ קיין אימיגראַציע. אַמאָל, אונטער די טערקן, האָט מען געמוזט אַוועק אין דער פרעמד. און וואָס שייך שפּראַך איז דאָ נאָך עפּעס פאַר לבנונער: אונדזער לשון איז טאַקע אַראַביש. אָבער עס איז פאַראַן אַ גרויסע פראַנצויזישע השפעה. זי איז שוין זייער אַן אַלטע ביי אונדז און האַלט נאָך אָן. איצט איז זייער גרויס די אַמעריקאַנישע השפעה אויף דער קולטור פון פאָלק. אָבער דאָס פאָלק איז אַן אַראַביש פאָלק.

וואָס שייך אַראַבישע פּרעסע הי — אָט לייען איך „האַסאַלאַם" (דער שלום), וואָס דערשיינט אין בוענאָס איירעס, און „אַן נאַהאַר" (דער טאָג) פון לבנון.

— צי קען אַ לבנונער וואָס רעדט אַראַביש זיך איינפאַרשטיין אויף אַראַביש מיט אַן עגיפּטער צי מיט אַן איראַקער, אָדער עס זענען פאַראַן גרויסע דיאַלעקטישע אונטערשידן וואָס מאַכן אוממעגלעך אַזאַ צוזאַמענרעדן זיך צווישן מענטשן וואָס זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין פאַרשידענע אַראַבישע לענדער?

— עס זענען פאַראַן אונטערשידן אין אַרויסרעד, אָבער די שפּראַך איז איינע. אַ לבנונער קען רעדן מיט אַ מצרי אויף אַראַביש.

— צי זענען דאָ פאַראַן לבנונישע פאַמיליעס, וווּ די עלטערן רעדן מיט זייערע קינדער אַראַביש?

— יאָ עס זענען פאַראַן אַזעלכע. און פאַרשטייט זיך, אַז הגם איך האַלט, אַז די געבוירענע קינדער פון לבנונער דאַרפן זיין אורוגווייער, פיל איך זיך נאָענט צו אַזעלכע לבנונישע היימען, וווּ די קינדער רעדן

אַראַביש. מיר האָבן דאָ אַ פּאַל פון אַ הי־געבוירענער טאָכטער פון לבנו־נישע עלטערן, לאַילאַ נעפּאַ, וועלכע האָט אין דער עלטער פון דרייצן יאָר אָביערגעזעצט אַ בוך וועגן לבנון פון אַראַביש.

— צי זענען דאָ הי פאַראַן אַראַבישע ביבליאָטעקן?

— פאַראַן אַן אַראַבישע ביבליאָטעק אין „לבנונישן קלוב". ניט קיין זייער וויכטיקע ביבליאָטעק, אָבער דאָך אַ ביבליאָטעק.

ער רופט מיר אָן אַ נאָמען פון אַ לבנונער וואָס האָט געהאַט אַ פיינע אַראַבישע ביבליאָטעק, אָבער נאָך זיין טויט איז די ביבליאָטעק געבליבן ווי אַן איבעריקע. ניט די קינדער, ניט אַנדערע דאָ־געבוירענע קינדער פון לבנונער נייטיקן זיך אין אַן אַראַבישער ביבליאָטעק. „כ'ווייס אַז איר, יידן, זענט עפּעס אַנדערש. איר זענט מער צוגעבונדן צו אייערן". אייך האַלט אויף אייער יידישקייט („על כּוראַיסמאַ לאָם מאַנטיענע אַ אוס־טעדעס").

אַזוי בפירוש האָט ער עס געזאָגט. און איך האָב מיר געטראַכט: מיר ברעכן זיך דעם קאָפּ, וואָס אַזוינס איז יידישקייט! וואָס איז דאָס וויכטיק? וואָס פאַר אַ צורה עס זאָל ניט האָבן, אַבי עס איז דאָ, און אַדאַנק דעם זענען מיר דאָ אַלם מיר!

— צי האָבן דאָ די לבנונער אַ ראַדיאָ־שעה?

— יאָ. יעדן זונטיק, דריי אַזייגער, אויף „סע־עקים-30".

— צי זענען די לבנונער אָרגאַניזירט אין אויסלאַנד אויך אין ברייטערע ראַמען, ווי אין יעדן לאַנד באַזונדער? יידן האָבן, למשל, אַ „יידישן וועלט־קאָנגרעס".

— ניין.

(אין עטלעכע טעג אַרום, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין אינטער־וויואירטער איז ניט געווען גענוי אינפאָרמירט. די צייטונג „על דיאַ" פון 17.7.69 האָט טעקסטועל געבראַכט אָט די ידיעה: „מאָרגן קומט אַהער צו פאָרן ד"ר מאַנסור שאַליטאַ, גענעראַל־סעקרעטאַר פון וועלט־פאַרבאַנד פון לבנונער, וועמענס צענטראַלע איז אין ביירוט, די הויפּט־שטאָט פון לבנון.

ד"ר שאַליטאַ קומט זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט לבנונער וואָס זענען צעשפּרייט איבערן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ער קומט אַהער, נאָכן האָבן זיך באַטייליקט אין מייאַמי (פאַרייניקטע שטאַטן) אין קאָנגרעס פון וועלט־ראַט פון לבנונער פאַרבאַנד. אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס זענען באַהאַנדלט געוואָרן וויכטיקע ענינים און עס זענען אָנ־

גענומען געוואָרן רעזאָלוציעס פון הויכן אינטערעס פאַר דער צוקונפט פון דער דאָזיקער קולטור - אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זענען אָנגעשלאָסן לבנונער — אָפּטײלונגען פון מעבר לים. ד״ר שאַליטאַ איז דער מחבר פון עטלעכע ביכער אויף פאַרשידענע לשונות. ער האָט במשך יאָרן געוווינט אין בראַזיל, וו ער האָט אויסגעפירט מיסיעס פון זיין רעגירונג.

דער ראַיאָן - ראַט פון אורוגוויי וועט אים אויפנעמען אויף אַ ספּעציעלער זיצונג שבת, 17 אַזייגער. אין דעם זעלבן טאָג וועט ער האָבן אַן אויפנאַמע מצד דער לבנונער קאָלאָניע אין לבנונער קלוב, אויף פּאַיסאַנדו 896״.

אין דער צייטונג „לאַ מאַניאַנאַ״ פון 21.7.69, איז שוין אפילו געוועזן אָפּגעדרוקט דער טעקסט פון ד״ר שליטאַס אַ דעקלאַראַציע, פון וועלכער איך ברענג דאָ אַ פּאָר אינטערעסאַנטע פּרטים:

„לבנון פאַרמאָגט צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן נפשות אויף דער אייגענער, קליינער טעריטאָריע און פינף מיליאָן לבנונער מיט זייערע קינדער לעבן אין אויסלאַנד. אין בראַזיל זענען דאָ צוויי מיליאָן לבנונער אַריינגערעכנט די קינדער. אין די פאַרייניקטע שטאַטן — בערך אַ מיליאָן. אין אַרגענטינע — אַריינגערעכנט די קינדער — פיר הונדערט טויזנט נפשות. בכלל זענען פאַראַן לבנונער אין צוויי און פופציק לענדער פון דער וועלט (אַפריקע, אייראָפּע, אַזיע, אַמעריקע, אויסטראַליע).

דער „ציל נומער איינס״ פון וועלט - פאַרבאַנד פון די לבנונער איז: איינפלאַנצן אין די לבנונער און אין זייערע קינדער די טויזנטער־יעריקע ירושה, כדי אַזוי אַרום זאָלן זיי זיין גאַנצערע מענטשן און, ווי אַ רעזולטאַט דערפון, נוצלעכערע פאַר די ערטער וווּ זיי לעבן. „אַ מענטש פאַרמאָגט וואָרצלען, פונקט ווי אַ בוים. אַ מענטש וואָס האַלט־אָן קאָנטאַקט מיט זיינע וואָרצלען איז אַ געזונטער און נוצלעכער מענטש״).

— איך ווייס, אַז לבנונער זענען צעטיילט אויף פאַרשידענע רעליגיעזע גרופּעס. צי זענען די לבנונער אין אורוגוויי אַלע קאַטאָליקן אָדער בעיקר מאַראָניטן?

— יאָ, דער רוב לבנונער קריסטן זענען מאַראָניטן, לויטן נאָמען פון אַ רעליגיעזן מנהיג וואָס האָט געהייסן מאַראָן. די מאַראָניטישע קירך איז אַן אָפּצווייג פון דער קאַטוילישער קירך. מאַראָניטן היטן־אויף דאָס אָריענטאַלישע אונטערהאַלב דעם קאַטאָליציזם, אָבער דערמיט הערן זיי ניט אויף צו זיין קיין „אונטערטאַנערס״ פון פויפּסט. דאָ הי איז

פאַראַן אַ מאַראָניטישע קירך אויף דער גאס ראפּאַ.

— צי זענען דאָ הי פאַראַן אויך מאַכמעדאַנער צווישן די לבנונער אָדער צווישן אַראַבער בכלל?

— יאָ. עס זענען דאָ - הי פאַראַן אויך מאַכמעדאַנער, אָבער זייער ווייניק. אין בראַזיל איז אַפילו פאַראַן אַ מעטשעט. אין בוענאָס איירעס בויעט מען איצט אַ מעטשעט. דאָ הי איז נישטאָ פאַר וועמען צו בויען קיין מעטשעט.

— איך וויל דיך פרעגן אָפן און פּשוט: ווערט ביי אייך עפּעס געטון, אַז אייערע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן בלייבן לבנונער?

— ניין. מיר לייזן זיך אויף אין אורוגווייאיזם ווי צוקער אין וואַסער. מיר זענען ניט ווי איר, יידן, וואָס בלייבן אַלס אַזעלכע. איך האָב דאָך דיר דאָס שוין איין מאָל געזאָגט.

— נו, דערפאַר קענט איר, לבנונער, שוין אויסרעכענען אַסך אָנגעזעענע אורוגווייער פון לבנונישן אָפּשטאַם. מיר, יידן, האָבן דאָס נאָך ניט. מע דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז איר זענט שוין לענגער אין לאַנד ווי מיר.

— יאָ, מיר האָבן, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, זייער אַסך וויכטיקע אוניווערזיטעט־פּראָפעסיאָנאַלן. און בעיקר האָבן מיר געגעבן אורוגווײַ זייער אָנגעזעענע מעדיקערס. אין טעאַטער — די באַרימטע, ד׳האַד ספּעיר און נאָך אַנדערע. און אין דער אורוגווייער פּאָליטיק — ווען מע זאָל אַפילו ניט קענען דערמאָנען מער ווי די באַרימטע ברידער אַבדאַלאַ פאַרשטייסטו דאָך, אַז עס איז אויך זייער אַסך.

— יאָ — באַשטעטיק איך — ביי מיר אין הויז הערט מען כמעט יעדן אָוונט דעם וויצע־פּרעזידענט פון דער מלוכה, ד״ר אַבדאַלאַ.

— דער היינטיקער דור ווייסט נאָר וועגן די אַבדאַלאַס וועמענס קול מע הערט היינט. זייער ווייניק ווייסן שוין וועגן אַ פּאָליטיקער, כואַן אַבדאַלאַ, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דאָס איז געווען איינער פון די נאָבעלסטע מענטשן.

— אמת, איך הער עס אויך דאָס ערשטע מאָל.

— יאָ, דאָס איז געווען אין די טרויעריקע צייטן פון דער טעראַר־דיקטאַטור. און אַזוי ווי ער איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער דעמאָקראַט, האָט מען אונטערגעשיקט אַ געדונגענעם מערדער, וועלכער האָט אים אַריינגעהאַקט אַ שטילעט אין רוקן. אָבער כואַן אַבדאַלאַ האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוכאַפּן זיין רעוואָלווער און אויסשיסן אויף זיין מערדער.

פֿאַרן אויסהויכן זײַן לעצטן אָטעם, האָט ער נאָך געזען ווי זײַן מערדער איז אַוועקגעפֿאַלן אַ טויטער.

***

איך פּרוּוו זיך עפּעס דערוויסן פֿון מײַן אינטערוויואירטן וועגן לבנונער - יידישע באַציונגען אין מאַגטעווידעאָ, אַמאָליקע צײַטן.

קיין ספּעציעלע פֿאַלן, חוץ די אַלגעמיינע געשעפֿטלעכע באַציונגען זענען דעם ה' „איקס" ניט באַקאַנט. אים איז למשל ניט באַקאַנט עפּעס וועגן וועלכן איך האָב אַמאָל געהערט: אַז ווען עס זענען אַהער געקומען די ערשטע לבנונישע יידן, האָבן זיי די ערשטע צײַט געהאַט אַ צימער אין דער דעמאָלטדיקער לבנונישער אָרגאַניזאַציע. אין דעם דאָזיקן צימער זאָלן זיי האָבן געהאַלטן אַן אָרון-קודש מיט אַ ספר תורה און דאָרט געהאַט זייער ערשטן מנין.

ער געדענקט עפּעס יאָ וועגן אַן אַראַבישן קצב, וואָס האָט מסכים געווען צו האָבן אַן „אָפּטייל" פֿאַר כשר פֿלייש, וואָס עס פֿלעגט שעכטן אַ נאָרוואָס אָנגעקומענער „חכם".

פּערזענלעך קען ער יידן פֿון לבנון און פֿון סיריע, פֿון טערקיי און פֿון פֿאַרשידענע אייראָפּעישע לענדער, ער ווייסט אַז עס זענען פֿאַראַן אַלערליי טיפּן יידן, אָבער אַז אַלע זענען סוף כל סוף יידן. און דערפֿאַר האָט ער זייער ניט ליב, אַז איך האַלט אין איין פֿרעגן וועגן „לבנונער". אמת ער איז געבוירן געוואָרן אין דעם לבנון, וואָס איז אַמאָל געווען אַ טייל פֿון סיריע. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק פֿאַר אים.

פֿאַר אים איז וויכטיק, אַז אָפּגעזען פֿון דעם צי עמיצער איז אַ לבנונער, אַ ירדנער, צי אַ מצרי — איז ער אָבער אַן אַראַבער. „עס זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע אַראַבישע לענדער, אָבער איין אַראַבישע נאַציע". דערקלערט ער מיר. און אין נאָמען פֿון דער אַראַבישער נאַציע שיט ער פֿאַר מיר פֿעך און שוועבל אויף מדינת ישראל. איך וויל ניט איבערחזרן קיין וואָרט פֿון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט אויף מדינת ישראל און אויפֿן ציוניזם, אַלס די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַלדאָס בייזע אויף דער וועלט. עס איז פֿאַר מיר ניט קיין נײַעס. איך האָב דאָס שוין געלייענט. וואָס איך פֿאַרשטיי יאָ ניט, דאָס איז, אַז אַזעלכע „אַראַביש - נאַציאָנאַליסטישע" רייד זאָל קומען פֿון אַ מענטש, וואָס האַלט, אַז קינדער פֿון אַראַבער וואָס ווערן געבוירן אין אַמעריקע דאַרפֿן קיינמאָל ניט צוריקפֿאָרן אין די לענדער פֿון וואַנען עס שטאַמען זייערע עלטערן; זיי דאַרפֿן בלײַבן אין

זייערע געבוירן-לענדער און זיך אבסאָלוט אריינגיסן אין די אַמעריקאַנער פעלקער. און ניט נאָר דאָס. ער האַלט אויך, אַז עס איז נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן ניט קענען די שפּראַך פון זייערע אַראַביש-רעדנדיקע עלטערן (הגם ער קוועלט אָן פון די יוצאים מן הכלל...), ניט זייער קולטור, ניט זייערע ליטעראַטורן און ניט וויסן וועגן יענע לענדער און זייער געשיכטע מער וויפל עס ווייסט יעדער אורוגווייער מענטש וואָס טראָגט ניט קיין אַראַבישן פאַמיליע-נאָמען.

פרעג איך זיך אַליין: ווי קען מען דאָ האָבן אַזאַ שטעלונג און פאַר דעם מיטעלן מזרח זען אין מדינת ישראל, אין אירע צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן „אַ געפאַר" פאַר די קאַרגע הונדערט מיליאָן אַראַבער?

איך קען עס ניט פאַרשטיין. אָבער איך ענטפער אַליין, אַז דער מענטש איז דאָס איינציקע באַשעפעניש אויף גאַנץ וועלט, וואָס איז דער באָדן פאַר אָן אַ שיעור וואַריאַנטן. און דאָס איז מן-הסתם זיין מעלה. צו וואָס גיין ווייט? אָט האָב איך געהאַט אַ גוטן פריינד, אַ יידן, אין אַ דרום-אַמעריקאַנער לאַנד — איז ער ניט געווען קיין מאָדנע דערשיינונג? נאָך וויאַזוי!

הערט ווי: יענער ייד איז געווען אַ געבוירענער פון ווין. אין דעם דרום-אַמעריקאַנער לאַנד, וווּ מיר האָבן ביידע געלעבט איז געווען אַ מנהג, אַז אין נאַציאָנאַלן אומאָפּהענגיקייט-טאָג פון לאַנד פלעג יעדער אויסלענדישע קאָלאָניע זיך באַטייליקן אין דער פּאַטריאָטישער דעפילאַדע מיט איר באַטרעפנדיקער נאַציאָנאַלער פאָן, איז פלעג מיין פריינד שטענדיק גיין בראש פון דער יידישער גרופּע, אויף אָט דער פּאַטריאָטישער דעפילאַדע. קיין מדינת ישראל איז נאָך דעמאָלט ניט געווען, אָבער ווי אַן אַלטער מיטגליד פון „מכבי" פלעג ער שטענדיק טראָגן די ווייס-בלויע פאָן מיטן מגן-דוד און גיין שטאָלץ און שטייף בראש פון אונדז אַלע, יידן פון דער הויפּט-שטאָט פון יענעם לאַנד. דאָס איז נומער איינס. נומער צוויי: דער ייד איז געווען אַן אָפיציעלער פועלי-ציוניסט און דערקלערט יעדן טאָג, אַז עס וועט אַמאָל זיין אַ יידישע מדינה — דאַרף זי און מוז זיין אַ סאָציאַליסטישע. און איצט קומט דער נומער דריי: אַז מע פלעג רעדן וועגן גורל פון אייראָפּע נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה, פלעג ער האַלטן אַ פאַרעקשנטער, אַז קיין בעסערס פאַר זיין עסטרייך קען ניט זיין, ווי צוריק צו ווערן אַ מאָנאַרכיע!

דאַרף איך זיך נאָך חידושן אויף מיין אינטערוויואירטן פריינד?!

ניין, ניט נאָר חידוש איך זיך ניט, נאָר איך פאַרזיכער אַלע מיינע

לייענערס און בעיקר די אראבישע, צו וועמען די דאָזיקע שורות קענען אמאָל דערגיין, אַז מיין אראבישער פריינד איז קעגן אַ שלום פון לבנון מיט מדינת ישראל, ווייל?... ווייל — לויט זיין מיינונג — איז זי, מדי־נת ישראל, ניט ווערט צו האָבן קיין שלום. איז ער „בסדר"?...

***

איך בין אוועק פון מיין אראבישן פריינדלעכן באַקאַנטן און נאָכ־געטראַכט:

ווען איך הער דאָ אין דער ראַדיאָ רעדן און זינגען ליטוויש, אונ־גאַריש, גריכיש, אַרמעניש, יידיש צי העברעיש; ווען איך הער די מעלאָ־דיעס — פולע מיט צאַרטער בענקשאַפט און טרויער; ווען איך הער דאָ־געבוירענע קינדער פון ליטווינער, אַרמענער, וואַסקן צי יידן, רעדן מיט אַזאַ פיעטעט וועגן זייערע עלטערנס געבוירן־לענדער; ווען דו טוסט אַ טראַכט, אַז די מערסטע פון זיי האָבן ליב זייערע היימען אין אורוגוויי און חלומען אפילו ניט דאָס לאַנד צו פאַרלאָזן, נאָר אפשר אמאָל פאָרן אויף אַ וויזיט „אהין", אין יענעם לעגענדאַרן „דאָרט" וועגן וועלכע טאַ־טע־מאַמע ־ דערציילן אַזויפיל; ווען דו הערסט דאָס אַלץ, מוזסטו טראַכ־טן, אַז דאָס איז אַ ליבשאַפט און אַ באַציונג צו עפּעס אַן „אַרמעניע של מעלה", צו עפּעס אַ גייסטיקער ליטע, צו אַ וואַסקאָניע וואָס איז מער באַגריף ווי רעאַליטעט. דאָס איז ניט קיין ליטווישער, צי אַרמענישער נאַציאָנאַליזם, נאָר עפּעס אַ במקום ־ רעליגיע. אָפּגעזען דערפון וואָס די דאָזיקע מענטשן געהערן אויך צו באַשטימטע רעליגיעס.

האָט זיך דען רעליגיע בכלל ניט אָנגעהויבן מיט פאַרערן די נשמה פון פאַרשטאָרבענעם טאַטן? דאָ איז די פיעטעט פאַרן אומבאַקאַנטן פאָטערלאַנד פון טאַטן אַ נייער מין רעליגיע וואָס האָט אין זיך ניט ווייניקער אומדערקלערלעכס, שיינס, מיסטישס און רעאַלס גלייכצייטיק, ווי יעדער רעליגיע.

אָבער ביי מיין נייעם פריינד, ביים אינטעראוויואירטן לבנונער אראַ־בער האָב איך ניט געהערט, וואָס שייך לבנון, קיין בענקשאַפט. איך האָב נאָר געהערט שנאה צום שכן פון דער לבנונישער רעפּובליק — צו מדינת ישראל. איך האָב ניט געהערט קיין זאָרג למאַי — די היגע קינדער פון אראבישע עלטערן זינגען ניט קיין אראביש, לייענען ניט קיין אראבישע ליטעראַטור און פרעסע, צי שטרעבן ניט צו באַזוכן אראבישע לענדער. איך האָב נאָר געהערט אַז עס איז פאַראַן אראביזם, ווייל אַ סימן: עס איז

דאָ אַ שונא פון אַראַביזם — „דער ציוניזם". צום ערשטן מאָל האָב איך געזען אַ פאָלק - אַנגעהעריקייט וואָס דריקט זיך אויס אין שנאה צו אַן אַנדער פאָלק. גלייך ווי דער גאַנצער נאַציאָנאַליזם פון דער „גרויסער אַראַבישער נאַציע" וואָס טיילט זיך אויף איבער צען לענדער זאָל באַשטיין אויסשליסלעך נאָר אין „וואַכזאַמקייט" קעגן דער „ציוניסטישער געפאַר".

אָבער איך האָב זיך דערמאָנט, אַז סוף כל סוף האָב איך גערעדט נאָר מיט איין־און־איינציקן לבנונער אין אורוגוויי. עס איז ניט זיכער צי האָבן אַלע אַזאַ מענטאַליטעט. לאָמיר נעמען די אורוגווייער גימנאַזיע - לערערין, פרוי אירמאַ אַביראַד. אמת, זי איז שוין אַ געבוירענע אין אורוגוויי. אָבער אויב מיינע אור־אור־אבות זענען לכל הפחות זינט דעם יאָר 70 געבוירענע מחוץ לארץ ישראל (זינט 1900 יאָר צוריק) און איך האַלט זיך פאַר אַ יידן, האָב איך דאָך ניט קיין רעכט ניט צו האַלטן פאַר קיין לבנונערין אַ פרוי, וואָס אירע עלטערן זענען נאָך געבוירן געוואָרן אין לבנון! אַ פרוי וואָס האָט ליב צו ציטירן דעם גרויסן לבנונער פּאָעט דזשאַליל גיבראַן, אַ פרוי וואָס האָט געהאַט אַן אינטערעס צו פאָרן אויף אַ וויזיט אין לענדער פון מיטעלן מזרח, בתוכם לבנון און סיריע. אָבער בתוכם אויך... מדינת ישראל, וועגן וועלכער זי האָט ניט געהאַט צו דערציילן קיין שום שווידערלעכע זאַכן!...

און טאַקע דער פריער דערמאָנטער ד"ר אַבדאַלאַ, דער וויצע־פּרעזידענט פון אורוגוויי, וועלכער איז ניט לאַנג געוועזן אין לבנון, כדי צו זען דאָס הויז וווּ זיין פאָטער איז געבוירן געוואָרן. אויך אויף אים קאָן איך ניט זאָגן, אַז ער איז אַבסאָלוט „אויס לבנונער"! און דאָך האָט ער געהאַט אינטערעס מיט אַ פאָר יאָר צוריק צו באַזוכן אויך מדינת ישראל. איך האַלט אַז ווען עמיצער פאָרט אויף אַ באַזוך אין אַ לאַנד, איז עס נאָר וויל ער פילט פריינדשאַפט צו דעם דאָזיקן לאַנד. און דאָס פרייט מיך און באַרואיקט מיך אין אַ געוויסער מאָס.

***

ווער זשע זענען סוף כל סוף די לבנונער?

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך ניט דערוווּסט. איך גלייב אַז זיי זענען אַסך „ווערם"; אַסך מינים עמיצערס. זיי זענען ניט קיין איינהייטלעך פאָלק. איך קען דערינגען ניט זען קיין חסרון, אויב איך האָב מיט עטלעכע זייטלעך פריער געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן איין און איינ־

ציק יידיש פּאָלק, אָבער אסך יידישקייטן. אָבער דער חילוק איז נאָר, וואָס איין לבנונער קאָן זיך האַלטן פאַר אַן אַראַבער אָדער גאָר אַ סי־ריער, אין דער זעלביקער צייט וואָס אַן אַנדערער לבנונער ((לויט „אסאָ־שייטעד פּרעס", דעם 5־טן מערץ 1969), דער פּאַרטיי־מנהיג פּיער דזשע־מאיל, קען דערקלערן, אַז לבנונער זענען בכלל ניט פון אַראַבישן אָפּ־שטאַם, נאָר זענען גאָר ראַסיש נענטער צו ענגלענדער אָדער איטאַליע־נער, בעת ביי אַ ייד קען זיין אַ פראַגע „וואָס פאַר אַ מין ייד" מע דאַרף זיין, אָבער בשום אופן ניט צי מע איז אָדער מע דאַרף זיין אַ ייד — דאָס הייסט אַז מע דאַרף זיין דאָס וואָס מע איז שוין זינט קאַרגע פיר טויזנט יאָר צוריק.

***

און דאָ דערמאָן איך זיך נאָך עפּעס וועגן לבנונישן „ווער". עס איז פאַראַן אַ בוך פון באַרימטן נאָרד־אַמעריקאַנער שרייבער, דזשיימס מיטשענער — „דער קוואַל פון ישראל". אויף יידיש איז עס נאָך ניט דאָ און היגע יידן קענען עס לייענען אויף שפּאַניש, א. נ. „על מאַנאַטיאַל דע איסראַעל". עס דאַרף זיך, אגב, געפינען אין יעדער יידיש הויז, אויב עס האָט אַפילו אַ פּאָר אומבאַדייטנדיקע לאַפּסוסלעך. עס איז אַ ראָמאַן, וואָס הייבט זיך אָן אויף ערד פון ארץ ישראל, האַרט אויף דער גרענעץ מיט לבנון, מיט עלף טויזנט יאָר צוריק. זיבן טויזנט יאָר פאַר אברהם אבינו. די געשעענישן ווערן דערפירט ביז נאָך ישראלס אומאָפּהענגיקייט מלחמה. איז אָט קומט פאָר, כמעט אויף די לעצטע זייטלעך בוך, אַ שמוס־עס צווישן אַ יידן — אַ העלד פון דער מלחמה — און אַן אַראַבער וואָס איז מדור־דורות אַ געבירטיקער פון יענעם אָרט, מקור. און דער אַראַ־בער זאָגט אַזוי צום יידן:

„איך געהער צו דער דאָזיקער ערד, צו דעם דאָזיקן קוואַל, צו די דאָזיקע אייל־בערט -ביימער. מיין פאָלק איז דאָ געווען, ווען דיין פּאָלק איז נאָך אַפילו ניט געהאַט אַנטשטאַנען. ווען עס האָט זיך געלוינט צו זיין כנענים, זענען מיר דאָס געווען. מחמת דעם זעלבן הויכן מאָטיוו זענען מיר געווען פעניקיער און ווען יידן האָבן געהערשט אויף דער דאָ־זיקער ערד זענען מיר געווען יידן און דערנאָך, פאַר ענלעכע טעמים, גריכן, רוימער, קריסטן, אַראַבער, מאַמעלוקן אָדער טערקן. אַבי מע האָט אונדז דערלויבט צו באַזיצן די ערד איז אונדז אָנגעגאַנגען ווי דער פאַראיאָריקער שניי אין וואָס פאַר אַ קירך מיר האָבן מתפּלל גע־

אווגוואָרצלען

ווען אָדער וואָס פאַר אַ פאָן מיר האָבן סאַלוטירט... מיין פאָטער, סער טעופיק, האָט געדינט די ענגלענדער אויף דעם זעלבן אומצדדימדיקן אופן, ווייל דאָס איינציקע וואָס מיר אַלע האָבן ליב געהאַט, דאָס איז געווען די דאַזיקע ערד".

דעם יידישן שטאַנדפּונקט, ווי דזשיימס מיטשענער דריקט אים אויס, וועל איך דאָ ניט איבערגעבן. ער איז אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן, „אויסגעלייגט" איבער די עטלעכע הונדערט זייטן פון בוך. אָבער ארויס־פאַרשטיין דאַרף מען, אַז אויב יידן האָבן ניט אַזוי מקפּיד געווען אויפן „ווו", ווי די אבות פון יענעם אַראַבער, האָבן זיי זיך מוסר נפש געווען און געגאַנגען אויף טויזנטער קידוש השמם פאַר זייער נאַציאָנאַלן „ווער".

איצט איז געקומען אַ צייט, ווען יידן הייבן זיך אָן אומקערן צו זייער אור־אַלטן „ווו" און באַווייזן אויף בולטע אופנים, אַז זיי מיינען דאָס אַזוי ערנסט, וואָס ערנסטער קאָן ניט זיין; טויזנטער געפאַלענע אין דריי מלחמות האָבן עס דעפינירט: טויט־ערנסט.

מיר דאַכט זיך, אַז ווען לבנונער וועלן שלום מאַכן מיט זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן „ווער" וואָס די וועלט האָט אים ריכטיק דעפינירט „שווייצער פון מיטעלן מזרח", וועלן זיי זיין גאַנץ מיט זיך אַליין און האָבן פאַרשטענדעניש אויך פאַר אַנדערע, פאַר יידן אריינגערעכנט. און איך האָב דעם איינדרוק, אַז מיט קליינע אויסנאַמען, צו וועלכע עס גע־הער מיין אינטערוויואירטער לבנונער, איז עס טאַקע אַזוי. לבנונער דאַרפן זיך אַליין ניט זוכן. זיי האָבן שוין געפונען זייער אייגענע נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע, די פיזיאָנאָמיע וואָס קאָן אין אונדזער יאָרהונדערט אַמ־בעסטן דעפינירט ווערן אַלס „די שווייצער פון מיטעלן מזרח"; און דאָס איז אַזוי לאָגיש ווי צו זאָגן אויף באַשטימטע זעקס מיליאָן אייראָפּעער וואָס רעדן לכל הפחות פיר שפּראַכן און געהערן צו פאַרשידענע קריסט־לעכע אָפּצווייגן, אַז זיי זענען „די לבנונער פון צענטראַל – אייראָפּע".

איציק ווײַנשענקער

אַרויסגעגנבעט די מוזיק פון פויק

ביי נעגערס איז פאַראַן אַן אַלט מעשה'לע וועגן דער סיבה, למאַי עס זענען פאַראַן מענטשן פון פאַרשידענע הויט־קאָלירן. ווען דער איי־בערשטער האָט באַשאַפן די ערשטע דריי מענטשן, האָט ער זיי געהייסן פאַר אַלעמען זיך צו לויפן ארומוואַשן. זענען אַלע דריי געלאָפן צו אַ וואַסערל זיך אָפּצוּוואַשן. דער ערשטער וואָס איז צוגעקומען צו דעם קיינמאָל נאָך ניט באַרירטן טייכעלע האָט זיך אָפּגעוואַשן און געבליבן אַ ווייסער. דער וואָס איז אָנגעקומען דער צווייטער, האָט שוין געטראָפן דאָס וואַסערל קאַלעמוטנע. האָט ער זיך אויך געוואַשן, אָבער ער איז שוין ניט אַרויס אַזוי ווייס, נייערט געבליבן אַ געל ־ברוינלעכער. דער דריטער האָט שוין געטראָפן דאָס וואַסער פּאַרקויטיקט פון די ערשטע צוויי — שוואַרץ ווי די בלאָטע! האָט ער זיך אויך געוואַשן, אָבער גע־בליבן שוואַרץ. דערפאַר זענען דאָ אויף דער וועלט מענטשן פון פאַרשי־דענע קאָלירן.

מיר דאַכט זיך, אַז כאָטש דאָס איז נאָר אַ לעגענדע און כאָטש גע־לאָפן צו יענעם וואַסערל איז מיינער אַן עלטער - זיידע פון מיליאָנען יאָרן צוריק, בין איך דאָך עפּעס שולדיק די נעגערס. קען זיין אַז עטוואָס קאָנקרעטערע חטאים ווי דער חטא פון דעם מעשה'לע האָבן באַוויגן אַן אַלבערט שווייצער צו פאַרלאָזן די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע און אָוועקצופאָרן אויף אַ גאַנץ לעבן דינען מיט זיין וויסן און פלייס זיינע אומגליקלעכע און צוריקגעשטאַנענע ברידער אין האַרץ פון אַפריקע.

ווי עס זאָל ניט זיין, בין איך שוין לאַנג אַ „פאַרפאַלענער פילאָ־נעגער" איך בין עס געווען אין יאַנואַר 1939, ווען איך האָב אין מאַר־סעי געזען דעם ערשטן נעגער אויף מיין לעבן, אַ געזונטן און עלעגאַנט־אָנגעטוענעם און פון מיינע אָרעמע פראַנקן אים אַוועקגעגעבן כמעט אינגאַנצן, אַבי ער זאָל זיך מיט מיר פאָטאָגראַפירן; און איך בין עס נאָך אַלץ געבליבן נאָך היינט נאָך דעם וואָס איך ווייס, אַז מער ווי איין

ייד איז שוין אין ניו־יאָרק געפאַלן פון נעגערישע הענט. אוודאי ווייס איך שוין היינט, אַז מען טאָר זיך אויף די נעגערס ניט „פאַרלאָזן", אַזוי ווי דער העברעישער שרייבער י. ח. ברענער האָט זיך פאַרלאָזט אין יפו אין 1921 אויף „די ברידער" אַראַבער און פון זיי געטויט געוואָרן; אָבער איך בין אויך זיכער, אַז די „מוסולמענישע ברידער" אין די שטאַטן זענען נאָך ניט די צוואַנציק מיליאָן נעגערס אין יענער גרויסער מדינה.

מיט אַזאַ געמיט פון געפילן — אסך מילך - ווייסע כוונות און אַ ביסעלע קאַווע־שוואַרצן אומרו — האָב איך אַנגעשפאַרט אין אַ זונטיק פאַרנאַכט, אין טעאַטער „וויקטאָריאַ" ווו דאָס „אומאָפּהענגיקע נעגער - טעאַטער" האָט צום 27־טן מאָל געשפּילט „דאָס נעגערישע פּאַסטוכל", אַ פאָלקלאָר־לעגענדע אין דריי אַקטן, דראַמאַטיזירט פון אַנדרעס קאַס־טיזשאַ און אונטער דער רעזשי פון ד"ר פראַנסיסקאָ מ. מערינאָ (אויף דער ספּעציעלער פּראָגראַמקע איז זיין נאָמען אָנגעגעבן אָן דעם טיטל, אָבער מיר וועלן זיך נאָך צו אים אומקערן באַזונדער).

ווען איך בין אַהין געגאַנגען, האָב איך אַמשטאַרקסטן געוואָלט איי־בערלעבן דאָס געפינען זיך צווישן אַ מאַסע נעגערס און ווו אַלץ — באַטש ניין און ניינציק פּראָצענט — איז נעגעריש. אוודאי איז דאָס אומעגלעך אויב עס זאָל מקוים ווערן דער ווונטש פון די אונטערנעמערס, אַז ווייסע זאָלן אויך קומען זען די פאָרשטעלונג. און אַזוי איז עס געווען. צווישן ניט גרויסן עולם (די 27-טע פאָרשטעלונג!) זענען געווען אויך ווייסע אויף דער בינע. צווישן אַ פּאָר און דרייסיק נעגערישע באַ־טייליקטע אין דער פאָרשטעלונג: — בלויז אַ דריי ווייסע.

די מעשה הייבט זיך אָן אין 1818, אין אַ ישוב וואָס באַשטייט פון אַ גוטבאַזיצער — אַ פּאָרטוגעז, וואָס איז אויך דער בעל־בית פון אַן אונטערנעמונג צו זאַלצן פליישׁ; זיין אַדמיניסטראַטאָר און אויפזעער איבער די נעגערישע שקלאַפן און דאָס איבעריקע — נעגערישע מענער און פרויען מיט אַ פּאָר קינדער זייערע. דער דריטער אַקט איז שוין אין 1825, באַלד נאָך דעם ווי עס איז פאָרגעקומען דער אויפשטייג פון די דריי און דרייסיק „אָריענטאַלן"; די באַפרייערס פון אורוגוויי. מען לעבט דאָ אויך איבער דאָס אָנקומען פון דער בשורה, אַז אַלע נעגערס פון באַפרייטן לאַנד זענען דערקלערט געוואָרן אַלס פרייע מענטשן. דער ישוב איז ניט ווייט פון מאָנטעווידעאָ.

די קאַנווע פון די געשעעענישן אין דאָס ביטערע לעבן פון די נע־

גערם; די שטרענגע באַציונג פון פּאָרטוגעזישן בעל הבית (די אורוגוויי־ער טעריטאָריע איז דעמאָלט געווען אָקופּירט פון פּאָרטוגאַל) און זײַן אָרטיקן ווייסן אויפזעער, און די האָפענונגען אויף און שפּעטער די רעאַ־ליזירונג פון דער אויסלייזונג פון שקלאַפערײַ. אין דעם אַלעם איז אַרײַנ־געוועבט ניט נאָר אַ קאָנקרעט מעשה׳לע — אַ געשעעניש, נאָר בעיקר אַסך טענץ, לידער, טעקסטן פון תפילות, שפּריכווערטלעך, אָפּשפּרעכונגען — אַ גאַנצער אוצר פֿאָלקלאָר אַרײַנגערעכנט באַבסקע רפואות און אַבער־גלויבנס. עס האָט זיך מיר נאָך איין מאָל באַשטעטיקט, אַז עס איז פאַ־ראַן אַסך ענלעכעס אין פֿאָלקלאָר פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, ווי ווייט געאָגראַפיש זיי זאָלן ניט זײַן איינס פון ס׳אַנדערע: כ׳האָב דאָ געטראָפן זאַכן, וואָס איך האָב שוין לאַנג ניט געהאַט געהערט אָדער ענלעכעס געזען אין מײַן באַסאַראַביע פון צוריק מיט 45 יאָר.

דער סיפור המעשה איז אַזוי: פון אַ „לינקער ליבע" צווישן פּאָר־טוגעזישן בעל הבית מיט עפּעס אַ שקלאַפיניע ווערט געבוירן אַ שוואַרץ קינד, שיקט דער בעל הבית דעם אויפזעער אַרײַנצוװאַרפן דאָס „טרייף־פענע" קינד אין אַ טײַך אַרײַן. אַ שיינע נעגערטע געפינט עס, ברענגט עס אַהיים, אַדאָפּטירט עס און מען גיט עס אַ נאָמען מאָיסעס (משה׳לע), ווײַל ער איז צו אַרויסגעראַטעוועטס פון וואַסער. די עלטערע און דרייסיק נעגערס און נעגערטעס ווערן דעם קליינעם משה׳לעם פעטערס און מו־מעס און אַלע האַלטן עס אין איין פאַרטיידיקן פון שלעכטן פּאָרטוגעז, װעלכער וויל דערפון „פטור ווערן". דאָס משה׳לע ווערט געשפּילט פון אַ נעגעריש קינד, עריסאָן פערנאַנדעס פאַרטעס וואָס האָט אַ פּאָר קלוגע, ברענענדיקע אויגן און פילט זיך אויף דער בינע אַזוי היימיש ווי בײַ זיך אין דער היים. איין מאָל שמייסט מען משה׳לען, ווײַל עס איז אים פאַרלוירן געגאַנגען אַ טעלעצע פון דער טשערעדע; און אַ צווייט מאָל, ווען עס געשעעט אים ווידער אַזאַ אומגליק — זעצט מען אים אײַן אין דער דאָרטיקער תפיסה. שפּעטער, ווען די טעלעצע זוכט זיך אָפּ, גייט מען אים באַפרײַען, אָבער ער איז פאַרשוווּנדן און די נעגערס דערקלערן אים אַלס „הייליקן" וואָס „פון הימל איז ער געקומען און אין הימל אַרײַן איז ער צוריק אַרויף".

ווער עס האָט ליב עפּעס וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס עכטע ביים מענטשן — קען דאָ אַסך הנאה האָבן. שוין אָפּגערעדט, אַז עטלעכע אַקטיאָרן — דאַכט זיך קיין איינער ניט פון פאַך —שפּילן אויסגעצייכנט. באַזונדערס די אַלטיטשקע נעגערטע, וואָס היילט אַלע שלאַפקייטן מיט רפואות פון

קרייטעכצער, מיט אַפּשפּרעכן און דערציילט שיינע מעשיות; דער ווירטער בעל הבית; אַ שקלאַף (עדואַרדאָ) און איינע אַ נעגערטע וואָס איז כמעט אַ פאַרקערפּערונג פון „עסאַ נעגראַ פּולאַ", מיט איר גראַציעזקייט און דווקא אומשולדיקער צוציעוודיקייט.

אַ טעאַטער קען זיך אַמאָל זייער שיין אַנטוויקלען און אורוגוויי וועט האָבן מיט וואָס זיך צו גרויסן.

איך האָב קיינמאָל ניט געזען דאָס תימנער טעאַטער „ענבל". אָבער איך האָב געטראַכט אַז אויב די תימנער האָבן ביז היינט אויפגעהיט אין לעבן אַזוי פיל אַלטן יידישן שטייגער, זענען עס אין אורוגוויי שוין נאָר די נעגערס: און נאָך: אויף דער סצענע האָט מען געזען אַסך וואָס האָט דיך דערמאָנט אין באַקאַנטע נעגערס, בעת קאַרנאַוואַלישע „קאַנדאָמבע"-פּראָצעסיעס. די פּראָצעסיעס מיט די טיפּישע פּייקעלעך, וואָס פאַרהילכן די גאַס אויף אַ מייל די ווייט. איז וואָס-זשע? האָט זיך דען יידיש טעאַטער ניט אָנגעהייבן פון „לצים" און פּורים-שפּילערס?

איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין אַ צופרידענער. אָבער עפּעס האָט מיר נאָך געפעלט: איך האָב ניט געקענט גוט הערן דעם תוכן פון אַ מעשהלע וואָס די אַלטע באָבע („מאַמאַ-וויעכאַ") דערציילט משה׳לען. און דאָס איז מיר געווען אַ שאָד, ווייל זי האָט אים געזאָגט ביים אָנהייב, אַז די מעשה שטאַמט נאָך פון זייערע אור-עלטערן פון אַפריקע, פון וואַנען זיי זענען אַמאָל אויסגעכאַפּט געוואָרן צום פאַרקויפט ווערן אַלס שקלאַפן. בין איך צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און געפרעגט — ווער קען מיר איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דעם מעשהלע. מער האָב איך ניט געוואָלט. אָבער דאָס האָט מיך צונויפגעבראַכט מיט ד"ר פראַנסיסקאָ מ. מערינאָ. דער „טאַטע" פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. און אויב בכלל איז אים, דעם וויסן אַדוואָקאַט צו פאַרדאַנקען וואָס עס איז דאָ אַזאַ אונטערנעמונג ווי דאָס נעגערישע טעאַטער, בין איך דערנאָך געווען דאַנקבאַר דעם נעגערישן טעאַטער, וואָס אַדאַנק דערינען האָב איך אַנטדעקט אַזאַ אויסערגעוויינלעכן מענטשן ווי ער.

ד"ר מערינאָ האָט מיך אויפגענומען אין אַ פּאָר טעג אַרום אין זיין עלעגאַנטן ביוראָ אויף 18 דע כוליאָ. ער איז אַביסל אַן אויפגערעגטער און נערוועזער, ווי איינער וואָס איז שוין מיד צו זאָגן צום טויזנטסטן מאָל זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכן. צען מינוט נאָכן באַקענען זיך מיט אים, פילט מען אין אים אַ נאָענטן מענטש. ער פאַרמאָגט ניט

גאַרניט פון דער קאָנווענציאָנעלער העפלעכקייט. ער רעדט קורץ און זײַ־נע „ניט דאָס בין איך אויסנס" זענען ניט ווײניקער קלוג און טרעפן ניט ווײניקער אין דער זיבעטער ריפּ ווי ביי די בעסטע יידישע „ספּעצן" אויף דעם געביט.

צווישן איין פראַגע און דער אַנדערער, וואָס איך האָב באַוויזן אַרײַנצושטעלן, האָט ער מיר געגעבן ענציקלאָפּעדישע אויפקלערונגען וועגן די אָפּשטאַם - ערטער און קולטורן וואָס האָבן געהערשט אין ווײַ־טע אַפריקאַנער לענדער, אין דער צייט ווען מען האָט געפאַנגען די אור־עלטערן פון די היינטיקע אורוגווייער נעגערס. ער האָט מיר באַוויזן אויפ־צושרייבן אַ רשימה פון אַ צענדליק ביכער אויף דריי שפּראַכן, וואָס איך דאַרף „לכל הפּחות" לייענען כדי עפּעס זיך „וויסן פונעם נאָמען" וועגן נעגערס. און דאָס אַלץ — כדי איך זאָל זיין צוגעגרייט צו הערן דאָס מעשהלע וועגן וועלכן איך בין געקומען. אין אַ סעקונדע ווערט אויף אַ בלעטל פּאַפּיר געבוירן אַ מאַפּע פון אַפריקע און איך „זע" גענוי פון וואַנען עס שטאַמען די היגע נעגערס איך הער די נעמען פון זייערע גע־טער און העלדן און וועגן זייער פאַרשטעלן זיך דעם בראשית פון דער וועלט און פון מענטשלעכן לעבן.

„און דער גאָט אַגון איז איין מאָל געשלאָפן. און קיין מוזיק איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. זי איז געליגן באַהאַלטן ביי אַגונען אין אַ פּויק האָט דער קעניג פון די לייבן געוואָלט צוגנבענען ביים גאָט אַגון די מוזיק פון פּויק אַרויס, ווייל אַזוי — האָט ער געוווסט — וועט ער ווערן בעל הבית איבער דער וועלט. אָבער דער ערשטער מענטש, סעקומע, האָט זיך געפּעדערט פאַרן לייבן־קעניג און אַרויסגעגנבעט די מוזיק פון פּויק. פון דעמאָלט אָן איז דער מענטש, אַ דאַנק זיין באַזיצן די מוזיק, דער קעניג פון אַלץ אויף דער וועלט. אַפילו איבער אַלע חיות מיט די לייבן אַרײַנגערעכנט".

— ווו נאָך זענען פאַראַן נעגער־טעאַטערס אויף דער וועלט?

— פאַר אַלעמע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. „פּאָרגי און בעס" האָסטו מסתמא געזען. דערנאָך אין בראַזיל. אין פּאַריז שפּילט שוין זיבן יאָר נאָכאַנאַנד אַ בראַזיליאַנער נעגער־טעאַטער און מען לאָזט זיי פון דאָרט ניט אַוועק. און, פאַרשטייט זיך, קובאַ, ווו די נעגערישע באַפעלקע־רונג איז אַ באַדייטנדיקע. און איצט — אין מאָנטעווידעאָ.

דאָס שיינע איז, אַז יעדעס מאָל ווען ד"ר מערינאָ רעדט וועגן די

נעגערס זאָגט ער ניט „זיי", נאָר „מיר" („נאָסאָטראָס") איך קוק אויף אים: ער איז ניט מער נעגער ווי איך.

— ווי קומסטו צו זאָגן אויף נעגערס „מיר"" און זיך אַליין אריינ־רעכענען צווישן זיי?

— פאַרוואָס ניט? מיר: נעגערס, כינעזער, יידן — וואָס איז דער חילוק?

— איך פאַרשטיי, אַז מיר אַלע קענען זיך לעבן גוט צווישן זיך, אָבער יעדער איינער איז ער.

— אַזוי?! וואָס איז — עס זענען נישטאָ קיין יידישע נעגערס? און די פאַלאַשן?

איך האָב דערויף גאָרנישט געענטפערט. ווייל דער עיקר איז מיר געווען צו הערן אים. און אָט דערציילט ער ווייטער:

די היגע נעגערס שטאַמען פון דער געגנט ווו עס איז היינט אַנגאָלאַ, קאָנגאָ און מאָזאַמביק. אין דער צייט ווען מען האָט זייערע אור־עלטערן געפאַנגען, איז דאָרט געווען זייער אַ נידעריקער קולטור ־ צושטאַנד. זיי זענען געווען אַסך מער צוריקגעשטאַנען ווי די מענטשן אין אַנדערע אַפריקאַנער געגנטן אין יענער צייט (ווי למשל אין היינטיקן ליבעריאַ). אַזוי אַז קיין סך לעגענדעס צי פאָלקלאָר איז פון זיי ניט געבליבן, ווייל עס איז ניט געווען צופיל פון וואָס עס זאָל בלייבן. אין 1890, ווען עס זע־נען שוין געהאַט אויסגעשטאָרבן די קינדער פון די געבראַכטע פון אַפ־ריקע, איז געוואָרן אויס אויסגעשפּראָכענע עטנישע גרופּן. די לאַטיין ־ אַמעריקאַנער, אַנדערש ווי די ענגלענדער למשל, האָבן זיך ניט גע־מיאוסט חתונה צו האָבן מיט די נעגערטעס, אַזוי אַז זיי זענען אַסי־מילירט געוואָרן אין היגן און פאַרגעסן דאָס ביסל אייגנס. ביי אונדז איז שוין דאָ זייער ווייניק אַפריקאַנער קולטור, אַזוינס איז נאָך יאָ דאָ אין בראַזיל, קובאַ, האַיטי. אַזוי למשל — פאַרענטפערט זיך ד"ר מעדינאַ — איז דאָס אויבן דערציילטע מעשהלע בכלל ניט פון פאָלקלאָר־אוצר פון די אבות פון אונדזערע נעגערס, נייערט פון די זשאַרובאַס, אַ שכנות־דיק פאָלק.

— און ווי איז דיר בכלל געגאַנגען? ס'איז געוואָרן אַ דערפאָלג דאָס טעאַטער? און די אַרבעט?

— אַ רעלאַטיווער דערפאָלג איז עס, ווייל אָט איז שוין היינט די 27-טע פאָרשטעלונג און עס וועט נאָך גיין אַ וואָך, אָבער לייבט איז ניט געווען. דאַרפסט וויסן אַז דער רוב נעגערס זענען זייער אָרעמע

און אין קאָנטאַקט מיט זײַ אַנטשטייען פּראָבלעמען, וואָס אַנשטייען ניט אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע מענטשן. איך גלייב, אַז די ייִדישסטע ייִדן זענען די תימנים („יעמעניטאַס"), אָבער דאָך האָט איר געהאַט געגנוג שוועריקייטן ביים אַבסאָרבירן זיי. ביז זיי זענען געוואָרן אויסגעגלייכט מיט אַלע בירגער פון מדינת ישראל (איך: „פון וואַנען ווייסט ער דאָס אַלץ ?...)

— און ווי זענען די פּערספּעקטיוון אויף ווייטער? איר גרייט נאָך פאָרשטעלונגען פון אַנדערע פּיעסעס?

— יאָ, עס ווערן שוין געגרייט דריי נייע פּיעסעס. דאַרפסטו פאַר־שטיין, אַז מיר (ווידער „מיר, די נעגערס"!) ווילן דאָך ניט האַלטן פאַר אונדזער חוב צו געבן שעקספּירן, ברעכטן אָדער טשעכאָוון. מיר ווילן געבן נאַציאָנאַלס, אַזוינס וואָס קומט אַרויס פון די טיפענישן פון פאָלק; פאָלקלאָר. און אונטער „פאָלקלאָר" מיינען מיר ניט, ווי אַסך 14־יאָריקע קינדער, נאָר פאַראַגנואיער צי אַרגענטינער לידער. מיר מיינען אייגענעם פאָלקלאָר, היגס, אָדער מיטגעבראַכטס פון אַפריקע (איך טראַכט דער־ביי: „זיי האַלטן דאָרט ווו „הבימה" מיט אַ פּאָר און דרייסיק יאָר צו־ריק — אַנסקי, פּינסקי, לייוויק; ווער ווייסט וועמען עס איז בעסער? !...)

ווי מען זאָל זיך ניט דרייען, קומט אַרויף דע שמועס אויך אויף ייִדן.

— טו טאַקע אַ שרייב, אַז ייִדן זאָלן קומען צו אונדז! כ'ווייס דאָך, אַז איר ייִדן זענט די גרעסטע טעאַטער - ליבהאָבער און טעאַטער-גייער. בכלל האָב איך אַסך פריינד און אַפילו קרובים. מיינער אַ פּלימעניק האָט אַ ייִדישע פרוי. נײַן קיין ייִדיש קען איך נאָך ניט. אוודאי וואָלט איך געוואָלט לייענען וואָס דו שרייבסט, אָבער דאָס וועט מוזן זיין אי־בערגעזעצט.

ער רעדט און איך זיץ און פאַרצייכן פון צייט צו צייט. מיטאַמאָל דערזעט ער, אַז דאָס וואָרט „קאָנדאָמבע" (אַ נעגער-טאַנץ) פאַרצייכן איך מיט לאַטיינישע אותיות, ניט מיט ייִדישע:

— אהאַ! נישטאָ אויף ייִדיש קיין וואָרט „קאַנדאָמבע"! מוזט שרייבן אויף שפּאַניש! יאָ, איך הער אַמאָל די ייִדישע ראַדיאָ - שעה. פאַר־שטיי איך ווערטער. ווי למשל: „קאַזשע אַנדעס אָנסע דאָסע"... (איך ביי מיר: „וואָס וואָלט געשאַדט, ווען ייִדן זאָלן זאָגן נאָר „אויף דער גאַס אַנדעס, טויזנט, הונדערט צוועלף, אַזוי אַז מען זאָל אונדז ניט האַלטן אָרעם אַפילו דאָרט ווו מיר זענען עס ניט?").

אורוגוואָרצלען

ווען ער דיקטירט מיר נעמען פון ביכער, פון וועלכע איך קען זיך אסך דערוויסן וועגן נעגערס, זאָגט ער מיר אביסעלע אריין, אז אין 20 יאָר האָב איך שוין געמעגט וויסן אַ ביסל מער אויף דעם געביט. מסתּמא איז ער גערעכט. איך זאָג אים, אז „אַלץ איינס אינטערעסירן זיי מיך און אָט דערפאר בין איך דאָ דאָ". איידער איך האָב אים אויפגעקלערט, אז „דאָ" מיין איך — „אין זיין ביוראָ", האָט ער פארשטאַנען אַז איך מיין, אז דערפאר בין איך געקומען קיין אורוגוויי. גיב איך צו, אז אורוגוויי האָב איך סיי ווי ליב, אַ סימן, אז איך בין אהער געקומען.

איך אַנערקען, אַז פון די נאַציס בין איך אַוועק און זיך געראַטעוועט קיין באָליוויע, אָבער קיין אורוגוויי בין איך געקומען צוליב דעם היגן פרייעם „קלימאַט" אָבער דאָס איז נאָך ביי אים אַלץ אַן „אהבה התלויה בדבר". ס'נאָך ניט קיין אהבה לשמה...

און ער גיט צו:

— מיין נישט, אַז דאָ איז נישטאָ קיין דיסקרימינאַציע קעגן יידן און קעגן נעגערס. אָבער עס דאַכט זיך, אַז די יידן און די נעגערס זענען אַליין שולדיק. זיי זונדערן זיך אַליין אָפּ, זיי...

איך וויל ניט פאַרענטפערן די יידן, אָבער איך פּרוּוו עס בנוגע די נעגערס:

— מיינסט נישט, אַז אויב די נעגערס ווילן בלייבן נעגערס, מוזן זיי לעבן צווישן זיך אין אַ מין נעגערישן געטאָ?

— אָ, ניין! אונדזער טעאַטער איז נישט קעגן אריינעמען ווייסע! מיר ווילן נאָר, אַז עס זאָל זיין בעיקר פון נעגערס, אָבער נישט טאָטאַל־נעגעריש, און דו רעדסט ווי אַ רעליגיעזער ייד!

אָט למשל, האָבן יידן אין אורוגוויי געגרייכט צו ווערן אינטערנאַ-ציאָנאַלע טשעמפּיאָנען אין באַסקעט־באָל, פּונקט ווי נעגערס אויפן געביט פון פוטבאָל. אָבער יידן זענען געגאַנגען און זיך געשאַפן אַן אייגענעם אויסשליסלעכן יידישן ספּאָרט־קלוב.

וואָס שייך מיין רעליגיעזקייט האָב איך נישט געהאַלטן פאַר נויטיק „זיך ריינצווואַשן פון דער באַשולדיקונג". און בנוגע ספּאָרט האָב איך באַמערקט אַז אין „מכבי" שפּילן אויך ניט ־ יידן.

און אַזוי ווי נישט וועגן דעם בין איך איצט געקומען, האָב איך ווידער אָנגעכאַפּט דעם פאָדים פון דעם, וואָס האָט מיר אינטערעסירט:

— איך באַוואונדער דיך פאַר אַזויפיל וויסן וועגן נעגערס און ס'איז

מיר אינטערעסאַנט און שיין צו אַנטדעקן ווי אַ וויסער — כאָטש דו זאָגסט יעדעס מאָל „מיר" — טוט אַזויפיל פּאַר נעגערס!

פּאַרוואָס נישט?! מען מוז דאָך עפּעס טאָן אויף צו פילן אַ טעם אין לעבן! אַנדערש האָט דאָס לעבן נישט קיין זין! זיין אַן אַדוואָקאַט און פאַרנעמען אַ הויכן רעגירונגס - אַמט איז נישט אַלץ אין לעבן (שפּעטער האָבן אַנדערע מיר דערציילט אַז ד"ר פּ. מערינאַ איז אַ מיט-גליד פון העכסטן געריכט). מען מוז עפּעס געבן, געבן, געבן! איך האַלט נישט פון דעם מין „קולטור" וואָס מען קויפט און מען פאַרקויפט אין די אוניווערסיטעטן. מען מעג זיין ווי געלערנט און קולטורעל, האָט עס פאַר מיר קיין שום ווערט ניט, אויב מען האַלט עס פאַר זיך אַליין; אויב מען טיילט זיך נישט דערמיט מיט די וואָס נויטיקן זיך דערין. און ווער נייטיקט זיך אַזויפיל דערין, ווי מיר, די נעגערס. דערפאַר בין איך דאָ מיט אָט דעם טעאַטער. מיר ווילן זיך דערהויבן. ווערן בעסער. ווערן שענער, ווערן העכער, איך האָב דערין אַריינגעבראַכט גענוג געלט, וואָס כ'וועל עס שוין קיינמאָל נישט אַרויסנעמען. נישט וויכטיק! (ער רופט מיר דערביי אָן אַ סומע, אַז ס'פאַלט אַ פּחד, באמת!).

און איך דערמאָן זיך: ערשט פריער ביים אויסרעכענען מיר בי-כער וועגן נעגערס, האָט ער מיר אויך רעקאָמענדירט זיך צו באַקענען מיטן שרייבער און פאָלקלאָר-פאָרשער, פּערעדאַ וואַלדעס, און דערביי געטאָן אַ זאָג ווי צו זיך אַליין: „און לירי קאָ"!" (אַ ליריקער!). אין דעם זאָג איז געווען עפּעס מער ווי די צוויי ווערטער. גלייך ווי „נישט מער ווי אַ „ליריקער" אָדער „אַ ליריקער, בעת מען דאַרף עפּעס קאָנקרע-טערס", אָבער ער אַליין איז איין שטיק היים-וויבראירנדיק האַרץ, וואָס גייט אויס נאָך טאָן גוטס, נאָך אַוועקגעבן זיך אינגאַנצן די וואָס נייטיקן זיך אין באַציונג, אין וואַרעמקייט, אין אַ גלעט.

איך האָב וואַרעם געדאַנקט ד"ר מערינאָן פאַרן שענקען מיר אַ שעה און ביים דריקן אים די האַנט מיט דאַנקבאַרקייט און אַנערקענונג, האָב איך אים נאָך צוגעגעבן:

„איך האָב געוואָלט אַז זאָלסט וויסן, אַז אונדזער באַרימט נאַציאָ-נאַל טעאַטער, די „הבימה", וואָס איז אויפגעקומען אין די שטורמישע יאָרן פון דער רעוואָלוציע און צעברויזטן מאָסקווע, האָט געהאַט אַלס ד"ר מערינאָס די באַרימטע רוסישע טעאַטער - ריזן וואַכטאַנגאָוו און „זאַסלאַווסקי".

א ו ר ו ג ו ו אָ ר צ ל ע ן

זאָל ער געווען פאַרשטיין אָדער פילן, אַז אין מיין געדענקען און דערמאָנען יענע צוויי איז דאָ אָן אַ שיעור אַנערקענונג פאַר זיין איידלקייט לגבי „אונדז — די נעגערס"?! — איך וואָלט געוואָלט אַז אַזוי זאָל עס זיין. אויף יעדן פאַל:

פון דעמאָלט אָן, יעדעס מאָל, וואָכן־לאַנג ערב און נאָך קאַרנאַוואַל, ווען אויף דער הויפּט־גאַס פון מאָנטעווידעאָ, אין סאַמע צענטער, טוט זיך אַ דערהער דאָס פּייקלען פון די „קאַנדאָמבע־פּייקלעך"; און ווען עס טוט זיך אַ באַווייז דאָס גרופּקעלע נעגערס איבערגעטוענע אין עפּעס משונה־מאָדנע קליידער, וואָס זאָלן זיין אַ נאָכמאַכונג פון זייערע אַפריקאַנער זיידעס קאָסטיומען; און ווען איך זע ווי זיי גייען און פּייקלען אָן אויפהער און איינער פאַרויס — מיט אַן אויסגעשטרעקטן טעלער נאָך אַ פּאָר מטבעות, ווייס איך דעמאָלט, אַז דאָס איז ניט אַזוי פּשוט. דאָס איז ניט סתם אַזוי אַ טאַנצן און אַ פּייקלען. דאָס איז דער פרייד־אויסדרוק דערפאַר וואָס עס איז געלונגען דעם ערשטן מענטש עפּעס אויפצוטאָן פאַר אונדז אַלע, מענטשן פון אַלע קאָלירן: אַרויסצוגנבענען די מוזיק פון פויק און מיט איר אונדז באַשענקען, אונדז אַלע, אַלע — דעם גאַנצן מין מענטש.

סאַרדאַנאַ - טאַנץ, ווי אַ דעמאָנסטראַציע

די פיר קאַטאַלאַנישע פּראָווינצן וואָס ליגן אין צפון - מזרח פון שפּאַניע — באַרסעלאָנאַ, טאַראַגאָנאַ, לערידאַ און כעראָנאַ — האָבן אַ גרעסערע טעריטאָריע ווי גאַליסיאַ אָדער ווי דאָס וואַסקן - לאַנד, און אויך אַ גרעסערע באַפעלקערונג. אַ באַפעלקערונג פון קנאַפּע פיר מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן — דאָס איז באמת אַ קראַפט, וואָס ניט יעדער קליינע מלוכה פאַרמאָגט עס. חוץ דעם איז דאָס לאַנד פון די קאַטאַלאַנען שפּראַכלעך אויך אַ שטיק „אימפּעריע”: מע רעדט קאַטאַלאַניש אויך אויף דעם אינדזל מאַליאָרקאַ און אַפילו אין דער זעלבשטענדיקער רעפּובליק אַנדאָראַ.

ס'איז אַ לאַנד מיט אַסך נאַטירלעכע רייכקייטן. פאַר אַלעמען — אַגריקולטור. זינט 1914 זענען שוין אין קאַטאַלוניאַ געווען ערדאַרבעטער־סינדיקאַטן, אַן אַגראַר - רעפאָרם און אייגנוויליקע קאָאָפּעראַטיוון. די גאַנצע ערד פלעג גוט באַאַרבעט און אויסגענוצט ווערן. ניט אומזיסט איז פאַראַן אַ שפּאַניש גלייכווערטל: „על קאַטאַלאַן דע לאַ פּיעדראַ סאַקאַ פּאַן” (דער קאַטאַלאַן ציט־אַרויס ברויט אַפילו פון אַ שטיין). אָבער קאַטאַלוניאַ איז שוין לאַנג אויך אַ לאַנד מיט אַן אַנטוויקלטער אינדוסטריע און מיט אַ באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט. דאָס לאַנד האָט שוין מער ווי איין מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון זעלבשטענדיקייט. אין 1932 איז עס פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אויטאָנאָמע געגנט.

די קאַטאַלאַנען באַזיצן אַ פעסטן באַוווסטזיין פון זייער אייגנאַרטיקייט, וואָס גייט פון רעגיאָנאַליזם אָדער שטרעבונג צו קולטורעלער אויטאָנאָמיע ביז נאַציאָנאַליסטישן סעפּאַראַטיזם.

קאָן זיין, אַז היינט איז שוין אַזאַ סעפּאַראַטיסטישע טענדענץ אינגאַנצן אָדער כמעט ביי קיינעם אין שפּאַניע מער ניט פאַראַן, אָבער ווען זי איז געווען אַקטועל, איז זי אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק ביי

די קאַטאַלאַנען. אין דעם זין זענען זיי אַ מין אויסגעלאָשענער ווולקאַן. אַ ווולקאַן וואָס חוץ סעפּאַראַטיזם האָט נאָך אין אים געטליעט אַ היפּשע דאָזע אַנאַרכיזם. און ניט דווקא פון דעם מין אַנאַרכיזם וואָס באַגנוגנט זיך מיט חלומען און פילאָזאָפירן שלווהדיק וועגן אַ מין משיחישן „באחרית הימים”...

צי וועט נאָך אַמאָל דער דאָזיקער ווולקאַן ווידער אויפרייסן? דאָס איז זייער פּראָבלעמאַטיש. אין דעם מאָמענט איז דאַכט זיך, אויף יעדן פאַל, ניט צום פאָרויסזען אַזאַ מעגלעכקייט. פּאָליטיש האָבן אַסך „איז־מען” אויפגעהערט צו זיין לאָקנדיק און צוזאָגנדיק. צווישן זיי — אויך דער דאָזיקער טיפּ אַנאַרכיזם, וואָס האָט גענערט דעם אידעאַליזם פון אַ פּאָר דורות קאַטאַלאַנען.

וואָס שייך אייגענער שפּראַך און קולטור, זעען היינט איין ביידע צדדים — קאַטאַלאַנער אינטעלעקטואַלן און דער פּראַנקיסטישער רעזשים — אַז עס קען מעגלעך זיין אַ „קאָעקזיסטענץ”. דאָס איז אַן אויספיר צו וועלכן מע קומט, באַטראַכטנדיק די עוואָלוציע פון קאַטאַלאַניזם במשך די לעצטע צענדליקער יאָרן.

ס'איז נאַטירלעך, אַז אַזוי ווי יידישע אימיגראַנטן פון ערב און באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן פון מזרח־אייראָפּע גע־בראַכט אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער (אין פאָריקן יאָרהונדערט אין די פאַרייניקטע שטאַטן) סאָציאַליסטישע אידעען, אַזוי האָבן די קאַ־טאַלאַנען געבראַכט דעם הייסן אָטעם פון אַנאַרכיזם. און עס זענען גע־ווען קעגנזייטיקע באַווירקונגען. דער יידישער יוגנטלעכער ש. ראַדאָ־וויצקי, וואָס האָט אין 1907 געוואָרפן אַ באָמבע אויפן פּאָליציי־שעף פון בוענאָס איירעס איז אפשר באַווירקט געוואָרן פון היים־טעמפּעראַ־מענטיקע קאַטאַלאַנען.

אָבער עס דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערן, אַז אַלע קאַטאַלאַנען זענען אפילו נאָר אַמאָל, געווען פאַר סעפּאַראַטיזם. אין 1919 האָט ד־ר” מאַר־טין דערעו, אין זיין בוך „קאַטאַלוניאַ ען אַקסיאָן” וואָס איז דערשינען אין בוענאָס איירעס, זיך אויסגעדריקט קאַטעגאָריש פאַר אויטאָנאָמיע און באַשטימטער אומאָפּהענגיקייט, אָבער קעגן סעפּאַראַטיזם פון שפּאַ־ניע אַלס גאַנצער.

אַן ענלעכע שטעלונג דריקט אויך אויס מ. קאַסאַס פערנאַנדעס אין זיין בוך „פּראָסעסאָ דע קאַטאַלאַניסמאָ”.

אָבער דערפאַר האָבן, הן ער, הן כואָן לאַרק Larch זייער אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו זייער אייגענער שפּראַך — צו קאַטאַלאַניש! (וועגן דעם אַ פּאָר ציטאַטן, — ווען ס'וועט קומען צו רייד וועגן דער קאַטאַלאַנישער שפּראַך און ליטעראַטור).

אויך היגע קאַטאַלאַנער, מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן, דריקן זיך אוים וועגן סעפּאַראַטיסטן ווי וועגן אַן אומבאַרייטנדיקער מינדערהייט.

עס האָט זיך באַקומען, אַז מתוך גרוים ליבשאַפט צו זייער אייגענער שפּראַך (דער צעמענט פון נאַציאָנאַלן), זענען אַ טייל קאַטאַלאַנען אַוועק ביז סעפּאַראַטיזם פון שפּאַניע; פון דער אַנדערער זייט זענען קאַטאַלאַנען, מתוך שטאַרקן ווידערווילן צום סעפּאַראַטיזם, אַוועק ביז „אידעאָלאָגישער" דערווייטערטקייט און אפילו מינדערשעצונג צו זייער אייגענער שפּראַך, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען.

***

אין דרום - פראַנקרייך און אין צפון - מזרח שפּאַניע האָבן די באַפעלקערונגען גערעדט אין מיטלעלטער אויף עטלעכע יונגע שפּראַכן, נאָר וואָס אויסגעפּיקטע פון לאַטיין, וואָס האָבן באַקומען דעם אַלגעמיינעם נאָמען „פּראָוואַנסאַלישע שפּראַכן אָדער „לאַנגדאָק" Llanguedoc צו אָט דער גרופּע שפּראַכן געהער אויך די רעלאַטיוו־יונגע קאַטאַלאַנישע שפּראַך. אָבער בעת די דאָזיקע שפּראַכן-גרופּע איז שוין כמעט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען אין פראַנקרייך און נאָר דער אַזויגערופענער „פּראָוואַנסאַל" איז נאָך גערעדט געוואָרן ביז ניט לאַנג און אַ פּאָעט וואָס האָט געשריבן אויף דער דאָזיקער שפּראַך, פעדעריק מיסטראַל, האָט נאָך אין 1904 באַקומען די נאָבעל - פּרעמיע פאַר ליטעראַטור, איז קאַטאַלאַן עד היום אַ לעבעדיקע פאָלקס - שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט פון איבער פינף מיליאָן נפשות.

קאַטאַלאַן איז אָנערקענט געוואָרן אָפיציעל אַלס שפּראַך אין 13־טן י"ה (אונטער דער הערשאַפט פון אַראַגאָנישן מלך, כאַימע דער ערשטער); פון יענער צייט אָן האָט זיך קאַטאַלאַניש אויסגעשפּרייט אויך קיין וואַלענסיאַ און מאַליאָרקאַ.

די פּאָליטישע קלעפּ וואָס קאַטאַלוניאַ (קאַטאַלאַנען־לאַנד) האָט באַקומען, האָבן גורם געווען אַ דעקאַדענץ פון דער שפּראַך איןביידע זייטן פון די פּירענעען. אַ באַרימטער שפּאַנישער גראַמאַטיקער און הומאַניסט פון 16־טן י"ה, עליאַ אַנטאָניאָ דע נעבריכאַ, האָט עס ריכטיק דע־

פּינירט: „לאַ לענגואַ סיגע אַל אימפּעריאַ" — די שפּראַך גייט נאָך דער אימפּעריע (אָדער דער הערשאַפט). און דאָס דערקלערט למאַי פון די נצאָ - לאַטיינישע שפּראַכן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן כמעט אין דער זעלביקער תקופה, האָבן גובר־געווען פראַנצויזיש, איטאַליעניש און שפּאַניש.

קאַטאַלאַניש, וואָס איז צעשניטן דורך די פּירענעען (ענלעך צום גורל פון וואַסקיש) איז געבליבן לעבעדיק נאָר אין מויל פון די פאָלקסמאַסן, „ווי זשאַר אונטער אַש", ווי עס דריקט זיך אויס ד"ר איסמאַעל כיבאַרד (און דאָס איז וויכטיקער ווי צו ווערן געלערנט אין אוניווערסיטעטן... גיט-צו אַ יידיש־רעדנדיקער ייד...). און ד"ר כיבאַרד זאָגט ווייטער: „פון צייט צו צייט האָט אַ שרייבער איבערגענומען דעם פאַקל און גיך אים איבערגעגעבן אַ צווייטן, ביז אין 19־טן יאָרהונדערט, ווען ס'איז געקומען אַ רענעסאַנס פון דער שפּראַך. אין 1833 איז דערשינען „אָדע דעם פאָטערלאַנד" פון בוענאַווענטורא אַריבאַו. און אין 1854 איז אין פראַנקרייך אַנטשטאַנען די באַוועגונג „פעליברידזש", פאַר דער אויפלעבונג פון פּראָוואַנסאַל" (פאַר ד"ר איסמאַעל כיבאַרד זענען קאַטאַלאַניש און פּראָוואַנסאַל די זעלביקע שפּראַך).

און ווייטער : „אין דעם מאָמענט איז דער צענטער נית מער פּראָוואַנס, ווי אין די צייטן פון מיסטראַל (דער דערמאָנטער נאָבעל־פּרעמיע באַקומער), נייערט קאַטאַלוניאַ. אויב די שפּראַך וועט בלייבן לעבן, וועט דאָס זיין דורך קאַטאַלאַניש". (ד"ה, אַז אין שפּאַניע און נית אין פראַנקרייך).

און היות עס ווערט גערעדט וועגן פּראָוואַנסאַל ווי אַ סינאָנים אָדער שוועסטער - שפּראַך פון קאַטאַלאַניש, זאָל דאָ דערלויט זיין צו דערציילן עפּעס וואָס האָט צו טון מיט יידן.

אין דרום - פראַנקרייך האָבן יידן אין מיטלעלטער גערעדט פּראָוואַנסאַל. אַ דיאַלעקט וואָס האָט געהייסן „קאָמטאַדינאַ", אָדער „קאָמטאַדין". און נית נאָר האָבן זיי גערעדט קאָמטאַדין, נאָר אַפילו אָנגעהויבן אַריינמישן אין אים העברעישע ווערטער און אויסקנייטן אַן אייגנאַרטיק יידיש לשון. אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אַפילו געשאַפן פּיוטים, תפלות, אויף דעם דאָזיקן לשון. אין 1891 איז אין דער שטאָט אַוויניאָן אַפילו דערשינען אַ ביכעלע — אַ זאַמלונג פון די דאָזיקע „העברעיש - פּראָוואַנסאַלישע תפילות". אין דעם ביכעלע גייען אַריין דריי פּיוטים און דאָס טראַדיציאָנעלע ליד, וואָס ווערט ביי יידן געזונגען פסח ביים סדר

— „חד גדיא״. דאָס ביכעלע איז דערשינען איבערזעצט אויך פּאָרטו־געזיש מיט אַ הקדמה פון אַרויסגעבער, וואָס איז געווען ניט קיין אַנדע־רער ווי דער לעצטער קעניג פון בראַזיל, דאָן פּעדראָ דער צווייטער, דער דאָזיקער מלך איז געווען אַ פּעליבריסט (אַן אָנהענגער פון אויפלעבן פּראָוואַנסאַל און די קרובישע דיאַלעקטן) און אויך אַ „פּאַרברענטער״ העברעיסט. אויפן שער־בלאַט פון דעם דאָזיקן ביכעלע קען מען לייע־נען קלאָר:
POESIAS HEBRAICO PROVENCALES du RITUEL ISRAELITE COMTADIN, traduites et transcrites par S. M. Dom PEDRO II D'ALCANTARA, empereur du Brasil.
דאָס דאָזיקע ביכעלע איז איבערגעדרוקט געוואָרן און דערשינען (חוץ „חד גדיא״) אלס טיילן פון אַן אַרבעט פון קורט לעווענשטאַם: אין ריאָ דע זשאַניירא, אין פאַרלאַג „ביבלאָס״. ליידער איז ניט אָנ־געגעבן דאָס יאָר).

***

און איצט קומען מיר צו צו אַן אייגנאַרטיק „מיטל״, מיט וועלכן קאַטאַלאַנען באַנוצן זיך כדי אויפצוהייבן דעם קינסטלערישן ניוואָ פון זייער שפּראַך: די „זשאָקס פלאָראַלס״ אויף זייער לשון; „כועגאָס פלאָ־ראַלעס״ אויף שפּאַניש און אות באותיק איז עס אויף יידיש „בלומען שפּילן״ פּאַקטיש איז דאָס דער עלטסטער פּאָעזיע - קאָנקורס פון איי־ראָפּע, וואָס ציט זיין יחוס נאָך פון 14־טן י״ה. געווען צייטן ווען די „זשאָקס פלאָראַלס״ פלעגן פּאָרקומען אין דער קאַטאַלאַנישער הויפּט־שטאָט, באַרסעלאָנאַ. אָבער שפּעטער, ווען דאָס איז דאָרט פאַרבאָטן גע־וואָרן, האָבן זיך די קאַטאַלאַנען אין גלות ניט אונטערגעגעבן און פון ציט צו צייט איינגעאָרדנט די דאָזיקע פּאָעזיע - קאָנקורסן אין פאַר שידענע שטעט פון דער וועלט: מאָנטפּעליע, פּאַריז, לאָנדאָן, מעקסיקע, בוענאָס איירעס, סאַנטיאַגאָ דע טשילע און עטלעכע מאָל אין מאָנטעווי־דעאָ. אויב אויבן איז דערמאָנט געוואָרן „אַ פּאַקל״, וואָס ווערט איבער־געגעבן פון האַנט צו האַנט״, זענען די „זשאָקס פלאָראַלס״ דער פייער לעבער צונויפפּאָר, אויף וועלכן דער „פּאַקל״ ווערט איבערגעגעבן. אויף אַזעלכע ליטעראַרישע קאָנקורסן האָבן באַקומען זייער „איינהייליקונג־אָנערקענונג״ די באַרימטסטע קאַטאַלאַנישע פּאָעטן:
Rubio i Ors, María Aguiló, Mila i Fontanals, Victor Balaguer, Pons i Gallarza, Jacint Verdaguer, Angel Guimerá, Joan Maragall.

און אַנדערע.

די „זשאַקס פלאָראַלס" האָבן פאַר די קאַטאַלאַנען אַ טיפן היסטאָרישן זין. אין לאָנדאָן (אין 1947) און אין מאָנטעווידעאָ (אין 1949) זענען זיי פאָרגעקומען נעענט דעם 11־טן סעפּטעמבער, דער זעלביקער טאָג אין וועלכן אין 1714 האָבן די אַרמייען פון פראַנקרייך און שפּאַניע, נאָך אַ לאַנגער באַלאַגערונג, איינגענומען באַרסעלאָנאַ.

„אויב דעם 11־טן סעפּטעמבער 1714 האָבן קאַטאַלאַנען פאַרלוירן זייער פרייהייט, סימבאָליזירן די „זשאַקס פלאָראַלס", וואָס זענען ווידער איינגעפירט געוואָרן אין 1859, דעם אויפלעב פון קאַטאַלאַנישן גייסט. דורך דער פּאָעזיע האָט אָנגעהויבן ווידער אויפלעבן די אומה". אַזוי שרייבט אַ קאַטאַלאַנישער שרייבער.

***

אָבער אַט קענען מיר זען, אַז ניט אַלע קאַטאַלאַנען דענקען גלייך. און עס איז צום שטוינען ווען מע שטויסט זיך אָן אויף די ווייטערדיקע שורות אין אַ בוך פון קאַטאַלאַנישן שרייבער (מ. קאַסאַס פערנאַנדעס אין זיין „פּראָסעסאָ דע קאַטאַלאַניסמאָ"):

„קאַטאַלאַניש איז ניט געווען און איז ניט קיין קולטור־שפּראַך. פּונקט ווי וואַסקיש און גאַלעגיש, איז קאַטאַלאַניש ניט מער ווי אַ פּראָסט לשון. קאַסטעליאַנאָ (די אָפיציעלע שפּראַך פון שפּאַניע), להיפּך, איז אַ שפּראַך וואָס האָט זיך דערהויבן פון אַ פאָלקס־לשון צו די העכסטע הייכן פון קולטור און קונסט און זיך אויסגעשפּרייט אויף ביידע האַלבקיילעכן פון פּלאַנעט און אָנגעהאַלטן די איבערהערשאַפט במשך יאָרהונדערטן.

די דעקאַדענץ פון קאַטאַלאַניש איז נאַטירלעך און דאַרף ניט קענען געווירקט ווערן מיט דעם איצטיקן איבערגעטריבענעם ליטעראַרישן רענעסאַנס. ווייל ווידעראויפלעבן היינט קאַטאַלאַניש, אַרויסנעמענדיק דאָס לשון פון דער משפּחה־ספערע און פון דער לאָקאַליסטישער ליטעראַטור, כדי דערפון צו מאַכן אַ קולטור־שפּראַך וואָס זאָל גענוצט ווערן אין אוניווערסיטעטן, אין דער וויסנשאַפט און אויף אַן אָפיציעלן אופן, איז אַן אַנאַכראָניזם, וואָס איז קעגן פּראָגרעס... פּרווון טון דאָס זעלביקע מיט וואַסקיש, וועגן וועלכן מע קען זאָגן, אַז הגם עס איז עלטער האָט עס ווייניקער געשיכטע, איז נאָך אַ גרעסערער אומזין".

אויף אַן ענלעכן אופן דריקט דאָס אויס אויך דער קאַטאַלאַנישער שרײַבער כואַן לאַרק.

די דאָזיקע ציטאַטן פון קאַטאַלאַנער קעגן זייער אייגן לשון דער־מאָנען זייער אין דער לאַגע פון יידיש. ווען מע פאַרטרעט אין אָט די שורות דאָס וואָרט „קאַטאַלאַניש" מיט „יידיש" און דאָס וואָרט "קאַס־טעליאַנאַ" מיט „עברית", וועט עס זיין אַ געטרײַער אויסדרוק פון אופן ווי עס טראַכטן אַסך יידן וועגן די דאָזיקע צוויי יידישע לשונות, וועמען דאָס יידישע פאָלק איז אַזויפיל שולדיק; וועלכע האָבן זיך קעגנ־זײַטיק געגערט במשך יאָרהונדערטן פון צרות און ליידן וואָס דאָס פאָלק איז אויסגעשטאַנען און וועמענס וועגן „צעגייען זיך איצט" נאָר דער־פאַר ווייל עברית איז געוואָרן אַ מלוכה - שפּראַך, בעת יידיש איז גע בליבן דאָס לשון פון די צעזייטע און צעשפּרייטע.

מע מעג דאָ ווידער דערמאָנען דעם זין פון ע. א. דע נעבריכאַס ווערטער: „די שפּראַך גייט־נאָך דעם הערשער"...

***

איידער איך גיי איבער צו קאַטאַלאַנען אין אורוגוויי, וויל איך זיך נאָך אָפּשטעלן אויף איין „יידישן" מאָמענט, וואָס האָט אַ שייכות אַהער.

קאָן זיין, אַז ניט אַלץ וואָס ווערט געשילדערט אין וויסענטע בלאַס־קאָ איבאַגיעסעס ראָמאַן „לאַס מוערטאַס מאַנדאַן", איז נאָך היינט אַק־טועל. אין דעם דאָזיקן בוך ווערט קינסטלעריש געשילדערט דער לעבנס־שטייגער אויפן אינדזל מאַליאָרקאַ און עס ווערט דאָ אָפּגעגעבן אַ „בכבודיק" אָרט די „טשועטאַס"". דאָס איז אַ באַפעלקערונגס־גרופּע, וואָס שטאַמט פון יידן, וועלכע האָבן אין 15 טן יאָרהונדערט, אונטערן דרוק פון דער אינקוויזיציע, אָנגענומען די קאַטוילישע רעליגיע. אָבער עס האָט די מענטשן גאָרניט געהאָלפן. ביז היינט זענען זיי אַ פאַראַכטעטע קאַסטע. אמתע פאַריער. ניט מע איז זיך מיט זיי משדך, ניט מע האָט מיט זיי סאָציאַלע באַציונגען. זיי זענען אַלץ „די קינדער פון יענע וואָס האָבן געהרגעט גאָט". אין די עטלעכע יאָרהונדערטן זינט זייער שמד האָט מען שוין צענדליקער פון זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט. איינער פון די פאַרברענטע איז געווען אַ מענטש מיטן פאַמיליע-נאָמען וואַלס. דעם דאָ־זיקן פאַמיליע־נאָמען טרעפט מען נאָך אפילו היינט אין מאָנטעווידעאָ. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז געווען אַ קלאַנג, אַז אַ טייל „טשועטאַס" ווילן

אוזוגוואָרצלען

פאָרן קיין מדינת ישראל און זיך דאָרט אומקערן צו יידישקייט און בלייבן ישראל - בירגער. עס האָבן עס באַוויזן נאָר געציילטע פערזאָנען. עס איז שווער צו זיין אַ „טשועטאַ" אָבער אפשר איז דאָך נאָך שווערער צו ווערן אַ ייד. דאָס בוך פון בלאַסקאָ איבאַניעס איז אַ קינסטלערישער דאָקומענט וועגן לעבנסשטייגער אויף אַ טעריטאָריע ווו מע רעדט קאַטאַלאַניש און עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן אויף וויפל עס זענען נאָך דאָרט בכלל געבליבן די גרענעצן צווישן די פאַרשידענע סאָציאַלע קאַסטעס, וואָס גייען. פון אויבן אַראָפּ, לויט אַזאַ סדר (לויט בלאַסקאָ איבאַניעס): „בוטיפאַראַס", „נאָבלעס", „פאַיעסעס" און... „נאָך די הינט, קעץ און אַנדערע בעלי חיים — די טשועטאַס"...

***

אין אורוגוויי

הוץ דער קאַטאַלאַנישער אינסטיטוציע „קאַסאַל קאַטאַלאַ" בין איך דאַנקבאַר דער פרוי ד"ר בלאַנקאַ פּאַריס דע אָרדאָנע פאַר די דאַטן וואָס זי האָט מיר געגעבן וועגן קאַטאַלאַנען בכלל און וועגן קאַטאַלאַנען הי, בפרט. שוין אָפּגערעדט, אַז עס איז פאַר מיר געווען אַן אמתער אוצר איר ביכעלע „פיגוראַס ע אינסטיטוסיאָנעס קאַטאַלאַנאַס ען על אורו-גואַי" (קאַטאַלאַנישע געשטאַלטן און אינסטיטוציעס אין אורוגוויי), וואָס איז הי דערשינען אין 1960.

ד"ר בלאַנקאַ פּאַריס דע אָרדאָנע האָט מיך אויפגענומען אין אַן אינדערפרי אין אַ צימער פון הומאַניסטישן פאַקולטעט, ווו זי איז גע-שיכטע־פּראָפעסאָר. איך האָב אָנגעהויבן פרעגן:

— איר פערזענלעך רעדט קאַטאַלאַניש?

— יאָ, איך רעד, אָבער איך שרייב ניט.

— און אייערע קינדער?

— פאַרשטייען ניט. די קאַטאַלאַנישע אימיגראַנטן זענען געווען מיין מאַמעס עלטערן. שוין מיין זיידע האָט זיך גענצלעך איינגעלידערט אין היגן לעבן. וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פון יינגערן דור?

— צי איז אין אורוגוויי בכלל פאַראַן אין דעם מאָמענט קאַטאַלאַ-נישע קולטור?

— ווייניקער ווי מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק. אָנהייב יאָרהונ-דערט איז געווען אַ קאַטאַלאַניש טעאַטער. עס האָט זיך בכלל מער געטון

אויף דעם געביט, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין מײַן ביכעלע. איצט איז זייער „שטיל". אין דעם מאָמענט איז בכלל ניט פאַראַן קיין אימי־גראַציע. און די אימיגראַנטן וואָס זענען נאָך געקומען פון די לעצטע, זענען געווען אַ באַשיידענער טיפ מענטשן, הן סאָציאַל, הן קולטורעל, און האָבן ניט אַריינגעבראַכט קיין גייסטיקן אומרו. געווען צווישן זיי אַפילו אַנאַלפאַבעטן.

— און ווי איז אין אַנדערע לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער אויף דעם געביט?

— אין בוענאָס איירעס איז די קאָלאָניע אַ שטאַרקערע. דאָרט דער שײַנט אויך אַ צײַט־שריפט. „מאַנעליק". אַמאָל זענען דערשינען מער. אין מעקסיקע געפינט זיך דער וויכטיקסטער קאַטאַלאַנישער צענטער פון הײַנטיקן יאָרהונדערט. ביי אונדז אין אורוגוויי איז לײדער ניט פאַראַן קיין הויכער ניוואָ.

— זענען הי פאַראַן אַסך קאַטאַלאַנען?

— אויף יעדן פאַל אַסך ווייניקער ווי גאַליעגן. מסתמא ווייניקער ווי אַ העלפט.

— וואָס ווערט הי אויפגעהאַלטן טיפיש קאַטאַלאַניש?

— ביז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט נאָך עקזיסטירט אַ טאַנץ־אַנסאַמבל. עס ווערט אויפגעהאַלטן דער קאַטאַלאַנישער פאָלקלאָריסטי־שער טאַנץ „לאַ סאַרדאַנאַ"; ווי ווייט מעגלעך — די שפּראַך. מנהגים, טיפישע מאכלים.

— פאַראַן הי אַ קאַטאַלאַנישע ביבליאָטעק?

— יאָ. אין „קאַסאַל קאַטאַלאַ" — דער פאַרבאַנד פון היגע קאַטאַ־לאַנען. דאָ הי איז געווען „לעבעדיק" אַרום קאַטאַלאַניש, ווען ס'זענען דאָ פאָרגעקומען די „זשאָקס פלאָראַלס". דאָס זענען ליטעראַרישע קאָנקורסן וואָס שליסן־איין אי פּאָעזיע אי פּראָזע און נעמען אַרום אַלע קאַטאַ־לאַנען פון דער גאָרער וועלט, אײַנשליסלעך פון שפּאַניע.

— און ווי איז די לאַגע אין שפּאַניע גופא אין קאַטאַלוניאַ?

— איך בין דאָרט געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק און געבליבן איי־בערראַשט סאַראַ קולטור ־ אויפלעב עס קומט פאָר. אַמאָל, מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק, פלעג די קאַטאַלאַנישע יוגנט ניט וועלן רעדן קיין קאַטאַלאַניש, כדי זיך ניט קאַליע צו מאַכן דעם אַקצענט ביים רעדן שפּאַניש. און עס מאַכט באמת קאַליע אויף אַזויפיל, אַז מע קאָן שוין מער קיינמאָל ניט רעדן קיין שפּאַניש אָן קיין אַקצענט. איצט האָבן מיר

אַן אַ שיעור יוגנטלעכע דערקלערט: „מיר רעדן קאַטאַלאַניש ווייל דאָס איז אונדזער לשון און עס איז ניט וויכטיק אויב עס וועט אונדז בלייבן אַן אַקצענט ביים רעדן שפּאַניש". אינגאַנצן עפּעס אַנדערש, ווי עס איז לײדער, ביי דער קאַטאַלאַנישער יוגנט אין מאָנטעווידעאָ.

און נאָך עפּעס האָב איך איצט געזען אין באַרסעלאָנאַ: יעדן מיט וואָך און זונטיק ביינאַכט קומען מאַסן יוגנטלעכע, צווישן 15 און 18 יאָר, אויף דער „פּלאַסאַ דע לאַ קאַטעדראַל" („קאַטעדראַל - סקווער") און טאַנצן דאָרט דעם סאַרדאַנאַ - טאַנץ. עס איז ווי אַ דעמאָנסטראַטיווער אויסדרוק פון זייער צוגעבונדנקייט צו דער אייגענער קולטור. מע מערקט אַ שטאַרקן רעגיאָנאַליזם, אָבער ניט קיין סעפּאַראַטיזם. און די רעגירונג שטערט גאָרניט דערצו. די שטעלונג איז איצט: „דאָס קולטורעלע צערודערט ניט דאָס פּאָליטישע".

די יוגנט איז דאָרט איצט אויף אַזויפיל נאַציאָנאַליסטיש, אַז הגם מע מוז ניט — לערנט מען זיך קאַטאַלאַניש. אין בוכהאַנדלונגען זעט מען אַסך ביכער אויף קאַטאַלאַניש, וואָס ווערן געדרוקט אין שפּאַניע.

— צי האָבן די היגע קאַטאַלאַנען ספּעציפישע באַשעפטיקונגען?

— בעיקר זענען זיי באַשעפטיקט אין קאָמערץ און אין אינדוסטריע.

— און ווי איז מיט רעליגיע? צי זענען אַלע קאַטאַלאַנען קאַטאָליקן, אָדער זענען צווישן זיי פּאַראַן אויך פּראָטעסטאַנטן?

— וועגן פּראָטעסטאַנטן איז מיר ניט באַקאַנט, אָבער אַמאָל זענען אַסך קאַטאַלאַנען געווען ווייט אויך פון קאַטוילּיציזם. זינט נאָך דער מלחמה איז פּאַראַן אַ צוריקקער צו רעליגיע. אַמאָל זענען אין באַרסעלאָנאַ געווען אַסך אַנאַרכיסטן. אָבער די אַטעאיסטן פון די 20־ער צי 30־ער יאָר זענען שוין היינט ניט דער פּרעדאָמינירנדיקער טייל. קאַטאַלאַנען זענען בדרך כּלל ליבעראַל און פּאַראַן אויך ביי די ליבעראַלן אַ צוריקקער־טענדענץ צו קאַטאָליציזם.

— ווער זענען די באַרימטסטע קאַטאַלאַנישע שרייבער? פּאָעטן?

— קודם כּל דער גרעסטער קאַטאַלאַנישער פּאָעט — כאַסינטאָ ווערדאַגער, דער מחבר פון דער עפּישער פּאָעמע „לאַ אַטלאַנטידאַ", געשריבן אין 19־טן י"ה; און נאָך: וויסענס וויוועס, פּאָמפּיי פּאַבראַ, סאַנטיאַגאָ רוסיניאָל, אַנבעל גימערא, ראַימונדאָ לוליאָ.

— און פּערזענלעכקייטן אויף אַנדערע געביטן?

— פּאַבלאָ קאַסאַלס. איסאַאַק אַלבעניס. ביידע באַרימט אין דער

וועלט פון מוזיק. און דאַהי האָבן מיר געהאַט מאַרגאַריטאַ שירגו אויפֿן געבוט פון טעאַטער.

— ווייסט איר אפשר עפּעס וועגן מאַליאָרקאַ? זענען נאָך דאָרט הייַנט פאַראַן די סאַציאַלע קאַסטעס? די פּאַיעסעס? טשועטאַס, וועגן וועלכע עס דערציילט בלאַסקאָ איבאַניעס?

— דער „פּאַיעס" איז דער דאָרטיקער טיפּישער דאָרף - מענטש. ער ווערט געשילדערט אין דער „היסטאָריאַ סאָסיאַל דע עספּאַניאַ אי אַמעריקאַ" (סאָציאַלע געשיכטע פון שפּאַניע און אַמעריקע) פון וויַסענס וויוועס. אָבער בכלל קומט איצט פאָר אין קאַטאַלוניאַ אַ שטאַרקער פּראָצעס פון איבערגאַנג פון דאָרף אין שטאָט אַריין, אויף אַזויפיל אַז גאַנצע דערפער ווערן פּשוט אויפגעלייזט.

— צי פאַרמאָגן די קאַטאַלאַנישע פאַמיליען - נעמען עפּעס כאַראַקטעריסטישס?

— אויף אַזויפל אויף וויפל עס האָט אייגנאַרטיקס די שפּראַך. צ"ב די ch ווערט אויף קאַטאַלאַניש אַרויסגערעדט ווי אַ „ק" אַ „נ" מיט „י" נאָך איר, ווערט אַרויסגערעדט ווייך (ווי אין יידישן „ניאַניע"); פאַרן וואָרט „און" ווערט באַנוצט די פּשוטע i אַנשטאָט דער y פון שפּאַניש.

וואָס שייך דעם בייטראָג פון קאַטאַלאַנען פאַר אורוגוויי, האָב איך אַנטדעקט זייער אינטערעסאַנטע ידיעות אין איר ביכעלע, פון וועלכן ד"ר בלאַנקאַ פאַרים דער אָדדאָנע האָט מיר געשענקט אַן עקזעמפּלאַר.

די פאַמיליע באַטזשע איז אַ קאַטאַלאַנישע, דער בלוכה - פּרעזידענט אין 1868, איז געווען אַ זון פון קאַטאַלאַן כאָסע באַטזשע אי קאַררעאָ.

נאָך עפּעס: זינט 1834, ווען עס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַ סטענאָגראַף אין היגן פּאַרלאַמענט, איז דאָס געווען אַ קאַטאַלאַן, כאָאַקין דע פּעדראַבלעס. און ביז הייַנט זענען אַלע סטענאָגראַפיסטן פון פּאַרלאַמענט און סענאַט געווען קאַטאַלאַנען! דער הייַנטיקער סטענאָגראַף, אַוועניר ראָסעל איז אַפילו אַ מחבר פון אַ בוך וועגן סטענאָגראַפיע.

און ניט נאָר זיי. פּונקט ווי ביי וואַסקן, גאַליעגן, שפּאַניער בכלל און איטאַליענער, איז אומעגלעך אויסצורעכענען דעם בייטראָג פאַר אורוגוויי.

קאַטאַלאַנען זענען געווען די גרינדערס פון די ערשטע שולן; די ערשטע היגע דאָקטוירים. אַ קאַטאַלאַן האָט אויפגעבויט אין מאָנטעווי־

דעאָ די ערשטע מיל, אין דער שטאָט־געגנט וואָס הייסט עד היום „פּאַ־סאָ דעל מאָלינאָ" (דורכגאַנג ביי דער מיל); אַ באַטאַליאָן פון קאַטאַלאַנען פון מאָנטעווידעאָ האָט געקעמפט פאַר דער ווידער דעראָבערונג פון בוענאָס איירעס פון ענגלישע הענט; דער גרינדער פון דער ערשטער קאָמעריז - שול הי איז געווען אַ קאַטאַלאַן. עס זענען געווען קאַטאַלאַנען פּראָפעסאָרן אין מעדיצין - פאַקולטעט; דערציערס בכלל, איינשלים־לעך די באַרימטע ענריקעטאַ קאָמפּטע אי ריקע; סקולפּטאָרן; אינדוסטרי־אַלן; דער איינפירער פון ספּעציעלע וויינשטאָקן. דער ערשטער אויסלענ־דער, וועמען אורוגוויי האָט אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט, איז געווען דער קאַטאַלאַן פראַנסיסקאָ ווידיעלאַ. בקיצור — דער ביטראָג פון קאַטאַ־לאַנען פאַר אורוגוויי אויף אָן אַ שיעור געביטן, איז אַסך מער ווי מען קען אויסרעכענען אין אָט דער קורצער אַרבעט.

***

דאָס אינסטיטוציאָנעלע לעבן פון די היגע קאַטאַלאַנען האָט אַ גע נוג - לאַנגע געשיכטע, ווען וועלכער עס זענען פאַראַן דאָקומענטירונ־גען זינט 1880 און ווייטער. די ערשטע גרויסע קאַטאַלאַנישע אינסטיטור־ציע, „סענטראָ קאַטאַלאַן", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1881, האָט שוין געזאָרגט פאַר כאָראַלע קאָנצערטן, פּאָעטישע רעציטאַלן, טעאַטער - פאָרשטעלונגען און אַנד. קולטור - טעטיקייטן.

אין 1885 האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין מאָנטעווידעאָ די ערשטע צייטשריפט אויף דער קאַטאַלאַנישער שפּראַך, „לאַ גראַלאַ". אין 1890 האָבן זיך אויפגעלייזט הן דער „קאַטאַלאַנישער צענטער", הן אַ צווייטע קאַטאַלאַנישע אינסטיטוציע וואָס איז געהאַט געשאַפן געוואָרן און ערשט אין 1908 האָט זיך געעפנט אַ נייער „צענטער", וואָס האָט אָנגעהויבן אַ נייע טעאַטער טעטיקייט און אויך געשאַפן אַ ביבליאָטעק פון עטלע כע טויזנט ביכער, בעיקר פון די קלאַסיקער פון דער קאַטאַלאַנישער לי־טעראַטור. מע פלעגט דאָ אויך קענען טרעפן צום לייענען די וויכטיקסטע באַרסעלאָנער צייטונגען. עס זענען געווען אויך שטרעבונגען עפּעס צו טון אויפן געביט פון קאַטאַלאַנישן שול - וועזן, אָבער עס איז ניט גע־לונגען זיי צו רעאַליזירן. אין 1918 איז דערעפנט געוואָרן דאָס טעאַ־טער „קאַטאַלוניאַ", וואָס האָט עקזיסטירט ביז אויף דעם אָרט איז אויס־געבויט געוואָרן דאָס היינטיקע קינאָ „ראַדיאָ סיטי".

עס זענען אַלע מאָל אויפגעקומען נייע אָרגאַניזאַציע - פּרוון; ווי

אין יעדער קאַלאָניע האָבן אויך דאָ ניט געפֿעלט קיין יונגע עלעמענטן וואָס האָבן געזוכט מער רעוואָלוציאָנערע אויסדרוקן פֿאַר זייער אומרו און פֿאַר זייער צוגעבונדנקייט צו די פּראָבלעמען פֿון דער אַלטער היים. עס זענען אויך אַלע מאָל געווען נייע פּרוּוון פֿון אַרויסגעבן פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

בײַ הײַנטיקן טאָג איז די אײנציקע קאַטאַלאַנישע אינסטיטוציע אין אורוגוויי — „קאַסאַל קאַטאַלאַ", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1926. אין 1927 איז אַ קורצע צײַט דערשינען דער קאַטאַלאַנישער זשורנאַל „רענאַשענסאַ" (רענעסאַנס) און פֿון 1928 ביז 1930 — „נאָווא קאַטאַלוניאַ". פֿון 1931 ביז 1934 האָט עקזיסטירט אַ ראַדיאָ שעה — „האָראַ קאַטאַלאַנאַ", וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אין די היימען פֿון די היגע קאַטאַלאַנען זייער אייגענע מוזיק, פֿאָלקלאָר, די באַליבטע „סאַר דאַנאַ" - קלאַנגען און אַלץ וואָס האָט־אויף אַ געפֿיל צום היימלאַנד מעבר לים.

אין 1936 איז אין מאָנטעווידעאָ פֿאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פֿון קאַטאַלאַנען פֿון לאַ פּלאַטאַ - טײַך (אַרגענטינע און אורוגוויי). אין 1944 האָט דער מאָנטעווידער שטאָט - ראַט געגעבן אַ היגן סקווער דעם נאָמען „לואיס קאָמפּאַניס", נאָכן לעצטן פּרעזידענט פֿון קאַטאַלוניאַ. „קאַסאַל קאַטאַלאַ" האָט אויף דעם סקווער אַוועקגעשטעלט אַ מאָנומענט פֿאַר קאָמפּאַניסן. סקולפּטאָר: זשאָאַן סעראַ.

חוץ „קאַסאַל קאַטאַלאַ" זענען נאָך פֿאַראַן צוויי אינסטיטוציעס פֿון קאַטאַלאַניש - רעדנדיקע: „סירקולאָ דעמאָקראַטיקאָ באַלעאַר" און „רעגיאָנעלער צענטער פֿון וואַלענסיאַ". אין 1959 איז אויך געשאַפֿן געוואָרן דער „אורוגווייאיש - קאַטאַלאַנישער קולטור פֿאַרבאַנד".

***

הגם איך האָב שוין געהאַט די אַלע דאַטן, האָב איך געוואָלט זײַן אויך אין הויז פֿון „קאַסאַל קאַטאַלאַ". עס איז געווען גענוג אַ טעלעפֿאָן-רוף, אַז די פֿאַרוואַלטונגס - מיטגלידער, די ה"ה סוּאַרעס און אולאַן, זאָלן מיך אַהין פֿאַרבעטן צו קומען ווען איך וויל. פֿרײַנד אולאַן האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין ביבליאָטעק - צימער, געעפֿנט די ביכער־שאַפֿעס און מיך געלאָזט בלעטערן וויפֿל מײַן האַרץ גלוסט און מאַכן נאָטיצן. פֿרײַנד סוּאַרעז איז אַרײַנגעקומען כאַפּן אַ קוק און מיר זאָגן אַ פֿרײַנדלעך וואָרט. איך האָב געפֿילט וואַרעמקייט און עפּעס וואָס פֿאַרברידערט

אונדז. דאָס זעלבע געפיל, וואָס עס איז אומעגלעך צו דערקלערן, וואָס איך האָב געהאַט ביים קומען אין קאָנטאַקט אויך מיט די מענטשן פון די אַנדערע עטנישע גרופּעס. איך בין בעיקר געווען פאַראינטערעסירט צו זען די ביבליאָטעק; בלעטערן ביכער אויף קאַטאַלאַניש. ניט וויבטיק וואָס איך פאַרשטיי ווייניק. אַרמעניש פאַרשטיי איך „נאָך ווייניקער" און אויך געפילט אַ טעם אין האַלטן אין דער האַנט אַ צייטונג, אָדער אין דער אַרמענישער ביבל וואָס איך האָב מיר איינגעשאַפט.

אין פאַרהויז איז מיר אויסגעקומען צו זען אויפגעקלעבט אויף דער וואַנט אַ פאָרמולאַר פון אַ בקשה אויפגענומען צו ווערן אַלס מיט־גליד. דער קאַנדידאַט שרייבט זיך אונטער, אַז ער איז מסכים מיט די קאַמף־פּרינציפּן פאַר אַ קאַטאַלוניאַ וואָס זאָל זיין פּאָליטיש פריי און ווי עס זאָל הערשן סאָציאַלע גערעכטיקייט.

אויף אַ גרויסן קאַרטאָן אויף דער וואַנט הענגט די לאָזונג פון ליאַס קאַמפּאַניס: „מיר וועלן ווידער קעמפן, ווידער ליידן און ווידער מנצח־זיין".

אָבער מיט דעם איז נאָך ניט אָפּגעשלאָסן מיין וויזיט אין הויז פון די היגע קאַטאַלאַנען.

ווען איך האָב געבלעטערט אין אַלטן „ווערטערבוך פון קאַטאַלאַנישע שרייבערס און קינסטלער פון 19 טן יאָרהונדערט, פון אַנטאָניאָ עליאַס דע מאָלינס (באַרסעלאָנאַ, 1889), איז מיר נאָך געווען באַשערט צו טרעפן עפּעס, וואָס פאַר מיר איז עס געווען איינער פון טייערסט־מעגלעכע געפינען.

אַסך פון אונדז קענען מן־הסתם אַ ליד, וואָס איז פון יידיש איבערזעצט געוואָרן אויף ענגליש און אויף שפּאַניש און ווערט אומעטום געזונגען מיט דער זעלבער מעלאָדיע. איך ווייס ניט ווי עס הייסט אויף ענגליש, אָבער אויף שפּאַניש האָב איך עס געהערט אָנאָנסירן מיטן נאָמען „מאַדרע" („מוטער") אָדער „מי מאַדרע קערידאַ" („מיין טייערע מוטער").

היינט, ווען דער נאָרד־אַמעריקאַנער יידישער שרייבער אויף ענגליש, דן גרינבערג, האָט אָנגעשריבן אַ הומאָריסטיש־סאַטיריש בוך, „צען עצות ווי אַזוי צו זיין אַ יידישע מאַמע"; ווען דער באַגריף „יידישע מאַמע" איז ניט נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך אין מדינת ישראל און אין לאַטיין־אַמעריקע אַ סינאָנים פון „צופיל געטרייע מאַמע"; געטריי ביז צום שטערן די אַנטוויקלונג פון זון צו דער גייסטי־

קער זעלבשטענדיקייט; היינט, ווען „יידישע מאמע" איז שוין אנגענו־מען אלס חסרון, מעג מען שוין דערציילן, אז אין יידישן אריגינאל הייסט דאס אויבן־דערמאנטע ליד — „א יידישע מאמע".

ס'איז א ליד וועגן דער מוטערלעכער געטריישאפט פון דער יידי־שער פרוי. און דער ניט־יידישער זינגער און הערער פון ליד האט געהאט רעכט צו טראכטן: „צו וואס איז נייטיק צו זאגן „יידישע מאמע"? איז דען ניט יעדער מאמע געטריי ווי א... מאמע? פארוואס עפעס סינאני־מיזירן געטריישאפט דווקא און אויסשליסלעך מיט דער יידישער מאמע?

עמיצער האט אמאל מיט רעכט געמאכט אזא אויספיר: דער פרוי איז שווערער דאס לעבן ווי דעם מאן; דעם ארעמאן איז שווערער דאס לעבן ווי דעם רייכן; דעם יידן איז שווערער דאס לעבן ווי דעם ניט־יידן; טא ווי שווער איז שוין צו זיין אן ארעמע יידישע פרוי!

און ווען אט די יידישע פרוי איז נאך דערצו אזוי ארעם, אז איר קינד מוז עמיגרירן און מע דארף זיך מיט אים צעשיידן, אין די מערסטע פאלן אויף אייביק, ווי שווער איז דאס! האבן דאך יידן געשאפן דעם באגריף „פאפירענע קינדער" וועגן קינדער בלויז אויף פאטאגראפיעס.

און בכלל האבן דען יידישע מאמעס, אין אלע דורות, ניט געהאט דאס פראבלעם: צו וואס געבוירן קינדער? פאר די אינקוויזיטארן? פאר דער פארברעכעריש צערייצטער מאסע, וואס האט זיך אריינגעריסן צווישן די קרייצטרעגערס און אויף אזא אופן געהאט די מעגלעכקייט חרוב צו מאכן צענדליקער יידישע ישובים, אויסהרגענענדיק צענדליקער טויזנ־טער מענער, פרויען און קינדער, אפילו, מער ווי אין איין פאל, קעגן די רופן פון בישאפן מיט גאט אין הארצן? פאר פאגראמשטשיקעס? פאר מאכמעדאנישע שופטים, וואס פלעגן הייסן אפשמדן אויף איסלא־מיש יעדן יידישן יתום?

און דאך האבן יידישע פרויען, נאך פון פרעהס צייטן אן, גע־בראכט קינדער אויף דער וועלט, ווייל איבער אלע גרוילן פון מאמענט האבן זיי געגלייבט אין א געטרעכטן מארגן. א געטרעכטן מארגן אויך פאר אט די קינדער, וואס שוין ביים געבוירן ווערן, זענען זיי אויסגעשטעלט אויף אן א שיעור סכנות.

איז ניט קיין וואונדער, וואס ביי אזא טאג־טעגלעכן גיין אין לעבן מיט דער נשמה אין די הענט און זען איינגעשטעלט מיטן לעבן, אויף יעדן טריט, דאס אייגענע קינד, האט זיך ביי דער יידישער פרוי אנטוויקלט

אַ צו-שטאַרקע עמפּפינדלעכקייט און ספּעציפישע געטריישאַפט פון „אַ יידישע מאַמע".

איז אַט האָב איך אין דעם דערמאָנטן „ווערטערבוך פון קאַטאַלאַנישע שרייבערס און קינסטלער פון 19־טן יאָרהונדערט" געטראָפן, אַז אַ קאַטאַלאַנישע פּאָעטעסע, כאָסעפּאַ מאַסאַנעס (1887־1811)), האָט אין 1837 אָנגעשריבן אַ ליד, „דער מאַמעס קוש", וואָס איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש און אַ ראַט פון ניו־יאָרקער אינסטיטוציעס האָט עס רעקאָמענדירט אַריינצונעמען אין די לערן־ביכער פון דאָרטיקע שולן.

איך קאָן מיט גאָרנישט באַווייזן, אָבער עפּעס אַ געפיל זאָגט מיר אונטער, אַז דאָס דאָזיקע ליד האָט אינספּירירט דעם, וואָס האָט אָנגעשריבן דעם טעקסט פון „אַ יידישע מאַמע". (דער נאָמען פון אויטאָר איז מיר אומבאַקאַנט און איך וואָלט דאַנקבאַר געווען פאַר צוווייסן טון מיר דעם דאָזיקן נאָמען). אַ ליד וואָס האָט שוין געוווּנען אַסך ניט - יידישע הערצער. אויב איך האָב אַ טעות, זאָל מיר דער אומבאַקאַנטער אויטאָר פון „אַ יידישע מאַמע" מוחל זיין. אָבער אויב מיין אינטואיציע אויף דעם געביט, האָט מיך, ווי שוין מער ווי איין מאָל, ניט פאַרפירט, זאָל דאָס זיין אַן אָפּגעצאָלטער חוב דער כמעט שוין פאַרגעסענער קאַטאַלאַנערין, כאָסעפּאַ מאַסאַנעס.

אָט זענען עטלעכע שורות פון דעם ליד. מיר דאַכט זיך, אַז עס שטימט דערין דער ריטם, אַזוי אַז עס קען אפילו געזונגען ווערן מיט דער זעלבער מעלאָדיע ווי „אַ יידישע מאַמע".

מיר איז שווער דאָס איבערצוזעצן אויף יידיש און איך גיב דאָ אַ ציטאַט אין שפּאַנישן אָריגינאַל (כאָסעפּאַ מאַסאַנעס האָט געשריבן אי אויף קאַטאַלאַניש, אי אויף שפּאַניש).

"Felices los que han sentido
Su tierno rostro oprimido
Por el labio maternal!
Dichosos los que han oído,
Y al canto se han adormido
De aquella voz celestial!

Tú no puedes comprender
La dicha de poseer
Lo que tienes, niño, ahora;
Lo que vale esa mujer
Que ríe con tu placer
Y que si tú lloras, llora;

Que vela siempre a tu lado
Con solícito cuidado,
Y tu querer adivina,
Su amor desinteresado
Tan dulce, tan sagrado
Como el aura matutina.

Niño, cuando la razón
Alumbre a tu corazón,
Y veas como es debido
Recuerda con qué ilusión,
Con qué delirio y pasión
Esta mujer te ha querido.

Besa el polvo que pisó
Y la cuna que meció
Con un afán tal prolijo;

— — —

Dirije su tardo paso,
No andes en amarla escaso,
Nunca cual ella amarás."

***

הלוואי געפינט זיך א דיכטער, וואָס זאָל כאָטש די עטלעכע שורות איבערדיכטן אויף יידיש.

היינט, ווען אונדזער וועלט האַלט זיך אין איין פאַרקלענערן, אויף אַזויפיל אַז עס איז פאַר פעלקער אזוי לייכט זיך אָפּצולערנען איינס פון

כ׳אַנדערע אויך דאָס שלעכטע; הײַנט, ווען ניט נאָר ייִדן האָבן אויסצוּשטיין דיסקרימינאַציעס ביז גענאָסיד (געדענק די קורדן! פאַרגעס ניט די אַרמעניער! געדענק ביאַפראַ! געדענק די פּראָפאַנירטע קבֿרים מיט וואַסקישע אויפשריפטן אויף די מצבֿות!); הײַנט דאַרף דעם דאָזיקן ליד „מאַמע”, אָדער „מוטערלעכער קוש” — אַלץ איינס — צוריקגעגעבן ווערן זײַן אוניווערסאַלער כאַראַקטער.

אַזעלכע לידער געהערן מענטשן פון דער גאַנצער וועלט און קענען פאַרבינדן מענטשן פון דער גאַנצער וועלט.

איך וואָלט געוואָלט, אַז קאַטאַלאַנען זאָלן דערפילן וואָס איך פיל צו זיי, ווען איך ברענג דאָ כאָסעפּאַ מאַסאַנעסעס ליד. און זאָלן אַלע פעלקער אַמאָל דערפילן די וואַרעמע ווערטער פון אַ קאַטאַלאַנישער פרוי, וואָס האָט געלערנט מענטשן צו זײַן גוט; אַזוי גוט, ווי עס זענען פעיק זיך צו דערהייבן צו פילן גוטסקייט נאָר מאַמעס.

איציק ווײַנשטעקער

„אורוגוײַ"

ס'איז געווען אין 1938, אין אַ קליין באַסאַראַבער שטעטל. מען האָט זיך שוין געשושקעט, אַז עס שמעקט מיט אַ נייער וועלט - מלחמה, אָבער מע האָט נאָך געהאָפּט, אַז דאָס זאָלן זיין פּוסטע, נאַרישע קלאַנגען. הגם דער אומרו איז שוין געווען צום אָנטאַפּן, האָט עס אָבער נאָך ניט געקענט שטערן דעם פון לאַנג - איינגעשטעלטן, אויטאָמאַטיש - געדייענדיקן לעבנס - שטייגער אין הויז פון דורכשניטלעכן יידן.

אין איינעם אַזאַ מין הויז, אין אַ פּשוטן מיטוואָך, בעת מען האָט שוין געהאַלטן ביים קאָמפּאָט פון בעל־הביתישן מיטאָג, איז צורייד געקומען וועגן דרום - אַמעריקאַנער שטעט און לענדער. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און עס איז אַנטשטאַנען אַ חלוקי - דעות צווישן מיר און מיין קינפּטיקן צוועלף - יאָריקן שוואָגערל, בּאָריאַ. ער האָט געטענהט אַן איינגעשפּאַרטער, אַז דאָס לענדל וואָס האָט מאָנטעווידעאָ פאַר אַ הויפּט־שטאָט, הייסט „אורוגואַי" און איך, אַז עס הייסט „אוראַגואַי", מיט אַ פּתח-אַלף נאָך דער „ר", איך בין געווען זיכער, אַז איך בין גערעכט, ווייל אַ סימן „פּאַראַגואַי־אוראַגואַי" — סע גראַמט זיך (אפשר ווייסט איר פאַרוואָס עס מוז זיך גראַמען?!) און ער האָט זיך געהאַלטן אייזן־פּעסט, מיטן מוט פון אַ 12־יעריק ייִנגעלע, וועלכער וואַגט זיך קעגנצו־שטעלן „גרויסע", אַז נאָר און נאָר „אורוגואַי". ס'איז געבליבן אַז מיר וועטן זיך אויף אַ לעי, בלויז אויף איין לעי, נאָר דערפאַר ווייל מער וואָלט קיין איינער פון אונדז נישט געקאָנט באַצאָלן אין פאַל ווען ער זאָל פאַרשפּילן. די זעקס בני־בית מיט מיר אין איינעם זענען געבליבן זיצן געשפּאַנטע ביים טיש; דער 12־יעריקער באָריאַ איז אריין אין צווייטן צימער, אַרויסגעבראַכט זיין לערן - בוך פון 2-טן קלאַס גימנאַזיע, מיט ציטערנדיקע פינגער אַ מיש געטאָן עטלעכע בלעטלעך און אונ־טער דער נאָז מיר אונטערגעטראָגן דאָס וואָרט, אַ כשר אמתדיק אָנגע־שריבנס מיט לאַטײַנישע אותיות: „אורוגואַי". אַלע בליקן האָבן זיך אָפּ־

געשטעלט אויף אונדז בײדע: דאָס קינד מיטן אײנגעהאַלטענעם גליק־אויסדרוק אין די קלוגע אויגן און איך — מיטן אידיאָטישן שמײכל פון אַלע גרויסע, װעלכע מאַכן זיך ניט קײן צימעס בעת זײ פאַרשפּילן קעגן קינדער.

כ'האָב באַצאָלט מײן לעי און אױס „אורוגואַישע חשבונות" מיט באָריאַן. באָריאַ איז אין דער צייט פאַרטריבן געוואָרן מיט כמעט זײן גאַנצער משפּחה, קײן טראַנסניסטריע. פריער האָט ער געזען ווי עס שטאַרבט דער טאַטע; דערנאָך די מאַמע; דערנאָך — אַ שוועסטער; דערנאָך האָבן אַנדערע געזען ווי ער אַלײן שטאַרבט. אויב ער האָט אין טראַנסניסטריער גהינום זיך אַמאָל געקוויקט מיט זכרונות פון „אַמאָליקן" נאָרמאַלן לעבן, פלעג ער זיך אוודאי דערמאָנען די רואיקע, גע־מיטלעכע שפּעט־זומער־טעג אין דער היים. אפשר האָט ער, בשעתן שפּינען אַזעלכע זכרונות־פעדים, זיך אויך דערמאָנט אין יענעם מיט־וואָך, ווען ער האָט געוואונען קעגן מיר דאָס געוועט „אורוגוואַי־אוראַגוואַי" און אפשר האָט די דערמאָנונג פון דאָזיקן עפּיזאָד באַשאַפן אַ גליק־שמײכעלע אויף זײנע ליפּן. אַ שמײכל־בלימל אין דער סאַמע מיט פון צום טויט־פאַרמשפּטע און קברנים. מער חשבונות האָט ער מיט אורוגוואַי נישט געקענט האָבן.

בײ מיר איז עס אָבער געגאַנגען גאַנץ אַנדערש. מײן אָנקער מיט אורוגוואַי האָט זיך אָנגעהויבן דורכן פאַרשפּילן אַ לעי און ביז הײנט האַלט בײ מיר אורוגוואַי אין אײן געווינען און געווינען. אָט ווי אַזוי:

דאָס לעבן האָט מיך געפירט וואָס אַמאָל אַלץ נענטער אַהער. כ'בין מגולגל געוואָרן אין אַ דרום־אַמעריקאַנער מדינה, אין וועמענס פּרעסע מע האָט שוין אָפּט געקענט זען דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן לאַנד, נע־מען פון זײנע פּאָליטישע פירערס און אַסך ליב־ווערטער וועגן זײן סאָציאַלן רעזשים. כ'פלעג הערן אַז ס'איז אַ לאַנד וווּ מע שטערט קײנעם ניט צו רײדן און צו שרײבן וואָס מע וויל. מענטשן פון דער גאָרער וועלט, וועלכע זענען צעקריגט מיט די רעגירונגען פון זײערע לענדער פאָרן זיך צונויף קײן מאָנטעווידעאָ און האַלטן דאָ אָפּ קאָנגרעסן. עפּעס אַ לאַנד פאַר אַנטלאָפענע און געראַטעוועטע. עס האָט מיך געצויגן אַהער און איך האָב מיר אַרײנגענומען אין קאָפּ אַרײן, אַז כ'וועל אָנקומען קײן אורוגוואַי.

איך היפּער דאָ איבער אַלע שוועריקייטן וואָס איך האָב געמוזט באַזיגן, כדי אַהער אָנצוקומען. אויסשטײגנדיק פון דער שיף האָב איך

געפֿילט, אַז נאָך איין „מלחמה" אַזאַ וואָלט איך שוין ניט געקענט אונ־טערנעמען. איך האָב קוים געזשיפּעט, אָבער געווען דאָ...

כ'האָב באַלד געקראָגן אַרבעט; אַ שווערע, אָנשטרענגענדיקע אַרבעט; אָן אַרבעט ביי וועלכער דו הונגערסט דיך אָפּ אָן, אַזוי אַז עס בלייבט דיר שוין ניט קיין כּוח צו עסן; ביי וועלכער דו ווערסט אַזוי מיד — אַז קענסט שוין סיי - ווי ניט שלאָפֿן; ביי וועלכער דו זעסט אַזוי לאַנג ניט קיין פּיצל זון און בוים, אַז דערנאָך, ווען דו זעסט זיי שוין יאָ, ביזטו שוין ניט פֿעיִק צו פֿילן אַ טעם אין זיי; אָן אַרבעט ביי וועלכער דו בענקסט אַזוי לאַנג צו זיין מיט זיך אַליין אַז ווען דו ביזט עס שוין דאַן טרעפֿסטו זיך אַזאַ אויסגעהוילט - פּוסטן און נודנעם, אַז דו ווייסט אַליין ניט וווהין פֿון זיך צו אַנטלויפֿן.

דאַכט זיך אַז אין יענער צייט פֿלעג איך אַמאָל פֿאַרגעסן, אַז איך בין אין אורוגוואַי. איז אָבער געקומען אַ דערמאָנונג.

אין אַ פֿאַרטאָג איז געבוירן געוואָרן איינער פֿון מיינע זין.

געבוירן געוואָרן און געשוויגן. געשוויגן מיט דער שווייגעניש פֿון איינעם וואָס וויל מיט דיר נישט האָבן קיין שום מחזקות. פֿון איין זייט — ער; פֿון דער אַנדערער — דאָס לעבן, די וועלט. און ער וויל איר ניט זאָגן קיין גוט־מאָרגן, ער וויל איר ניט אויסשטרעקן קיין האַנט. ער וויל זיך מיט איר איינגאַנצן נישט אָנהייבן. ער איז איר אַלץ באַצייטנס מוחל. זאָל זי אים נאָר צורו לאָזן און ער לאָזט זי אויך צורו. ער וויל ביי איר גאָרניט, גאָרניט, גאָרניט.

איך בין געשטאַנען ווי אַ געליימטער. ס'איז מיר שוין ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, כ'בין געווען זיכער, אַז אויך ער וועט זיינס אויספּירן. אַזאַ דערפֿאַרונג האָב איך שוין געהאַט. כ'בין געשטאַנען שטום און גרייט אויסצוטרינקען נאָך אַ בעכער ביזן דנאָ. עס קען דען זיין אַנדערש?

— יאָ! — האָט געענטפֿערט די הייבאַם.

זי איז צו צום טעלעפֿאָן און געוואָלט עמיצן אָנרופֿן. כ'האָב זי אָפּגעשטעלט: „רוף ניט קיינעם. כ'פֿאַרמאָג ניט קיין פּופּציק סענט און האָב ניט אויף וואָס קוקנדיק ביי עמיצן עפּעס צו לייען".

זי האָט מיך אָפּגעשאַרט. כ'האָב געהערט ווי זי רעדט דאָרט עפּעס אַריין. עמיצער פֿרעגט עפּעס און זי ענטפֿערט. כ'האָב גאָרניט פֿאַרשטאַנען און ס'מיך גאָרניט אָנגעגאַנגען, ס'איז מיר געווען אַבסאָלוט אַלצייינס. כ'האָב געוווסט, אַז דאָס קליינע נפֿשל, וואָס ליגט דאָרט אינ־גאַנצן אָן איינגעוויקלטס און שטומט, וועט זיינס אויספּירן.

אורוגוואַרצלען

אין אַ שעה אַרום נאָך דעם ווי דאָס נפֿשל איז געקומען אויף דער וועלט, בין איך שוין געשטאַנען אויף דער גאַס סיעררא, נומער 1796, אין אַ הויז וואָס טראָגט אַ שילד: „קאַסאַ דעל ניניאָ" (דאָס הויז פֿון קינד). איך בין געשטאַנען פֿאַר אַן עלטערער פֿרוי. זי האָט עפּעס אויסגעפֿרעגט און איך האָב באַדאַרפֿט ענטפֿערן.

דער עיקר האָט פֿאַר מיר געענטפֿערט די הייבאַם און איך האָב נאָר פּאַטאַקעוועט:

— יאָ. אַזוי הייס איך.

— יאָ. דאָס איז מיין פֿאַמיליע.

— יאָ. ער איז אַלט אַ שעה.

— יאָ. ס'איז מיין זון.

— יאָ. ער הייסט אורי (געטראַכט האָב איך: ווי קען ער „הייסן", אַז ער איז נישטאָ און וועט ניט זיין? נאָר אַ דו ווילסט זיך גראָד שפּילן אין נעמען, נאַ דיר אַ נאָמען).

זי האָט מיך ניט געפֿרעגט ווי לאַנג איך בין אין לאַנד. ניט צי כ'צאָל שטייערן. ניט — אין וואָס איך גלויב און ניט — וויאַזוי איך דין גאָט. מיך ניט געפֿרעגט פֿון וואַנען איך קום און ווער איך בין. וואָס פֿאַר אַ צייטונג איך לייען און צי האָב איך געלייענט „אַריעל". זי האָט בלויז געפֿרעגט דאָס וואָס איך האָב אויבן אויסגערעכנט. מער גאָרניט. זי האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ גרין קאַרטל — אַ קבלה, וווּ ס'איז געשטאַנען אָנגעשריבן, אַז אין דעם און דעם טאָג האָב איך איבערגעגעבן אַ קינד.

און אָט בין איך שוין ווידער אין דרויסן. כ'זע נאָר דורך אַ גלעזערנער טיר, ווי דאָס פּעקל, וואָס כ'האָב איבערגעלאָזט, גייט עפּעס פֿון איין פּאָר מיידלשע הענט אין אַ צווייטער און אָט פֿאַרשווינדט עס מיט אַ מיידל הינטער אַ טיר. איך באַטראַכט מיינע אָרעמס און הענט: לאַנגע אָרעמס, אַ פּאָר געזונטע הענט — האַלטן אַ קליין גרין קאַרטל מיט אַ נומער. אַז מע וויל זיך אָנשטרענגען, קען מען אים קוים איבערלייענען: 9324. יענץ פּעקל, הייסט עס, איז איצט 9324.

דעם צווייטן טאָג. אַז איך בין אַהין געקומען, האָט מען מיר געזאָגט אַז ניין. אַ נומער איז עס טאַקע, נאָר אַ קלענערער — נומער 15. סע ליגט אין בעטל נומער 15. אַז כ'פֿלעג נאָר עפֿענען די טיר פֿון גאַסצו, פֿלעג שוין איין מיידל רופֿן צו דער צווייטער: „על פּאַפּאַ דעל קינבע". — („דער פֿאָטער פֿון נומער 15") דאָס האָט מען מיך געמיינט.

דער ערשטער האָט מיר אַזאַ נאָמען געגעבן ד"ר רענע מאַניאַל. מע האָט מיר געהאַט אויף אים אָנגעוויזן, אַז אין זײַנע הענט ליגט מײַן זונס לעבן. אַז כ'האָב עס אים געפֿרעגט, האָט ער געליקנט שטײַן און בײן. ער קען עפּעס? עס הייבט זיך גאָרניט אָן!

און ער האָט מיר אָנגעהויבן אויסצורעכענען ווי אומבאַהאָלפֿן ער איז, ווי ווייניק מען ווייסט נאָך בכלל אין ביאָלאָגיע, ווי אומבאַהאָלפֿן און בלינד - טאַפּעריש די גאַנצע מעדיצין איז נאָך. כ'האָב באַלד געזען, אַז אַלץ איז אומזיסט. ווײַל אין וועמען זאָל איך דאָ גלויבן? אַז דער גאַנצער דאָקטער איז עפּעס אַ יונגער, קלײנגעוויקסיקער בחור מיט אַ בלאָנד. געקרייזלט קעפּל און אַ פּאָר צו גרויסע ברילן פֿאַר זײַן קאַרנאָסע נעזל. שטענדיק לאַכט ער, קלוגערט זיך, רעדט וועגן מײַן זונס שאַנסן צו בלײַבן לעבן און שמייכלט! און דאָ גייען דורך מיידלעך, פֿלעגערינס, כאַפּט ער מיט זיי אַ וואָרט, אַ שמייכל. מע לאַכט, מע זאָגט זיך אַריין. קען אַזעלכע מענטשן אָנגיין מײַן זון?

די מיידלעך, אָנגעטוענע אין אַזעלכע ווייסע, שטרענג-געקראָכמאַלע-טע כאַלאַטן - פֿאַנצערס. אַ גליק זיי טראָגן כאָטש ניט קיין שלייערן. זע איך טאַקע אַז זיי האָבן אויגן און ברעמען און מײַלער. אָט זענען אַ פּאָר גרויסע, גרויע אויגן, וואָס מיט צען טאָן שטאָל וועסטו ניט פֿאַר-פֿאַנצערן די אויסשטראַמונגען פֿון זייער בליק. אי דו ווילסט זיך נאָך אַמאָל אומקערן צו זיי (האָסט דאָרט עפּעס פֿאַרגעסן?) אי דו בריסט זיך אָפּ. אָט זענען ברעמען, וואָס טוען זיך אַ פֿאַרצי אַזוי מענטשלעך - ערנסט און קלוג. אָט זענען מײַלער וואָס ענטפֿערן אַזוי קאַלט אויף דײַן באַגריסונג און שמייכלען אַזוי מלא גדולה צו אַ פּיצל אין באַפֿלעקטע ליילעכלעך!

אָט גייען די דריי - יעריקע קינדער עסן. אַ לאַנגע שורה קינדערלעך, איינס הינטערן אַנדערן, ציט זיך צום עס - צימער. אַלע שאַטירונגען האָבן די האָר פֿון זייערע קעפּלעך און די הויט פֿון זייער פּנים. אַ לאַנגע פֿאַרבן - גאַמע וואָס הייבט זיך אָן מיט אַפֿריקאַנישן עבאַן - האַלץ און ענדיקט זיך מיט נאָרדישן בלאָנד. אַלע קוועלן גלײַך און צו אַלע שמייכ-לען גלײַך די פֿלעגערינס. האָבן זיי געלייענט פּרצ'ס „אַלע מענטשן זענען ברידער"?

אָט איז אַ שפּיל - צימער: פֿערדלעך, הוידלקעס, קליינע טישאָון - בענקעלעך, באַלן און צאַצקעס.

אורוגוואַרצלען

— ווי שיין ס'איז וואָס די רעגירונג קען דאָס אַלץ איינשאַפן, — זאָג איך איין מאָל צו ד"ר מאַניאַל.

— יאָ, — ענטפערט ער מיר, — די רעגירונג טוט וואָס זי קען, אָבער ניט אַלץ קען זי. אַביסל שענקען אויך פּריוואַטע מענטשן. אָט האָלט איך איצט אין אָרגאַניזירן אַ 30 פּריילנס וואָס וועלן שטריקן לייבלעך און זעקעלעך פאַרן קליינוואַרג, פון זייער אייגענער וואָל. און ער צעלאַכט זיך ווידער און פאַרשווינדט: ערגעץ מעקעט אַ פאַרשווינדל.

פערצן טעג איז מיין זון דאָרט אַפּגעווען. אויפן פופצענטן טאָג האָט מען מיר געהייסן אים אַהיימנעמען. מע דאַרף פריימאַכן דאָס פּלאַץ פאַר אַן אַנדערן. און מיט דער וועלט האָט ער זיך דאָך שוין איבערגעבעטן!

ס'האָט מיר אים אַבערגעגעבן די פלעגערין, וואָס האָט אים אַמאָל צוגענומען און אויף אים מיר אַרויסגעגעבן אַ קבלה.

כ'האָב יוצא געווען און געפרעגט — וויפל איך בין שולדיק פאַר דעם אַלעמען.

— גאָרניט.

כ'האָב עפּעס אַ דריי - פיר מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט „אַ דאַנק" און זיך געפילט אַזוי קליין, אַזוי אומבאַדייטנדיק קעגן אָט דער פרוי און קעגן דעם וואָס שטייט הינטער איר.

ס'איז שוין אַ מעשה פון איבער דריי יאָר, אָבער איך דערמאָן עס היינט, צו דיין געבוירן - טאָג, אורוגוויי.

און אַז איך דערמאָן עס זע איך שוין אַזויפיל אַנדערע זאַכן.

אָט בין איך אַהער געקומען אויף 30 טעג און איך וווין שוין דאָ פינף יאָר און דו האָסט עס מיר קיינמאָל ניט אויסגעוואָרפן. קיינמאָל מיך ניט „רייך געמאַכט".

איך באָד זיך אין דיינע וואַסערן, רו אין דיינע פאַרקן, שפּאַציר אויף דיינע גאַסן, באַוווּנדער דיינע קינדער, האָב הנאה פון דיינע זון - פאַרגאַנגען, און וואָס האָב איך דיר געגעבן ביז היינט! אורוגוויי?

אפילו קיין סענט שטייערן האָסטו מיך נאָך ניט געמאָנט.

איך אַרבעט — מאָנסטו ביי מיר נאָר אַ פאַרזיכערונגס - שטייער אויף דער עלטער. איז עס דאָך פאַר מיר גופא. אָבער דיר, דו קאָלעקטיוו וואָס הייסט אורוגוויי, וואָס האָב איך דיר געגעבן?

אָדער איז דיר גענוג, אַז אויך איך, זאָל זיך דאָ פילן גוט? איז דאָס דיין השגה וועגן רייכקייט — דאָס לעבן און גוט-פילן-זיך פון די וועלכע וווינען אין דיינע גרענעצן? מיינסטו אויך מיך, אורוגוויי?

ווען איך בין געווען „גרין" און אמאַרעמסטן, האָסטו, דו וועלכע האָסט מיר קיינמאָל גאָר ניט צוגעזאָגט, מיר דערלויבט צו געניסן פון דיינער אַן אינסטיטוציע, וועלכע קאָסט דיך הונדערטער טויזנטער און איז גאָרניט אָפּצושאַצן.

ווען ניט דיין געזעגנבונג, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אויך פאַרן גר; ווען ניט די ערנסטקייט פון דיין זון, ד"ר מאַניאַל: ווען ניט די האַרציקייט פון דיינע טעכטער, די קינדער - פלעגערינס; ווען ניט דאָס אַלץ — וואָלט איך היינט ניט געהאַט קיין זון. און ווי אומקאָנדיציאָנעל דו ביזט צו מיר געווען פאַרן געבן מיר אָט די מתנה, אַזוי ביזטו גע־בליבן אויך דערנאָך. כ'האָב נאָך פון דיר קיינמאָל ניט געהערט: „העי, דו! כ'האָב דיר געגעבן דאָס טייערסטע, אַ שטראַל טרייסט פאַר דורות פיין און טרויער הינטער דיר, זענט איר דערפאַר ביידע, דו מיט דיין טייערסטן אין איינעם, — מיינע!".

האָסט מיך נאָך קיינמאָל ניט געפרעגט וואָס איך לייען, וואָס איך זאָג, וואָס איך דענק; מיט וועמען איך רעד און מיט וועמען איך חבר זיך; וועמען איך שרייב בריוו און פון וועמען איך באַקום בריוו.

איך האָב אין די פינף יאָר געקענט אויסדינגען אַלע עבודות - זרות אין וועלכע עס זאָל זיך מיר אויף איין רגע געווען אויסדראַכטן, אַז דאָס איז ער, מיין אמתער גאָט, און קיינעם זאָל עס גאָרניט אָרן, קיינער זאָל מיר קיין דעה ניט זאָגן.

האָסט זיך אפילו קיינמאָל ניט אינטערעסירט צי בין איך צו דיר אויפמערקזאַם, צי ווייס איך שוין כאָטש וועגן דיר מער ווי אין 38-טן יאָר. געדולדיק האָסטו מיך געלאָזט אַליין זיך דערוויסן, ניט נאָר אַז דו שרייבסט זיך מיט אַ „ו" נאָך דער „ר", נאָר אויך אַז דו שרייבסט זיך מיט אַ „ב" פון באַוווּנדערונג, מיט אַ „ד" פון „דרך־ארץ", מיט אַ „ח" פון חן, מיט אַ „ט" פון טאָלעראַנץ און מיט אַ „פ" פון פרייהייט און פאַרשטענדעניש.

און דערפאַר וועל איך דיך ניט פאַרגעסן, ווו איך זאָל ניט זיין. איך קען דיך ניט פאַרגעסן. וואָס מער מע איז שמעצן שולדיק, אַלץ שווע־רער פאַרגעסט מען אים. און איך האָב דאָ אויסגערעכנט נאָר אַ טייל פון דעם וואָס איך בין דיר שולדיק, אורוגוויי.

„פאָלקסבלאַט", 25־טער אויגוסט 1949.

ביבליאגראפיע:

אלגעמיינע ענציקלאפעדיע. — ניו־יארק.

Alem, Jean-Pierre: Armenia, Buenos Aires 1963.

Azcue, Resurrección María de: Literatura Popular del pueblo vasco. Madrid 1935.

Benavídes, Manuel D.: Guerra y revolución en Cataluña. México 1946.

Blasco Ibáñez, Vicente: Los muertos mandan. Madrid 1909.

Campión, Arturo: El genio de Nabarra. Buenos Aires 1942.

Casás Fernández M.: Proceso de Cataluñismo. Madrid 1932.

Castelao, Alfonso R.: Los dos de siempre. Valencia 1937.

Correa Calderón E.: Indice de utopías galleaas. Mad. 1929.

Dedeu Martín: El cataluñismo en acción. Bs. Aires 1919.

Elías de Molins, Antonio: Diccionario de escritores y artistas catalanes del siglo XIX. Barcelona 1889.

Enciclopedia Espasa - Calpe: Galicia.

Gallop Rodney: Los Vascos. Madrid 1948.

González López, Emilio: Grandeza y decadencia del reino de Galicia. Buenos Aires 1957.

Larch, J.: Cataluña y la nacionalidad española. Madrid 1927.

Lin Yu Tang: Mi patria y mi pueblo. Buenos Aires 1950.

Loewnstamm Kurt: O hebraista no trono do Brasil: Imperador D. Pedro II.

López Mendizabal, Isaac: Breve historia del país vasco, Buenos Aires 1945.

Michelena Luis:: Apellidos vascos, San Sebastián 1953.

Murguía Manuel: Galicia. Barcelona 1888.

Neffa Laila: Líbano. Montevideo, 1943.

Oddone, Blanca Paris de: Figuras e Instituciones catalanes en el Uruguay. Montevideo, 1960.

Otaegui Tomás: Los vascos en el Uruguay. Bs. Aires, 1943.

1er. Congreso Gallego - Americano. Montevideo, 1920.

Suárez Constantino: Galicia, la calumniada. Madrid, 1923.

Werfel F.: Los cuarenta días del Musa Dagh. Barc., 1948.

Zubillaga Barrera, Carlos A.: Artigas y los derechos humanos. Montevideo, 1966.

Zubillaga Barrera, Carlos A.: Castelao no arte galego, Montevideo, 1966 (?).

Zubillaga Barrera, Carlos A.: Los gallegos en el Uruguay. Montevideo, 1966.

ביז איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „זריעה"

זעליק באַרדיטשעווער — לידער מיט ניגונים (מיט נאָטן) 1948.

איציק ווײַנשענקער — פאַר אַלט־נײַע התחייבותן, 1948.

שמואל איזבאַן — די שטאָט פון צאָרן (ניו־יאָרקער דערציילונגען) 1955.

איציק ווײַנשענקער — פשוט מתוך ליבשאַפט, 1955.

י. ווײַנשענקער — בוידעס און מיטבוידעס פון יידישן ישוב אין אורוגוויי, 1957.

שלמה אבן־שושן — באַבי יאַר, 1962.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַרויס פון דרוק
אין נאָוועמבער 1969, און איז געדרוקט
געוואָרן אין דער יידיש - שפּאַנישער
דרוקעריי פון בערל רעזניקאָוויטש.

מאָנטעווידעאָ — אורוגוויי